בס"ד / שנה ו' / שבועות / נומער 311

# בלעטל

- **גענזאלצענע בריסקעט**
  משה ארי' שניצלער
- **די באהאלטענע סוד**
  ישראל דוד העסקעל
- **א שבועות סעודה מיטן ראש ישיבה שליט"א**
  איי-סקרים - איך שרי' צום אייבערשטן
- **געשאסן פונדאמענט פארן צווייטן בנין אין אומאן**
  היכל הקודש נייעס

## מה אהבתי תורתך



## שלום לרחוק ולקרוב

זיין לעבן אין פובליק סקול / **געגאנגען דינען אין אמעריקאנעם מיליטער** / שפעטער א לעבן פון שוואויל טאג און ליידיגקייט / **דערנאך זיין מיטמאכענישן ביי טערעפיסטן** / ביז זיין פרייליכע יעצטיגע לעבן פון זיין א פרומער איד וואס היט תורה ומצוות. **אן אפענעם שמועס מיט מו"ה יעקב שאלום הי"ו.** שלום צווישן אידן.

- **יואל נחמן גלויבער**



## ועל גרי הצדק

**די אומבאקאנטע געשיכטע פונעם גר צדק ר' ישראל בן אברהם גארדאן ז"ל פון ענגלאנד.** זיין יונגע יארן זיך אננעמענדיג פאר די שווארצע קנעכט / **די יארן פון זיין פארמישט אין די רעגירונג פאליטיק** / צווישן די תפיסה ווענט / **ווערט א פולשטענדיגער איד.** כי גרים הייתם.

- **יואל שניצלער**

## קרית ברסלב סטאנציעס

ערשטמאליגע בילדער-פראיעקט לכבוד יום טוב מיטן אריינבליקן הינטער די קוליסן פון איקאנישע לאקאציעס אין אט אונזער היים-שטעטעלע קרית ברסלב ליבערטי, וואס טראץ זיי געפינען זיך ביי אונז אין בעקיארד זענען זיי נאכאלץ פארבארגן פון אונזערע אויגן.

- **שמואל אייכנשטיין - יואל וועבערמאן**

| | |
|---|---|
| 05 | קול הברה |
| 06 | שטעטל נייעס |
| 07 | אלץ און אלעמען |
| 10 | בריוו פון ראש ישיבה |
| 12 | ועל גרי הצדק |
| 20 | מעשה פון א צדיק |
| 22 | היכל הלכה |
| 28 | סטאנציעס |
| 42 | געדאנקען |
| 44 | היכל הלכה |
| 48 | שבת טיש |
| 41 | שלום לרחוק ולקרוב |



**בס"ד**

יו"ט
שבועות
תשפ"ו

**נומער**
**313**

שנה ו'


















**רעדאקטאר:** אברהם הערש וועבערמאן, **רעדאקציע:** אברהם יצחק אייזנער, אברהם משה הכהן שטראססער, אהרן קליטניק, בערל שניצלער, מ. מאנן, גרשון קרעמער, יואל וועבערמאן, יואל שניצלער, יודא לייב וויס, ישראל דוד העסקעט, משה ארי' שניטצלער, שמואל אייכנשטיין, משה ראזענבערג, ישראל קרויס.


# בלעטל


**845.379.1161**
136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747
**Editor@bletelmagazine.com**
צו באקומען אויף פאסט:
718.387.2691
subscribe@bletelmagazine.com
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Bletelmagazine.com
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל: 053.315.6938





כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפירן שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.

בית המדרש
היכל הקודש
קרית ברסלב
בהתייסדות כ"ק מוהרא"ש ז"ל • בנשיאת הראש ישיבה שליט"א
181 Huschke Rd. Hurleyville, NY 12747

בית המדרש
לתורה ולתפילה

היכל התורה

אוצר הספרים

מקוה

כולל להוראה

# יום טוב שבועות

## מנחה ערב יום טוב........................ 9:00

## תיקון ליל שבועות........................ 1:30

## שחרית ערשטע טאג................... 11:00

## קריאת התנאים און מנחה............. 8:15

## שחרית צווייטע טאג................... 10:00

## מנחה ושל"ס וקריאת הכתובה....... 7:30

מוצאי יום טוב וועט אם ירצה השם פארקומען פריילליכע טענץ.

הגבאים

# תורת השם תמימה

# שער בלאט

ראדאקטארישע
אריינפיר
צום בלעטל

**אברהם הערש וועבערמאן**

# חג הקציר

מיט א דאנק צום אייבערשטן און מיט פילע הרגשים זעצן מיר זיך אראפ צאמנעמען די מוח אויפן פאפיר, און שניידן די פירות פון אלע פראיעקטן וואס מיר ברוך השם האבן אלע אהערגעשטעלט פאר אנשי שלומינו לכבוד יום טוב שבועות.

מיר הייבן אן מיט גאר א וואונדערליכע פאסירונג פון א אומבאקאנטן גר ר' ישראל גארדאן ז"ל, וואס האט געלעבט 250 יאר צוריק, פון וואו ער האט געשטאמט, וואו האט ער געוואוינט, ביז צו זיין ענדע, זיין פטירה אין תפיסה. באשריבן דורך אונזער טאלאנטפולער ידען מו"ה יואל מנחם גרשון שניצלער הי"ו. גאר אסאך ארבעט איז אריין דעריין, פון נאכזוכן אלע דעטאלן פון זיין היסטאריע, ביז צו טרעפן די אלטע היסטארישע בילדער.

דערנאך האבן מיר פאר אייך עפעס גאר א ספעציעלע אינטערוויו, מיט א חשובער איד, וואס איז לעצטענס געווארן געוואר אז ער איז א איד. זיין לעבן אין פובליק סקול, זיין דינען אין אמעריקאנעם מיליטער, שפעטער א לעבן פון שוואויל טאג און ליידיגקייט, שפעטער זיין מיטמאכענישן ביי טערעפיסטן, ביז זיין פרייליכע יעצטיגע לעבן פון זיין א פרומער איד וואס היט תורה ומצוות. געברענגט צו אייך דורך מו"ה יואל נחמן גלויבער הי"ו פון לינדען.

ר' יואל נחמן נ"י איז געזיצן מיט דעם איד פאר שעות, און געהערט פון איס זיין גאנצע געשיכטע, און עס דערנאך אראפגעשריבן, אזוי אויף האט ער געמאכט זיכער אז מיר זאלן האבן די ריכטיגע בילדער. מיר האפן אז איר וועט דערפון הנאה האבן און ארויסנעמען דערפון די ריכטיגע מוסר השכל.

פון דארט גייען מיר צו אן ערשטמאליגן פראיעקט וואס די בלעטל האט נאכנישט געהאט ביז היינט, גערופן מיטן נאמען "קרית ברסלב סטאנציעס" כשמו כן הוא, מ'לאזט זיך ארויס אין אסאך אומבאקאנטע סטאנציעס אין שטעטל, וואו מען טרעפט חשובע אינגעלייט זיצן ביי זייער אפיס, ביי זייער שאפ און אזוי ווייטער, און פון דארט פארציילן זיי וואס זיי טוען אויף אינטער די קוליסן פארן שטעטל.

דאס איז צאמגעשטעלט געווארן דורך אונזער טאלאנטפולע שרייבער מו"ה שמואל אייכנשטיין הי"ו צוזאמען מיט זיין שותף מו"ה יואל וועבערמאן הי"ו וואס האט אפגעכאפט אט די אלע סטאנציעס. אונזער געוואלדיגער גרעפיקער מו"ה בערל שניצלער הי"ו האט דאס פאכמאניש צאמגעשטעלט אויף א הערליכע סטיל וואס די בלעטל ליינער האבן נאכנישט געזען ביז היינט.

ספעציעל קומט זיך א דאנק פאר אונזער מייסטער גרעפיקער מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו וואס האט סיי אהערגעשטעלט די דעקלעך, און אזוי אויך האט ער דעזיינט אפאר באשרייבונגען און נאך.

מיר האפן אז איר וועט פון די אלע באשרייבונגען, ארטיקלען, אינטערוויוס גאר שטארק הנאה האבן און ארויסנעמען די ריכטיגע לעקציעס צו קענען לעבן אויף דער וועלט א גוט לעבן מיטן אייבערשטן בגשמיות וברוחניות.

ברוך השם אז מען האט נאכאמאל די זכיה צו קענען אהערשטעלן ביי די פרויען מאגאזין "אינדערהיים", א גאר הערליכע יום טוב פראיעקט, צאמגעשטעלט פון גאר שיינע שרייב ווערק.

צום ערשט האבן מיר פאר אייך א הערליכע אינהאלטסרייכע שמועס מיט מרת בערגמאן תחי' גערופן מיטן נאמען "אויף בערגיגע וועגן", וואס איז געווארן א חלק פון כלל ישראל פאר צוואנציג יאר. זי פארציילט וויאזוי דער אייבערשטער האט איר געהאלפן און העלפט איר אין אלע אירע מצבים פון לעבן, ובפרט ביי די מיטמאכענישן פון ווארטן אויף קינדער יארן לאנג, ביז זי האט ברוך השם זוכה געווען צו צוויי לעכטיגע מתנות פונעם אייבערשטן א צווילינג, א אינגל און א מיידל, היינט שוין גרעסערע קינדער.

אזוי אויך האבן מיר א צאמשטעל פון אפאר שמועסן פון טייערע נשים צדקניות, די ווייבער פון אונזערע חשוב מלמדים, וואס זיי פארציילן די שוועריקייטן וואס מאכט זיך ווען מ'האט א מאן א מלמד, און פון די אנדערע זייט די זכיה וואס מ'האט צו זיין די ווייב פון א מלמד תינוקות, און אזוי אויך ארויסהעלפן דעם מאן וואס מ'קען נאר.

אזוי אויך איז דא פאר אייך הערליכע ארטיקלען פון די חשובע שרייבערינס וואס חוץ וואס זיי שטעלן אהער געוואלדיגע ארטיקלען יעדע וואך, האבן זיי יעצט לכבוד יום טוב געברענגט פאר די חשובע ליינערס רייכע באשרייבונגען. ליינט און האט הנאה.

*אברהם הערש וועבערמאן*



דיין תורה ווארט אויף דיר: פרנס היום $1,800 פרנס השבוע $3,600 פרנס החודש $5,000 פרנס השנה $10,000
צבי
ואתרעי בן
ומסר לן
אוריתא
העלף דער ראש ישיבה שלעפן דעם עול פון באצאלן די בני עלי' מידי שבוע דורכ'ן זיך איינהאנדלען א זכות אין אונזער מקום תורה, ווען אין איינוועגס ווערט זיין תורה - דיינס. און אנדערע באדייט אינעם שבועות'דיגן והאר עינינו.
רופט היינט די גבאים:
הר"ר משה ארי' שניצלער הי"ו:
347.585.6166
הר"ר יוסף זינגער הי"ו:
347.764.2979
כולל היכל הקודש
בנשיאות הראש ישיבה שליט"א
dominogrp.com

# שכוח פאר אלע טייערע תלמידים וואס האבן גענומען א "שטר כתובה" חודש'ליך מיט די הייליגע מוסדות ארה"ק.

דער הייליגער רבי שרייבט

עַל יְדֵי שֶׁנּוֹתְנִין צְדָקָה לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, נִכְלָלִין בַּאֲוִירָא דְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שֶׁהוּא בְּחִינַת הֶבֶל הַקָּדוֹשׁ שֶׁאֵין בּוֹ חֵטְא, וְעַל יְדֵי זֶה מְבַטְּלִין הַדִּין וְהַחֹשֶׁךְ וְכוּ' מִן הָעוֹלָם. גַּם עַל יְדֵי זֶה נִצּוֹלִין מִמַּחֲשָׁבוֹת זָרוֹת שֶׁבַּתְּפִלָּה, וְנִזְדַּכֵּךְ מֹחוֹ וּמַחֲשַׁבְתּוֹ, וְהוּא בְּחִינַת תִּקּוּן הַבְּרִית: (תורות מ"ד, ל"ז אות ד')



די ישועות קוואל איז אפן:

רופט דער גבאי 347 466 2410

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

ישועות ביי רבי מאיר



*sruliHeskel

# קוֹל הַבָּרָה

בריוו פון לייענער
צום בלעטל
פאסט קעסטל

שיקט אריין אייער קול הברה צו 845-379-1161 - editor@bletelmagazine.com

## א פארגעניגן

איך דארף מיך באדאנקען פאר די הערליכע בלעטל, יעדע וואך ווען דאס קומט אן ווערט פשוט ליכטיג פאר די אויגן צו האבן אזעלכע כשר'ע, ערליכע, ריינע, אויסגעהאלטענע ליין מאטריאל, וואס ס'איז ממש א מחיה אויסצולופטערן מיט דעם און צו האבן פרישע כח ווייטער צו דינען דעם אייבערשטן. נאכן ליינען די ארטיקלען פילט מען ענערדזשייזד, אנגעפילט מיט פרישקייט ווייטער צו קענען טון דעם רבינ'ס עצות און זיין אן ערליכער איד. דאס איז די ערשטע זאך.

און די צווייטע זאך, איך וואלט געוואלט באדאנקען אלע חשוב'ע שרייבערס וואס לייגן אריין אזויפיל כח אין די ארטיקלען, און זיי געבן אוועק פון זייער טייערע צייט, סיי די אינגעלייט און סיי די נשים צדקניות און אזוי אויך די אלע וואס לייגן אריין אזויפיל כח און מח יעדע וואך. ווען איך הייב אן טראכטן אז איך וויל מאכן איין ארטיקל און איך וויל שרייבן איין קליינע בריוו, נעמט עס פינף, צען, זעקס, זיבן, אכט, צוואנציג מינוט, און ביז ס'קומט ארויס דארף מען נאך צולייגן און אראפנעמען. און דא קומט עס אן כשולחן ערוך, און דאס איז אלעס אומבאצאלט. ס'איז ממש אומבאשרייבליכע הכרת הטוב וואס מ'דארף האבן פאר אזא זאך.

איך וואלט געוואלט מוסיף זיין א געדאנק וואס איך טראכט אז איך וואלט זייער הנאה געהאט, און אפשר קענען נאך אידן הנאה האבן דערפון. ברוך השם, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעגעבן אזעלכע שיינע ניגונים אויף אידיש, ניגונים פון תשובה, התעוררות און התחזקות. אמאל איז יעדער ניגון געווען זייער פריש, אבער צוביסלעך ווערט עס אזוי איינגעשלאפן. ס'איז דא א שיינע אוצר פון ניגונים, און נישט יעדער קען אלע ניגונים.

אפשר וואלט געווען כדאי אז ס'זאל זיין א פלאץ אין די בלעטל וואו מען לייגט מען אריין יעדע וואך איין ניגון, געמאכט מיט א שיינע פיקטשער, און מ'קען שרייבן ווען דער ראש ישיבה האט געמאכט די ניגון, אויף וואס ס'איז געבויט, אויף א שיחה, אויף א תורה, אויף א מעשה, וואס די זאך איז געווען. און נאכדעם אויכעט א מקור, ווער ס'האט געמאכט די טאן פון די ניגון, און ווער ס'האט געמאכט די ווערטער, ביי וועלכע סידי מ'קען עס הערן.

למשל, פאר ראש השנה קען מען לייגן די ניגונים פון אומאן, איך טראכט אז ס'וואלט געווען א גוטע זאך וואס די גאנצע משפחה קען זיך מחיה זיין.

דער אייבערשטער זאל דיר געבן אסאך הצלחה, קענען צוריקברענגען מענטשן צום אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער רבי' האט געוואלט.

***יצחק אייזיק ראזענבוים - קרית יואל***

## מו"ה נפתלי לעבאוויטש ז"ל

אפאר וואכן צוריק איז געווען הערליך באשריבן דער תורה שרייבער פון הייליגן רבי'ן זי"ע פון סאטמאר, מו"ה נפתלי לעבאוויטש ז"ל. איך האב זייער הנאה געהאט דערפון, אלץ ווען מען שרייבט פון די אידן פון פריערדיגע דור איז עס א געשמאק צו ליינען, וויל מען קען זיך פון זיי לערנען זייער אסאך, זיי האבן געלעבט מיט אמונת חכמים בתמימות ופשיטות, זייער אידישקייט איז געווען געבויט אויף שטארקע יסודות, מען האט זיי נישט געקענט רוקן א אינטש פון זייער ערליכקייט און אזוי ווייטער.

עס איז ווערד צו דערמאנען אז די תלמוד תורה היכל הקודש אין קרית יואל האט נישט לאנג צוריק געהאט די זכיה צו האבן פאר א באזוך ר' נפתלי ז"ל ווי ער האט גערעדט זייער שיין צו די קינדער וועגן אמונה, וועגן לעבן בשלום. אט האט איר א בילד דערפון.



***יואל טייטלבוים - קרית יואל***

# היכל הקודש נייעס

**גרשון קרעמער**



## פונדאמענט געגאסן
## פאר די צווייטע בנין אין אומאן

אין די לעצטע יארן האבן אנשי שלומינו, תלמידי היכל הקודש, זיך איינקווארטירט אינעם גרויסן בנין אויף די בילעצערקאווסקע גאס, וואו מ'האט די געלעגנהייט אפצורעכטן א שיינעם ראש השנה אויף א ריינעם אופן, אין די גאנצע הו-הא און דעם געפילדער פון די גאסן ארום דעם ציון הקדוש.

אבער יעצט, מיט די הילף פונעם אייבערשטן, האט מען בשעה טובה ומצלחת אנגעהויבן בויען א פרישן בנין פאר אנשי שלומינו אין אומאן. עס לאזט זיך ממש נישט גלייבן אז דעם יעצטיגן בנין האט מען אנגעהויבן בויען מיט ווייניגער ווי ניין יאר צוריק; דעמאלטס איז דער גאנצער פלאן געווען צו בויען בלויז צוויי שטאקן מיט שלאף-צימערן, וואס האט אפילו דעמאלט אויסגעזען איבערגעטריבן גרויס.

ברוך השם מען האלט שוין היינט דא, אז כאטש אז אינעם יעצטיגן בנין זענען פאראן זעקס הונדערט בעטן צום שלאפן, פרעגן שוין עטליכע יאר - סיי פרישע מקורבים און סיי אנשי שלומינו ביי וועמען די משפחה איז ב"ה צוגעוואקסן און ברענגען שוין מיט די קינדער, - די שאלה "למה נגרע?" - פארוואס קענען מיר נישט קומען זיין אינאיינעם מיט אלע אנשי שלומינו אין אומאן?

די הנהלה איז געזעסן לאנגע שעות במשך די ווינטער חדשים אויסצופלאנירן דעם נייעם בנין אויף די בעסטע וועג: ווי גרויס עס זאל זיין, וויפיל צימערן און שטאקן, און וואס אלץ דער בנין זאל אנטהאלטן. ב"ה אז אין די יעצטיגע טעג האלט מען שוין ביי די פאקטישע ארבעט; מען האט שוין אויסגעגראבן דעם גרוב און געגאסן דעם ערשטן שיכט צעמענט פארן פונדאמענט, מיט וואס עס הויבט זיך אן דאס בויען מיט א שנעלן טעמפא. אין בלויז עטליכע חדשים האפט מען שוין צו קענען זען דעם נייעם בנין הארט נעבן דעם ביז-יעצטיגן עקזיסטירנדן בנין, ווען די הויכשטאקיגע סטרוקטור וועט שוין שטיין במלוא הדרו.

מען בעט פון אלע אנשי שלומינו זאלן בעטן דעם אייבערשטן אז די ארבעט זאל טאקע קענען פאראויסגיין געגנוג שנעל, כדי מען זאל שוין מער נישט דארפן אפזאגן די הונדערטער אידן וואס בעטן כסדר אז זיי ווילן דארט איינשטיין. און אז אויף ראש השנה תשפ"ח - אנדערהאלבן יאר פון יעצט - זאל מען מען קענען באנייען דעם פרישן בנין צו די צופרידנהייט פון אלע אנשי שלומינו.

אויפן ראט פון ראש ישיבה שליט"א, וועט דער יעצטיגער בנין געבויט ווערן עטוואס מער באקוועם, כדי צו פארגרינגערן פאר די אנשי שלומינו וואס דארפן עס האבן. נישט ווי דער ביז יעצטיגער בנין וואס האט בלויז פשוט'ע צימערן מיט אכט אדער צען בעטן. עס וועט זיין מער ענליך צו א דירה, וואו יעדער וואס דינגט א דירה וועט קענען אריינלייגן וויפיל בעטן ער וויל. עס וועלן אויך זיין צימערן פון פארשידענע סייזעס. עס מוז אבער באטאנט ווערן אז מען קען נישט מאכן אומאן אינגאנצן באקוועם; דער ס"מ לאזט עס נישט צו, און עס וועלן שטענדיג זיין מניעות און שווערקייטן, זה בכה וזה בכה, אבער מען פרובירט עס צו מאכן אביסל גרינגער.

*ראש השנה שלי עולה על הכל*

# אלץ און אלעמען

פראגעס און ענטפערס איבער אלץ און אלעמען

גרשון קרעמער

alemen@bletelmagazine.com - 845-445-7447



## פארוואס א גלעזל איז שמאל פון אונטן

**שאלה**

איך האב געהערט אז איינע פון די סיבות פארוואס מען מאכט גלעזלעך שמאל פון אונטן און ברייטער פון אויבן איז ווייל אזוי איז עס מער סטאביל, וויבאלד די גאנצע וואג דרוקט אראפ. אבער עס קומט מיר עפעס נישט אויס אזוי; איך מיין אז די סברה איז נישט ריכטיג. ווען עס וואלט געווען ברייטער פון אונטן וואלט עס דאך געווען פיל מער סטאביל, קענסטו מיר דאס אפשר אויסקלארן?

**ענטפער**

דו ביסט זייער גערעכט. אויב וואלט מען זיך נאר גערעכנט מיט די סטאביליטעט, וואלט זיכער געווען פיל בעסער עס צו מאכן ברייט פון אונטן און שמאלער פון אויבן. כדי א הויכע זאך זאל זיך גוט האלטן און זיך נישט אזוי שנעל איבערדרייען, איז וויכטיג צו מאכן דעם אונטערשטן חלק שווערער פונעם אויבערשטן, ווייל ווען די וואג געפינט זיך מער פון אונטן, ווערט דער גלעזל פיל שווערער איבערצודרייען.

עס זענען אבער דא אנדערע שטארקע סיבות פארוואס גלעזלעך זענען געווענליך ברייט פון אויבן און שמאל פון אונטן. דאס זענען פראקטישע סיבות וואס וועגן איבער די סטאביליטעט: עס איז פיל גרינגער צו טרינקען פון א ברייטערע עפענונג; עס איז גרינגער אריינצוגיסן אין א ברייט גלעזל (טראכט למשל פון א טראכטער); עס איז פיל גרינגער אויסצורייניגן; מען קען עס אנהויפענען איינס אינעם צווייטן; און עס האלט זיך בעסער אין די הענט אז עס זאל נישט אזוי גרינג ארויסגליטשן.

כדי א שיסל זאל זיין סטאביל און זיך נישט איבערדרייען, מאכט מען עס געווענליך אסאך דיקערביים אונטערשטן טייל כדי עס זאל האבן מער וואג.

מיט אונזער פשוט'ן בליק קען זיך דאכטן אז מיר דארפן פאקוסן נאר אויף צו זיין גרויס פון אויבן - צו זיין גרעסער און בעסער פון יעדן איינעם; אבער דער אמת איז אז דאס וועט אונז גארנישט ברענגען אויסער קאפ-ווייטיק, און מ'וועט זיך פיל גרינגער איבערדרייען. א בעסערע עצה איז צו זיין שטארק "פון אונטן". לאמיר ענדערש אוועקגעבן אונזערע כוחות פאר די פשוט'ע זאכן און דארט אריינלייגן די גאנצע וואג: זיך פרייען מיט א מזוזה, מיט א שבת קודש, מיט כיבוד אב ואם און אזוי ווייטער.

דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן לג): "אצל העולם אמונה הוא דבר קטן, ואצלי אמונה הוא דבר גדול מאד" - ביי די וועלט ווערט אמונה פאררעכנט אלס א קליינקייט, אבער ביי מיר איז אמונה גאר א גרויסע זאך; "ועיקר האמונה היא בלי שום חכמות וחקירות כלל, רק בפשיטות גמור כמו שהנשים וההמון עם הכשרים מאמינים" - און דער עיקר אמונה איז אן קיין שום חכמות און חקירות, נאר פשוט אזוי ווי די ערליכע פרויען און פשוט'ע מענטשן גלייבן.

א מענטש וואס איז שטארק פון אונטן - מיט אמונה פשוטה און יראת שמים - קען שטיין פעסט אפילו ווען עס בלאזן שטארקע ווינטן.

***והאמין בהשם ויחשבה לו צדקה***

# אידענו

## וויכטיגע הנהלה מיטינג

פארגאנגענעם זונטאג במדבר, איז פארגעקומען א זיצונג צווישן די חברי הנהלה מיטן ראש ישיבה שליט"א, וואס האט זיך געצויגן פאר עטליכע שעה.

די געטרייע חברי הנהלה זענען איבערגעגאנגען מיטן ראש ישיבה שליט"א אלע פלענער וואס עס איז נוגע די שטעטל.

מען האט גערעדט איבער די פלענער פארן בית החיים, וואס אפילו עס שלעפט זיך שוין א לענגערע צייט, און עס זענען שוין אונטערגעקומען פיל שטיינער אין וועג יעדעס מאל וואס עס האט אויסגעקוקט אז מען האלט פארן ענדגילטיג טרעפן א לעזונג וויאזוי אהערצושטעלן דער בית החיים, האבן די חברי הנהלה נישט אויפגעגעבן נאר ארויפגעברענגט אלע פארשידענע אפציעס וואס זענען נאך אויפן טיש. מען איז דורך יעדע איינס פון זיי, וואס עס זענען די שווועריקגייטן דערפון און וויפיל עס וועט קאסטן.

מען האט גערעדט איבער די השגחה אין שטעטל, וואס עס ווערט פארלאנגט פון אלע געשעפטן, אדער פון פריוואטע מענטשן וואס פארקויפן עסן, זיכער צו מאכן אז עס איז אונטער א גוטע פארלעסליכע השגחה.

צום סוף פונעם זיצונג איז געווען א לענגערע שמועס מיטן ראש ישיבה שליט"א, ווי מען איז אדורך געגאנגען ביידע פאליטישע פארטייען וואס עס זענען דא אין אמעריקע נאציאנאל אבער בעיקר איז דאס די מערסטע נוגע פאר אונז אויף א לאקאלע שטאפל. מען האט פרובירט אויף אלע וועגן צו טרעפן א וועג צו באשטימען מיט וועלכע פארטיי איז ענדערש צו גיין ווען עס ווערט א קריגעריי צווישן ביידע, אזיווי עס מאכט זיך אפט.

דער ראש ישיבה שליט"א האט זייער מחזק געווען די חברי הנהלה אז מען זאל נישט זיך פארלאזן אויף קיין שום פארטיי, נאר אויפן אייבערשטן. דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמועסט מיט די חברי הנהלה א לענגערע צייט וועגן די ענין פון השתדלות, אז מען דארף טון השתדלות וויפיל מען קען, אבער פארלאזן זאל מען זיך נאר אויפן אייבערשטן.

נאכן זיצונג איז מען אריבערגעגאנגען צו העסקן הנמרץ מו"ה מתתיהו רוטנער הי"ו און געזיצן מיט אים איבער די צוקונפטיגע פלענער פון די אידישע קהילות אין אפסטעיט, אזוי אויך וויאזוי זיך אומצוגיין מיט די בעפארשטייענדע סקול באורד וואלן אין ליבערטי.

## זיך רעגיסטרירן

אין די יעצטיגע טעג, נאך די גאר וויכטיגע וואלן וואס איז פארגעקומען דעם דינסטאג, איז א צייט צו פריש דערמאנען אלע טייערע חברים וואס האבן זיך לעצטנס אהערגעצויגן, צו טוישן זייערע אדרעס רעגיסטראציע מיט די באורד אף עלעקשען, צו קענען שטימען אין די לאקאלע וואלן.

אזוי אויך אלע חשובע חברים וואס וואוינען אין שטעטל, זאלן האלטן קאפ ווען זיי ווערן אכצן יאר אלט, אזוי אויך ביי די מיידלעך איז דאס וויכטיג כדאי זיך צו קענען רעגיסטרירן צו קענען שטימען. אויך איז וויכטיג צו געדענקן אז ווען מען ווערט אכצן זאל מען גלייך גיין זיך רעגיסטרירן צו שטימען און נישט ווארטן ביז עס קומט וואלן, וואס דעמאלט איז די גאנצע עלעקשאן אפיס פארנומען און אלעס נעמט לענגער.

יעדער ווייסט עס, אבער מיר זאגן עס נאכאמאל. "די גאנצע כח וואס די קהילה האט מיטן אייבערשטנ'ס הילף, ווענדט זיך לויט די צאל מענטשן וואס מיר קענען ארויסברענגען ביי די

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

חברי הנהלה

**טוי באוט וואדטעאר**



זיצונג מיט מו"ה מתתיהו רוטנער הי"ו

**יום טוב שבועות**
**ו' סיון**

**מנחה**
**מעריב**

פרשת נשא
09:17

הדלקת הנרות .. 07:59
מוצאי שבת ...... 09:31

**באנים לשבת קודש**

שטום בודקעס".

מיטן זיך רעגיסטרירן צו שטימען, און ארויסגיין שטימען, גיבט איר א כח פאר די חברי הנהלה אייך צו קענען שטיין צו די האנט דורכאויס דעם גאנצן יאר.

## נייע פראגראם

נאכפאלגענדיג די מאסיווע סוקסעס פון די באקסעס עסן וואס פולע טייערע משפחות פון שטעטל באקומען פון לעמאנעיד גראסערי. האבן דער געטרייער חבר הנהלה מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו איינגעלייגט אסאך ארבעט צו קענען ברענגען נאך א פראגראם פאר אלע חברים פון שטעטל, דער פראגראם איז אונטער 'היעפ'.

אונטער די פראגראם קען יעדער וואס האט נישט קיין 'סענטראל עיר קאנדישאן' אין זייער הויז, באקומען איינמאל אין פינף יאר אן עיר קאנדישאן ווינדאו יוניט בחינם.

די הנהלה האט געארבעט אז מען זאל קענען באקומען די עיר קאנדישאן דא לאקאל אין שטעטל פון D&S Appliances פון מו"ה דודי לאקס הי"ו. וואס וועט פארזיכערן אז מען זאל קענען באקומען די עיר קאנדישאן ממש נאך וואס מען ווערט באשטעטיגט, און נישט דארפןווארטן לאנג ביז א פירמע אינדרויסן פון שטעטל זאל עס אהערשיקן.

עס איז וויכטיג אז ווען מען רופט אריין צום ערשטן מאל בעטן צו ווערן באשטעטיגט פאר די פראגראם, זאל מען זאגן אז מען וויל עס באקומען פון D&S Appliances.

די נומער פאר היעפ איז 845-807-0142.

**נייעס'לעך**

# שלאגן אן עלטערן קינד?!




**בעזהשי"ת - יום א' פרשת נשא, ג' סיון, שנת תשע"ז לפ"ק**

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

איך ווייס נישט וואו דיין שכל איז אז דו פרעגסט מיר בכלל אזא שאלה; דער טערעפיסט זאל דאס אליין מקיים זיין אויף זיך. דער רבי האט געזאגט פאר ר' נתן אז א קינד שלאגט מען נישט; דאס איז גערעדט געווארן אפילו קליינע קינדער, כל שכן אז דיין זון איז שוין בר מצוה, וואס דאס איז דאך א בפירוש'ע הלכה (יורה דעה סימן רמ, סעיף כ) אז מען טאר נישט שלאגן א גרויס קינד, ווייל מען איז עובר אויף (ויקרא יט, יד): "וְלִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל".

אזוי שרייבט א טערעפיסט צו וועם דער מוסד האט דיר געהייסן גיין?! שומי שמים! איך וואונדער זיך צי ער האט דיר טאקע געזאגט אזוי ווי דו שרייבסט מיר, אדער דו ביסט מגזים; דו שרייבסט מיר דעם לשון: "אז ער הייבט הענט, זאל אים דער טאטע אזוי אנרייסן די ביינער, אז עס מעג בלייבן סימנים אויף אים אויף א וואך צוויי, אז ער זאל וויסן אז "מ'הייבט נישט קיין הענט אויף עלטערן"; רחמנא לצלן, דער אייבערשטער זאל דיך אפהיטן פון דעם. דו זאלסט ווייטער רעדן מיט האברך ר' ... ני"ו, ער איז א פארשטענדליכער אינגערמאן, און ער האט אסאך מקבל געווען פון מוהרא"ש ז"ל.

דאס וואס דער טערעפיסט האט דיר אויסגעלערנט אז עס איז נישט דא קיין הסברים, נאר א קינד דארף פאלגן אן קיין פארוואס און אן קיין פארוון - מיט דעם איז ער גערעכט, דאס איז א-ב

א בריוו
פון דער
ראש ישיבה

**עצתו אמונה נשא תשע"ו**

פון חינוך; א קינד דארף וויסן אז א ווארט פון טאטע מאמע איז א ווארט, נישט דא קיין וויכוחים, קיין הסברים און קיין טעמים. ווען א קינד פרעגט: "פארוואס דארף איך דאס טון?" איז דער תירוץ: "ווייל טאטע מאמע האבן אזוי געזאגט" - אן קיין פארוואס און אן קיין פארווען.

וואויל איז פאר עלטערן וואס זענען מחנך די קינדער ווען זיי זענען יונג, ווייל וויסן זאלסטו אז קינדער - ווען זיי זענען שוין עלטער, קען מען שוין נישט רעדן צו זיי, און ווי יונגער זיי זענען, אלץ מער הערן זיי אויס. שלמה המלך זאגט (משלי יג, כד): "חוֹשֵׂךְ שִׁבְטוֹ שׂוֹנֵא בְנוֹ, וְאֹהֲבוֹ שִׁחֲרוֹ מוּסָר", ווער עס האט ליב זיין קינד, זאגט אים מוסר, און ווער עס זאגט נישט קיין מוסר, איז א סימן אז ער האט פיינט זיין קינד. פרעגן חז"ל (מדרש שמות רבה א, א): "ווען א מענטש הערט אז איינער האט געשלאגן זיין קינד, וועט ער זיך דאך נוקם זיין אין יענעם, איז ווי אזוי זאגסטו אז ווער עס שלאגט נישט זיין קינד האט פיינט זיין קינד?" ענטפערן חז"ל: "ווען א מענטש איז נישט מחנך זיין קינד ווייל ער שוינט אים, זאל ער וויסן אז ער וועט צום סוף אראפ גיין פון אידישן וועג. אזוי ווי מיר זעען ביי אברהם אבינו, ווען ער האט געזען ווי ישמעאל קומט אהיים מיט א געטשקע, און ער שפילט זיך מיט דעם, האט ער אים געשווינט און גארנישט געזאגט, און עס האט זיך אויסגעלאזט מיט דעם אז ער האט אים געדארפט פארטרייבן פון שטוב כדי ער זאל נישט קליע מאכן זיין ברודער יצחק.

אזוי האט אויך פאסירט מיט עשו, אזוי ווי עס שטייט (בראשית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו, כִּי צַיִד בְּפִיו", יצחק האט ליב געהאט עשו, און ער האט אים קיינמאל גארנישט געזאגט, צום סוף איז ער ארויס לתרבות רעה; חז"ל זאגן (בבא בתרא טז:) אז אין דעם טאג וואס עשו האט פארקויפט די בכורה פאר יעקב האט ער עובר געווען אויף פינף הארבע עבירות - ער האט געטון אן עבירה מיט א נערה המאורסה; ער האט גע'הרג'עט א מענטש; כופר געווען אין תחיית המתים; כופר געווען אינעם אייבערשטן; און ער האט פארשעמט די בכורה. זעט מען פון דעם אז ווען א מענטש זאגט נישט קיין מוסר פאר זיינע קינדער ווען זיי זענען נאך יונג, וועט ער חרטה האבן שפעטער.

עס איז כדאי זאלסט נאכקוקן אין מדרש (מדרש שמות רבה א, א; תנחומא שמות א, א), וועסטו זען ווי חז"ל רעכענען אויס נאך מעשיות, אבשלום און אדוניה די קינדער פון דוד המלך וואס ער האט זיי נישט געזאגט קיין מוסר, און וואס עס איז געשען מיט זיי; אבער דער מדרש פירט אויס, אז אברהם האט מחנך געווען יצחק, און יצחק האט מחנך געווען יעקב, און אזוי ווייטער; וועגן דעם זענען זיי געווארן גרויסע צדיקים, און מען האט געהאט פון זיי אסאך נחת.

ווי יונגער מען איז מחנך די קינדער אז זיי זאלן זיך אויפפירן אזוי ווי עס דארף צו זיין, וועט מען האבן מער נחת פון זיי, אזוי ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות בנים, סימן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מען דארף אויס לערנען פארן קינד דרך ארץ ווען ער איז נאך יונג.

איך האב נישט קיין צייט יעצט צו שרייבן, ווייל איך בין א בעל שמחה; אבער איך האב דיר קודם געמוזט שרייבן אפאר שורות אז דו זאלסט חס ושלום נישט אויסהערן דעם טערעפיסט; קליינע קינדער קען מען אמאל געבן - ווען עס פעלט אויס - א פעטשעלע, אבער א בחור טאר מען נישט שלאגן, ווייל דו וועסט אים אינגאנצן פארלירן.

# זעל גרי



# הצדק

## די אומבאקאנטע געשיכטע פונעם גר צדק ר׳ ישראל בן אברהם גארדאן ז״ל

יואל שניצלער



## ברוך אלקינו שבראנו לכבודו !

דריי מאל א טאג בעטן מיר אין שמונה עשרה: "ועל גרי הצדק ועלינו יהמו נא רחמיך ה' אלקינו", אז דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף די גרי הצדק; די גרים וואס זענען זיך מגייר און שליסן זיך אן אינעם אידישן פאלק גייען דורך פיל שוועריקייטן דורכאויס די צוגרייטונג צום גיור פראצעדור, דורכאויס די גיור פראצעדור, און פיל מאל במשך די לעבן אלס איד, אבער ווי גליקליך זענען זיי אז זיי האבן זוכה געווען צו ווערן א קינד פון עם ישראל, לערנען די הייליגע תורה און מקיים זיין די מצוות פון באשעפער.

דורכאויס די היסטאריע פון כלל ישראל זענען געווען אסאך באוואוסטע גרים, צווישן זיי משה בן אברהם פון ניקלסבורג, אברהם בן אברהם פאטאצקי, מיכאל בועז ישראל בן אברהם, און נאך.

לכבוד יום טוב שבועות ווען מיר אלע נעמען פון פריש אויף זיך די ליכטיגע עול התורה והמצוות, מיר זענען נאכאמאל מקבל די תורה, ברענגען מיר אייך אין קורצן די היסטאריע פון נישט אזא באקאנטער גר צדק, ר' ישראל בן אברהם גארדאן, וועלכע האט געלעבט א שטורעמישע לעבן פון די טאג וואס ער איז געבוירן געווארן, ביז די טאג וואס ער איז נפטר געווארן אין תפיסה. אבער ער האט געמאכט א גרויסע קידוש השם מיט זיין גיור, און עד היום ווערט נאך זיין היסטאריע שטודירט און אפגעלערנט און ברענגט צום אויבערפלאך די שיינקייט און אמת'דיגקייט פון לעבן א תורה טרייע לעבן.

זיין לעבן בכלל און זיין גיור בפרט האט גענאסן פון פיל פירסום, און עס זענען געשריבן געווארן פילע ביכער און ארטיקלען איבער אים, פארשטייט זיך עס איז אוממעגליך דאס אלעס אריינצושטופן אין איין ארטיקל, אבער בעז"ה האבן מיר פרובירט אין קורצן צו באשרייבן קורצע שטריכן פון זיין לעבן.

לייענט און האט הנאה!

לארד דזארדזש גארדאן איז געבוירן געווארן אין לאנדאן ח' טבת שנת תקי"א (למספרם December 26, 1751 ) אלס דער זעקסטער קינד צו זיינע עלטערן. זיין פאטער האט געהייסן קאסמאו גארדאן, א סקאטישער נאבעלמאן, וואס האט זיך גערופן "דער דריטער הערצאג פון גארדאן".

א קורצע צייט נאך זיין געבורט איז זיין טאטע געשטארבן, און דעריבער איז דער יונגער גארדאן אין גאר א יונגן עלטער אריינגעשיקט געווארן אין די בארימטע פריזטיזשפולער איטאן יוניווערסיטעט (בילד אויפן לינקן זייט).

צוליב טעכנישע און משפחה אנגעלעגנהייטן איז גארדאן ארויס פון קאלעדזש און אריין דינען אין די ענגלישע נעווי אפטיילונג פון די מיליטער, The Royal Navy.

שוין פון יונגווייז אן האט גארדאן ארויסגעוויזן אינטערעס אין זוכן דעם אמת און גערעכטיגקייט, ער האט זיך שטענדיג ארויסגעשטעלט און זיך אנגענומען פאר די שוואכע און באקריוודעטע, און פראטעסטירט קעגן עוולות.

אויפן קאווער בילד איז די הויז וואו גארדאן איז געבוירן און אויפגעוואקסן

ווען גארדאן איז אלט געווען אכצן יאר איז ער אין איינע פון די נסיעות אויפן ים געפארן ביי די מערב אינדישע אינזלען, נעבן דזשעמעיקא, וואו ער איז געווארן שאקירט צוזעענדיג ווי ברוטאל מען באהאנדלט די שווארצע קנעכט, אזוי ווייט אז ער האט גענומען די שטארקקייט און פארגעהאלטן דעם גאווערנאר פון דזשעמעיקא היתכן מען באהאנדלט די קנעכט אויף אזא שלעכטע וועג.

אין יענע יארן האט גארדאנ'ס מוטער געהייראט צו אן אמעריקאנער סאלדאט, וואס האט איינגעבאקן אין גארדאנ'ען א שטארקע שעצונג צו די לאנד אמעריקע און אירע ווירדן, בפרט נאכן צוזען פון דער נאנט די באהאנדלונג פון די קנעכט



אונטער בריטישע הערשאפט.

## אין פארליאמענט

אין יאר תקל"ד (למספרם 1774) אלט זייענדיג 23 יאר איז גארדאן געלאפן פאר א זיץ אינעם בריטישן פארליאמענט, ער איז געלאפן קעגן איינער מיטן נאמען גענעראל פרעסער, ווען גענעראל פרעסער האט געזען אז ער גייט פארלירן זיין זיץ פאר דעם יונגן גארדאן האט ער אים ערלעדיגט א צווייטע זיץ, צו וואס גארדאן האט מסכים געווען, און פרעסער איז געבליבן מיט זיין אמט.

אינעם פארליאמענט האט זיך גארדאן געשאפן א נאמען אלס א גלייכער און ארנטליכער מענטש מיט א שארפן און אומבויגזאמער צינגל, אזוי ווייט אז עס איז ארומגעגאנגען א ווערטל אין יענע תקופה אז עס זענען דא דריי פארטייען אין די פארליאמענט, די רעגירונג, די אפאזיציע און לארד גארדאן...

## די גארדאן ראיאטן

גארדאן איז באקאנט אין ענגלאנד און אין די גאנצע וועלט צוליב די 'גארדן ראיאטן', נעמליך, זיין שארפע שטעלונג קעגן די גלייכבארעכטיגונג וואס די ענגלישע קעניגרייך האט געגעבן פאר די קאטוילן אין ענגלאנד.

צום סוף פון די זעכצנטע יארהונדערט האבן זיך א טייל פון להבדיל אלף אלפי הבדלות די קריסטן, זיך אפגעטיילט פון די הערשאפט פון די פויפסט ימ"ש, און זיי האבן זיך א נאמען געגעבן פראָטעסטאַנטן, אין יענע צייט האט די ענגלישע רעגירונג זייער ענג געמאכט פאר די קאטוילן, מיט די טענה אז זיי ווילן אומווארפן די רעגירונג און הרג'ענען די קעניגליכע משפחה, צווישן אנדערע זענען קאטוילן נישט געווען ערלויבט צו דינען אין די ארטיגע מיליטער, לויפן פאר רעגירונג שטעלעס, און אזוי ווייטער.

אין יאר תקל"ח (למספרם 1778) האט די ענגלישע רעגירונג דורכגעפירט א געזעץ וואס האט אראפגענומען טייל צוימונגען פון די קאטוילן און זיי גרינגער געמאכט דאס לעבן אין ענגלאנד, צווישן אנדערע זענען זיי ערלויבט געווארן צו פארמאגן הייזער, און דינען אין די מיליטער.

ווינטער תק"מ (נאוועמבער 1779 למספרם) האט מען אנגעטראגן פאר גארדאן, אלט זייענדיג 29 יאר, צו דינען אלס פרעזידענט פון די לאנדאן פראָטעסטאַנטן אסאסיאציע, און ער האט דאס אנגענומען אום כ"א אייר, תק"מ, (מאי 26, 1780 למספרם). די ענגלישע בירגער, די פראָטעסטאַנטן האבן זיך זייער קעגנגעשטעלט די ריפארמען וואס די רעגירונג האט געמאכט לטובת די קאטוילישע מינאריטעט אין לאנד, גארדאן אלס פרעזידענט פון די גרופע האט געטון וואס ער האט נאר געקענט צוריק צו דרייען די רעפארמען, ער האט אפילו געהאט א פריוואטע מיטינג מיטן דעמאלט'דיגער קעניג וועגן דעם, אבער עס האט זיך גארנישט גערירט.

ווען די קעגנערשאפט איז נישט דערהערט געווארן ביי די רעגירונג'ס ביוראען, האט מען מחליט געווען צו אונטערשרייבן א פעטיציע, די פעטיציעס האט מען אונטער געשריבן ביי גארדאן'ס הויז, און מען האט געפלאנט אריינצוגעבן די פעטיציעס אינאיינעם מיט א פרידליכע פראטעסט, צום ארטיגן געזעץ הויז.

די רעגירונג האבן פרובירט צו אונטערקויפן גארדאן מיט גרויסע געלטער און שענערע רעגירונג שטעלעס אבי ער זאל אפלאזן די אסאסיאציע און זיך אפלאזן פון זיין אקטיוויזים, אבער ער האט נישט געוואלט.

למעשה, דאס איבערגעבן די פעטיציע צוזאמען מיט די פרידליכע פראטעסטן איז פארוואנדלט געווארן אין ערנסטע ראיאטן, נאנט צו זעכציג טויזנט מענטשן האבן זיך צאמגענומען ביי די פראטעסטן און מ'האט געשפליגדערט און פארברענט קאטוילישע קירכעס, בענק, און תפיסות, און אזוי אויך הייזער.

די פראטעסטן זענען אנגעגאנגען א וואך צייט, און עס האט זיך אזוי ווייט

*געמאלן בילד פון די פראטעסטן אנטקעגן די רעגירונג*



און שרעקליך דערקייקלט אז מ'האט געדארפט אריינרופן פופצן טויזנט מיליטער לייט צו מאכן סדר, און זיי האבן זיך געדארפט באניצן מיט הייס געווער צו ברענגען די פראטעסטן אונטער קאנטראל, און בארואיגן די געמיטער.

ביי די ראיאטן זענען גע'הרג'עט געווארן נאנט צו 450 מענטשן, דאס איז געווען די מערסט פאטאלע ראיאטן אין לאנדאן'ס היסטאריע ביזן היינטיגן טאג.

למעשה האבן די ראיאטן גארנישט אויפגעטון, און עס האט נישט געהאט די מינדעסטע השפעה צו טוישן די געזעץ, עס האט נאר געברענגט אסאך גע'הרג'עטע און אסאך געלט שאדן.

אזוי אויך האבן די ראיאטן געהאט גאר א גרויסע נעגעטיווע השפעה אויף די דעמאלטס'דיגע ענגלישע הערשאפט, עס האט צעשטערט די דעמאלטס'דיגע שלום געשפרעכן מיט שפאניע צום סוף פון די אמעריקאנע רעוואלוציע, און עס האט געשטעלט פראגע צייכנעס איבער די סטאביליטעט פון די בריטיש קעניגרייך און איר שטאנד אין די וועלט.

גארדאן איז געכאפט און ארעסטירט געווארן, און מ'האט אים אנגעקלאגט אויף ווידערשפעניגונג אין א פרואוו צו איבערוואורפן די רעגירונג, וואס טראגט די הארבע אורטייל פון טויט שטראף. מ'האט אים אריינגעזעצט אין די "טאוער אף לאנדאן" תפיסה וואו ער איז געזיצן פאר זעקס חדשים ביז זיין משפט וועלכע איז פארגעקומען אום י' שבט, תקמ"א, (פעברואר 1781 למספרם), גארדאן איז געווען גאר מזל'דיג מיטן אויפנעמען צוויי גענייטע אדוואקאטן, ליאד קעניאן און טאמעס ערסקיין,

וועלכע האבן אים סוקסעספול פארטיידיגט מיט די טענה אז גארדאן

*טאוער און לאנדאן היינט צו טאגס.*

*אינעם באקסל איז א געמאלן בילד פון גארדאן אין תפיסה.*



האט געהאלטן אין איין בעטן די פאראזמלטע פראטעסטירער אז מ'זאל זיך האלטן רואיג און נישט ארויסגיין פון קאנטראל, און זיי האבן געברענגט עדות אויף דעם, און נאך א שעה האט אים די דזשורי ריינגעוואשן פון יעדע פארברעך און ער איז באפרייט געווארן.

דאס ווײלן אין תפיסה האט אים זייער צעשטורעמט, און עס האט אים געברענגט צו מאכן א טיפע חשבון הנפש ווי ער האלט אויף די וועלט, און ער איז ארויסגעקומען פון תפיסה אלס א רעליגיעזער מאן, ער האט פון דעמאלט שטענדיג געטראגן מיט זיך רעליגיעזע ביכער, און אסאך געפרעפלט, ווי אויך האט ער אנגעהויבן צו גיין אנגעטון מיט מער טונקל קאלירטע קליידער, נישט קיין ליכטיגע און רעשיגע קליידער ווי ער פלעגט גיין ביז דעמאלט.

למעשה האבן די ראיאטן גארנישט אויפגעטון, אלעס איז געבליבן ביים אלטן.

*אינעם בילד זעט מען די משפט צעטל פון גארדאן.*



THE

TRIAL

OF

GEORGE GORDON, Esquire,

COMMONLY CALLED

LORD GEORGE GORDON.

FOR

HIGH TREASON,

AT THE

BAR OF THE COURT OF KING'S BENCH,

On Monday, February 5th, 1781.

THE THIRD EDITION.

TAKEN IN SHORT-HAND,

BY JOSEPH GURNEY.

LONDON:

SOLD BY G. KEARSLY, No. 46, FLEET-STREET, AND M. GURNEY, No. 34, BELL-YARD, TEMPLE-BAR.

M DCC LXXXI.

נאך וואס די פרשה פון די ראיאטן האט זיך געענדיגט איז גארדאן געבליבן אין לאנדאן, אלס א רעלאטיוו רואיגער בירגער, און פארליאמענט מיטגלידער.

גארדאן איז געווארן באפרייט פון זיינע קלאגעס איבער די ראיאטן, אבער די רעגירונג האט געהאלטן אן אויג אויף אים, און געטראפן אויף אים פרישע קלאגעס מיט עטליכע יאר שפעטער.

## די גיור פראצעדור

דורכאויס די צייט האט גארדאן זיך אריינגעלייגט מער און מער אין די הייליגע תורה, שפירנדיג אז די תורה און די אידישע גלויבן האט עפעס אים צו געבן, עפעס אמת'דיג, עפעס וואס וועט באפרידיגן און זעטיגן זיין נאגעדיגע זעל. ער האט גרינג אויפגעכאפט לשון הקודש, און אין יאר תקמ"ג (1783 למספרים) האט ער שוין געקענט א גוטן לשון הקודש, און געקענט לערנען און פארשטיין די הייליגע תורה און אנדערע ספרים.

אין טאג, דורכאויס זומער פון יאר תקמ"ה (1785 למספרים), ווען גארדאן האט שפאצירט אין די געסעלעך פונעם שטעטל איפסוויץ, א קליין שטעטל אין ענגלאנד, האט א קליין טעוועלע געכאפט זיינע אויגן, ער האט געזען א הייזקע, וואס העכערן טיר איז געווען א טעוועלע מיט די ווערטער: "כל דכפין ייתי ויכול", יעדער הונגעריגער קען אריינקומען עסן...

*אויפן בילד פון אינטן זעט מען די שטעטל איפסוויץ.*

זייענדיג נייגעריג ווער דער גוט-הארציגער פארשוין איז, האט ער אריינגעקלאפט אין דעם הויז, נאך א קורצע שמועס, א ווארט פאר א ווארט, האט זיך גארדאן באפריינדעט מיט דעם בעל הבית פון דעם הויז, ר' יצחק טיטערמאן, דער ארטיגער חזן, שוחט און מוהל. זייער פריינדשאפט איז אלס געווארן שטערקער און שטערקער, און זיי האבן אסאך צייט פארברענגט אינאיינעם, ווי אויך איז דאן גארדאן נאנט געווארן מיט נאך א איד, ר' נתן סאלאמאן, און נאך א שטיק צייט, אין הערבסט פון יאר תקמ"ו (1786 למספרים), האט ער ענדגילטיג מחליט געווען זיך צו מגייר זיין און ווערן א פולשטענדיגער פרומער איד.



*בילד פון ר' יצחק טיטערמאן.*

מיט זיין ברענעדיגע הארץ און שטארקע ווילן זיך אנצושליסן אינעם אידישן פאלק האט זיך גארדאן געוואנדן צום דעמאלט'דיגער לאנדאנער רב, דער גרויסער גאון רבי דוד טעבלי שיף זצ"ל, אבער דער רב האט קאטעגאריש אפגעזאגט זיין פארלאנג, ווי עס ווייזט



זיך אויס האט דער רב פארשטאנען אז די גיור פון אזא פראמינאנטער, באוואוסטער און קאנטראווערסיאלער פארשוין וועט נישט ברענגען קיין גוטס פאר די אידן אין לאנד.

*בילד: ספר לשון הזהב פון רבי דוד*


ספר
לשון זהב
חלק ראשון
לשון צדיק כסף נבחר, נכסף להוצ"א לאורה תעלומות, הלכה ושאלות ותשובות, אשר אזן וחקר מר דודי הרב המנוח הגאון המפורסם זיו הכהונה מהורר דוד טעבלי הכהן שיף זצ"ל, שהי' אב"ד בק"ק לונדן המעטירה, ומדינת ענגלאנד יע"א, ומלפנים דיין המצויין בהלכה, בעיר ואם בישראל, בית מקום אבותיו ק"ק פ"פורט דמיין המפוארה יע"א.
הבינותיו וגם סדרתיו אנכי הצעיר
גבריאל בן הה"ג מהורר מרדכי אדלר הכהן נר"ו אב"ד דק"ק מירינגן והגליל שווארץ וואלד יע"א.
ויתן לו הכהן קודש לפ"ק.
נדפס
בק"ק אפענבאך יע"א
ע"י המדפיס הה"כ אברהם בן מהו' הירש פ"ב סג"ל ז"ל

*בילד: א שיר לכבוד רבי דוד טעבלי צום חנוכה הבית פון די שול אין לאנדאן*


למלכנו ואלהינו נורא דרכיו ונפלאותיו נספרה
מזמור שיר חנכת הבית לדוד
שלמה ... הכהן
אמשטרדם
בדפוס, אשר הוקם מחדש ע"י כהרר ליב זוסמנש יצו

אזוי אויך, שרייבן טייל היסטאריקער, וועז אליוועך קראמוועל האט נאך די השתדלות פון ר' מנשה בן ישראל, אין יאר תט"ז געגעבן רשות פאר אידן צוריק צו קומען קיין ענגלאנד נאכן נישט זיין ערלויבט צו וואוינען דארט פאר 360 יאר, האט ער זיך אויסגענומען אז עס איז אומלעגאל זיך צו מגייר זיין, ממילא האט דער רב רבי דוד געהאלטן אז עס איז נישט אזוי געוואונטשן צו דורכפירן דעם גיור אויף אזא פערמינאנטער פארשוין אין ענגלאנד.

הגם עס איז שוין געווען 130 יאר נאך די צוריקקער פון אידן אין ענגלאנד, אבער עס האט דאן געבלאזן שטארק אנטיסעמיטישע ווינטן אין ענגלאנד, ווי מ'זעט פון די דורכגעפאלענע "jew bill" פון יאר תקי"ג (1753 למספרם), וואס האט געזאלט געבן פאר די אידן די פולע רעכטן אזוי ווי אלע בירגער, אבער איז געווארן צוריקגעדרייט א יאר שפעטער צוליב די שטארקע העצע און קעגנערשאפט פון די דעמאלט'דיגע רעגירונג, און די אידן אין לאנד האבן הערשט באקומען גלייכע בירגער רעכטן ארום הונדערט יאר שפעטער, צווישן די יארן תרי"ח און תר"נ (1858-1890 למספרם).

גארדאן האט זיך אבער נישט מייאש געווען, און ער האט געזוכט אנדערע וועגן ווי אזוי זיך צו מגייר זיין.

אינצווישן האט אים די רעגירונג ווידער אנגעקלאגט. טייל היסטאריקער זאגן אז דאס איז פשוט געווען אן אנטיסעמיטישער בלבול, וואס הגם ער איז נאכנישט געווען א פולקאמער איד, איז ער אבער שוין געגאנגען אין דעם ריכטונג, און דאס האט אויפגעברענגט בייז בלוט ביי זיינע ארומיגע און באקאנטע, די רעגירונג האט אים אנגעקלאגט אז ער האט באשמיצט רעגירונגס איינגעשטעלטע, צווישן זיי די פראנצויזישע קעניגין און דער פראנצויזישער אמבאסאדער צו ענגלאנד.

ווען גארדאן האט געזען אז מ'גייט אים כאפן און ארעסטירן האט ער געמאכט פליטה קיין אמסטערדאם, מיט די האפענונג אז דארט וועט ער זיך קענען מגייר זיין און זיך באשיצן אינעם ארטיגן אידישן קהילה.

למעשה, ווען די ענגלישע רעגירונג האט געהערט אז ער איז אנגעקומען קיין אמסטערדאם האבן זיי פארלאנגט פון די האלאנדישע רעגירונג זיין אויסליפערונג, דער מעיאר פון שטאט האט דאן געבעטן גארדאנ'ען צו פארלאזן דעם שטאט אין 24 שעה, בלית ברירה האט זיך גארדאן צוריק געקערט קיין לאנדאן, אבער אנשטאט פארן קיין לאנדאן איז ער געגאנגען צום שטאט בירמינגהעם, א שטאט בערך 100 מייל פון לאנדאן.

אין בירמינגהעם האט ער זיך באהאלטן אונטערן שאטן פון די אידישע קהילה אין שטאט, רבי יעקב, דער רב פון שטאט האט מסכים געווען אים צו מגייר זיין, און אזוי האט לארד דזשארדז גארדן זיך מגייר געווען אלט זייענדיג 36 יאר. ער האט זיך גע'מל'עט און גע'טובל'ט כדין, און זיך אויסגעקליבן דעם נאמען "ישראל בן אברהם".

דעם קומענדיגן שבת האט ער עולה געווען לתורה אין די האמבראו שול, וואו עס איז פארגעקומען די מעמד קריאת השם, און מיט דעם האט זיך גארדאן פולקאם אנגעשלאסן אינעם אויסדערוועלטן הייליגע אידישע פאלק, קינדער פונעם הייליגן באשעפער, זרע אברהם יצחק ויעקב.

ביי די "מי שברך" האט דער פרישער גר צדק געשנאדערט פאר די בית המדרש די פאנטאסטישע סומע פון הונדערט פונט, אן אומגעהויערע גרויסע סומע וואס די שול האט נאך קיינמאל בעפאר דעם נישט באקומען אלס א באשטייערונג.

וויינציג איז באוואוסט איבער די תקופה וואס ער האט געוויילט אין בירמינגהעם, אזויפיל ווייסט מען אז ער האט זיך אויפגעהאלטן אין שטוב פון אן ארעמע אידישע פרוי, די מוטער פון די פריערדערמאנטע ר' יצחק טיטערמאן.

נאך עטליכע חדשים איז די רעגירונג ארויפגעקומען אויף זיינע שפירן, די פאליציי האט אים געכאפט אין ארעסטירט און געברענגט קיין לאנדאן אונטער א גאר שווערע וואך.

אנקומענדיג קיין לאנדאן זענען אלע

זיינע באקאנטע און קרובים איבערראשט געווארן פון זיין נייע צורה, נעמליך, ער האט געטראגן א פולע אידישע טראגע, א הוט, ברייטע לאנגע פאות, און א לאנגע בארד, ער האט געגעבן א בליק ווי א איד וואס רירט זיך נישט ארויס פון די ווענט פון בית המדרש.

דער שופט האט אים צוגעטיילט פינף יאר תפיסה. צוליב וואס ער איז געווען א מיטגליד אין א געשעצטע משפחה האט ער באקומען א פריוואטע צעל אין תפיסה. די ערשטע זאך אין תפיסה האט ער ארויפגעקלאפט א מזוזה אויף די טיר פון זיין קעמערל, ווי אויך האט ער אויפגעהאנגען א טאוועל פון די עשרת הדברות. ער האט באקומען ערלויבעניש צאמצונעמען א מנין אידן, ארעסטאנטן אין יענעם תפיסה, צו קענען דאווענען אלע תפילות מיט מנין, און אזוי האט ער נישט פארפעלט צו דאווענען מיט מנין קיין איין טאג. ער האט געהאט גענוג געלט זיך צו קענען איינהאנדלען כשר'ע עסן, פאר זיך און פאר זיינע אידישע חברים אין תפיסה.

יעדע פרייטאג צו נאכטס האט ישראל געפראוועט א סעודה מיט חלות און וויין, זמירות און שירות ותשבחות, און געשמועסט דברי תורה מיט אנדערע חברים.

ישראל האט טעגליך געהאט פילע באזוכער, אידן און להבדיל גוים צוגלייך, וואס זענען געווען אינטערעסירט צו קענען לערנען דעם אייגנארטיגער פארשוין, אבער ישראל האט באפוילן פאר די וועכטער אין תפיסה אז אויב דער באזוכער וואס וויל קומען צו אים איז א איד, מוז ער גיין מיט בארד און פיאות, ווייל ער האט נישט געוואלט האבן א פארקער מיט נישט פרומע אידן.

דער שופט האט ערלויבט פאר ישראל צו שפילן מוזיק אין תפיסה, זייענדיג א שטארקער מוזיק ליבהאבער האט ער געקענט שפילן אויף עטליכע אינסטרומענטן.

איינמאל איז געקומען א איד אים באזוכן, דער איד האט זיך גערופן ענגל לייאן, און ער האט נישט געהאט קיין בארד, האט אים ישראל זייער שטארק פארגעהאלטן פארוואס ער האט נישט קיין בארד, האט אים ענגל געשריבן א לאנגע בריוו, וואו ער שרייבט אים צווישן אנדערע דער פסוק וואס דער אייבערשטער האט געזאגט פאר שמואל הנביא ווען ער איז געגאנגען טרעפן דוד המלך אלס קינד: "הָאָדָם יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַה' יִרְאֶה לַלֵּבָב", מענטשן זעען מיט די אויגן, אבער דער אייבערשטער זעט די הארץ, און ער איז אן אמת'ער תורה טרייער איד, און היתכן ער האט אים פארשעמט פארוואס ער גייט נישט מיט א באדר, אויף וואס ישראל האט אים געענטפערט אז די טענה טראגט נישט קיין שום היתר צו עובר זיין אויף די תורה ח"ו, עס איז א מציאות וואס דער נביא זאגט.

ענגל איז געווארן זייער איבערגענומען פון ישראל'ס בריוו, און ער האט אים צוריק געשריבן א בריוו אז ער האט אנגענומען זיין מוסר רייד און ער וועט זיך מער נישט שניידן זיין בארד, און ער שרייבט זיך אונטער אויפן בריוו: אשר ב"ר יודא, ל' סיון, תקמ"ט (june 24, 1789 למספרם)

דערנאך האט מען צאמגענומען די בריוון אויסטויש און דאס געדרוקט אלס א ביכל. (אויפן בילד)


LETTER FROM ANGEL LYON, TO THE RIGHT HONOURABLE LORD GEORGE GORDON, ON WEARING BEARDS; WITH LORD GEORGE GORDON's ANSWER, AND A REPLY FROM ANGEL LYON.

## זיינע לעצטע טעג

נאך פינף פיינפולע יארן איז ישראל געברענגט געווארן אין געריכט, דער שופט, אזוי ווי עס איז דאן געווען איינגעפירט - האט אים געהייסן אויסטון זיין הוט, אבער ישראל - נישט וועלנדיג זיצן אינעם בלויזן קאפ - האט דאס קאטעגאריש אפגעזאגט, דאן האט דער שופט געהייסן די פאליציי זאלן אים אויסטון די הוט מיט כח, דאן האט ישראל ארויסגענומען א ווייסע קאפל פון טאש און דאס צוגעבינדן צו זיין קאפ מיט א טאשטיכל, און ער האט געזאגט פארן שופט אז די אידישע רעליגיע הייסט אז די קאפ דארף זיין צוגעדעקט.

דער שופט האט געזאגט פאר ישראל ער זאל אים בעטן צו ווערן פארדאנירט כדי צו ווערן באפרייט, אבער ישראל האט דאס אפגעווארפן, מיט די טענה אז כדי צו בעטן א פארדאן דארף מען מודה זיין אויף א פארברעך, אבער ער איז גענצליך אומשולדיג, און ער גייט נישט מודה זיין אויף אן עוולה וואס ער איז נישט באגאנגען.

אין די טעג וואס מען האט דיסקוסירט זיין באפרייאונג איז ער נעבעך קראנק געווארן מיט די מחלה טיפוס, וואס האט זיך דאן פארשפרייט, און ער איז נפטר געווארן אין תפיסה אינעם טאג כ"ז חשוון, שנת תקנ"ד (נאוועמבער 1, 1793 למספ') אין יונגן עלטער פון צוויי און פערציג יאר.

זיין משפחה וועלכע האט זיך אנטזאגט ארויסצוגעבן זיין טויטן אויסגעלייטערטן קערפער פאר די אידישע קהלה וואס האט דאס געבעטן, און זיי האבן אים ליידער באערדיגט אין א קריסטליכע בית הקברות. זיין קבר איז געווען אנגעצייכנט ביז תשע"ז.

אין דעם יאר האט מען געבויט אין יענע געגנט נייע באן שינעס, און לויט די ענגלישע געזעץ איז ערלויבט אוועקצונעמען פאר דעם צוועק קברים וואס זענען עלטערן פון 200 יאר, און אזוי ווי ס'איז נישט געווען קיינער וואס זאל דאס אפהאלטן האט מען ארויסגענומען זיין געביין מיט נאך פילע אנדערע קערפער פון יענע בית הקבות און מ'ווייסט נישט וואו עס איז אהינגעקומען.

ברוך השם אז מען לאזט אונז היינט זיין אידן בפרהסיא, עס בלייבט נאר איבער פאר אונז זיך צו פרייען מיט אידישקייט און מיט די מצוות.

**תהא נשמתו צרורה בצרור החיים**

# א מעשה פון א צדיק

אהרן קליטניק

## העלף זיך אליין

אין די צייטן ווען די קאמוניסטישע באוועגונג האט איבערגענומען רוסלאנד, האבן זיי פארמאכט אלע שולן, חדרים און יעדע זאך וואס האט געהאט א שייכות מיט אידישקייט. עס איז געווען שטרענג פארבאטן צו לערנען תורה, און אויב מען האט געכאפט א מענטש פירן א ישיבה אדער לערנען תורה, האט דאס געמיינט אז מען פארשיקט אים קיין סיביר, וואו מען האט אים געלאזט אויסגיין פאר קעלט.

אין יענע צייטן האט אין דער שטאט מינסק געוואוינט א איד מיטן נאמען ר' יהושע, וועלכער האט געהאט א געוואלדיגע מסירת נפש פאר תורה. ער האט געעפנט א ישיבה אין מינסק מיט הונדערט פופציג בחורים. אבער וויבאלד די פאליציי פלעגן כסדר ארומגיין אין די גאסן זוכן ווער עס פארגייט א פאברעך, האט ר' יהושע זיך ארומגעדרייט אין די גאסן ממש נעבן דעם פלאץ וואו די בחורים האבן געזעצן און געלערנט, מיט א בעזעם אין די האנט ווי א גאסן-קערער. בשעת'ן קערן האט ער איבערגע'חזר'ט גמרא בעל פה מיט א געוויסן ניגון, און ווי נאר ער האט באמערקט די פאליציי, האט ער אנגעהויבן זינגען אן אנדערע ניגון. אזוי האבן די בחורים געוואוסט אז זיי דארפן זיך יעצט באהאלטן.

אזוי איז דאס אנגעגאנגען פאר יארן; אונטער די נאז פון די קאמוניסטן האט זיך געפירט א ישיבה דורך דער מסירת נפש פון ר' יהושע, וואס האט אויך געזארגט צוצושטעלן עסן פאר די בחורים און געלט פאר די הוצאות פון דער ישיבה.

איין טאג באקומט ר' יהושע א בריוו פון די ק.ג.ב. (K.G.B.), אז ער דארף זיך שוין קומען שטעלן פאר זייער געריכט. עס פארשטייט זיך אליין אז אזא איינלאדענונג האט נישט געמיינט קיין גוטס; געווענליך האט עס באדייט אז מען האט דיך געכאפט ביי א פארלעצונג. ר' יהושע קומט אן צום געריכט-הויז, און מען מאכט איםווארטן אינדרויסן פונעם זאל פאר א לאנגע צייט. ווי באקאנט איז דאס געווען איינע פון זייערע טאקטיקן צו צוברעכן א מענטש. נאכן ווארטן עטליכע שעה רופט מען אים אריין, און מען הייסט אים אריינגיין צו איינעם פון די הויפט מיניסטארן פון די פאליציי. דער מיניסטער שמייכלט צו אים און ווייזט אים ער זאל זיך אוועקזעצן. פאר ר' יהושע איז עס געווען גאר מאדנע, ווייל ביי די קאמוניסטן האט מען נישט געוואוסט פון קיין שמייכלען; אלעס איז שטענדיג געווען שטרענג און אכזריות'דיג, מען פלעגט שרייען, און זייערע אויספארשונגען זענען געווען באגלייט מיט פייניגונגען און שווערע יסורים.

און דער מיניסטער זאגט אים: "זאלסט גוט וויסן, איך ווייס פונקטליך וואס דו טוסט דא די לעצטע פאר יאר. אויף דיין נאמען זענען דא בלעטער אויף בלעטער מיט פארברעכנס וואס דו ביסט באגאנגען, וואס אויף יעדן פארברעך קענסטו באקומען א קויל אין קאפ. וויסן זאלסטו אז איך בין א איד, און איך האב באקומען א מעלדונג אז נאך זעקס חדשים גיי איך אוועק פון מינסק און איך גיי קיין מאסקווע צו א העכערע שטעלע, און איינער אנדערש וועט איבערנעמען מיין פאזיציע דא. דעריבער וואלט איך דיר געעצה'ט: לויף אוועק פון מינסק באצייטנס, דו מיט דיין ווייב און קינדער, און איך קען דיר אפילו העלפן אנקומען קיין ארץ ישראל, אבער דא בלייב נישט."

ר' יהושע זיצט דארט און שטוינט: 'וואס גייט דא פאר? זייט ווען האט א מיניסטער אזא רחמנות? ביי די קאמוניסטן זענען נישט דא קיין מעשיות, זיי הרג'נען רעכטס און לינקס אן קיין שום רחמנות, דאס לעבן פון א מענטש איז ביי זיי הפקר.'

רופט זיך אן דער מיניסטער: "איך זע דו ביסט זייער פארוואונדערט איבער דעם וואס עס געשעט דא. איך גיי דיר מסביר זיין און דערציילן וואס דו געדענקסט זיכער נישט. איך קום פון א משפחה וואס ווען איך בין געווען גאר יונג איז מיין טאטע נפטר געווארן, איבערלאזנדיג מיין מאמע אלס אן אלמנה מיט דריי פיצליך קינדער.

פאר מיין מאמע איז געווען זייער שווער צו ברענגען געלט, זי איז שטענדיג געווען שולדיג געלט פארן געשעפטסמאן. עס איז געווען איינמאל אן ערב שבת, מיין מאמע האט שוין גארנישט געהאט קיין געלט צו קויפן פאר שבת, און קיין איין געשעפט איז מער נישט געווען גרייט צו געבן זאכן אויף בארג. מיין מאמע איז אהיימגעקומען און אנגעהויבן וויינען אז איר לעבן איז אזוי ביטער, זי האט נישט וואס צו געבן צו עסן פאר די קינדער, און איך מיט מיינע ברידער האבן מיטגעוויינט מיט איר. פלוצלינג רופט זי זיך אויס: "אה! איך האב פארגעסן, עס איז דא א איד א תלמיד חכם, ר' יהושע, ער וועט מיר זיכער העלפן!" ווי נאר מיין מאמע איז אנגעקומען צו ר' יהושע'ן און אים געזאגט: "ר' יהושע, כלו כל הקצין, איך האלט עס שוין נישט אויס; איך הונגער און מיינע קינדער הונגערן, קיינער וויל מיר נישט געבן קיין עסן אויף בארג, און איך האב נישט קיין וועג וויאזוי צו שטילן מיין הונגער."

הערנדיג די ווערטער פון מיין מאמע, איז ר' יהושע צוגעגאנגען צום וואנט וואו עס איז געהאנגען א גאלדענע זייגער, ער האט עס אראפגענומען, עס געגעבן פאר מיין מאמע און געזאגט: "געב דאס פאר א משכון פארן געשעפטסמאן, אזוי וועט ער דיר זיכער לאזן איינקויפן וויפיל דו ווילסט, און ווען דו וועסט האבן געלט צו באצאלן דעם געשעפטסמאן, ברענג מיר צוריק דעם זייגער."

דער מיניסטער האט אויסגעפירט: "איך געדענק די פרייד וואס מיין מאמע האט דעמאלט געהאט. צוליב דעם האב איך דיר געהאלפן ביז יעצט דו זאלסט נישט ארייגפאלן אין צרות, און יעצט וויל איך דיר העלפן אנטלויפן פון דא כדי אנצוקומען קיין ארץ ישראל; אזוי ווי דו האסט פריילִיך געמאכט מיין מאמע, וויל איך דיר מאכן פריילִיך."

דאס איז ממש די פסוק "שלח לחמך על פני המים כי ברוב הימים תמצאנו", ווען מען העלפט א צווייטן העלפט מען זיך אליין.

*שיחות מוהר"ש חלק י"ג ערך עזרה*



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע

## קס"א

## פארזעצונג פון פריער:

**אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס"ו זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי וִוי עֶס אַיינְגֶעפִירְט יֶעדֶעס יָאר צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.**

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אִים יֶעצְט נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן פוּן הִימְל וִוי אַזוֹי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זִיךְ פִירְן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן תַּעֲנִיתִים זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, וִויפִיל אוּן וֶוען יֶעדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאל פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים יֶעדֶעס יָאר, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז נָאךְ יוֹם טוֹב זָאלְן זֵיי אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים.

נָאךְ יוֹם טוֹב זֶענֶען טַאקֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאזוּנְדֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט יֶעדְן גֶעגֶעבְּן אַ צֶעטְל וֶועלְכֶע טֶעג זֵיי זָאלְן פַאסְטְן. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ דִי אַלֶע זַאכְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָארְט שְׁטֵייט וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיינְקוּקְן אִין זַיין צֶעטְל.

רֶבִּי נָתָן אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן צוּ בַּאקוּמֶען זַיין צֶעטְל, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי זִיצְט בַּיים טִישׁ מִיטְ'ן צֶעטְל אִין הַאנְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי זִיצְט אוּן טְרַאכְט אַרַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפְּלָאגְט אוּן מְעַיֵּן גֶעוֶוען אִינֶעם צֶעטְל, בִּיז וֶוען עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פוּן זַיין הֵיילִיג מוֹיל דִי טֶעג וֶוען רֶבִּי נָתָן זָאל פַאסְטְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי טֶעג פוּן כ"ב אָדָר, ט"ז אִיָּיר, י"א סִיוָן, אוּן י"א טֵבֵת. אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג וֶועט אוֹיסְפַאלְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אָדֶער אִין אַ טָאג וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט פַאסְטְן, זָאל עֶר אָפְּשְׁטוּפְּן דֶעם תַּעֲנִית אוֹיף אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אָפְּשְׁרַייבְּן דִי טֶעג אוֹיף אַ צֶעטְל עֶס צוּ גֶעדֶענְקֶען, אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם צֶעטְל עֶס נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיךְ אָנְגֶעזָאגְט אַז אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע חֳדָשִׁים זָאל עֶר מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן גֶעבְּן מַעֲשֵׂר, עֶר זָאל סְפֶּעצִיעֶל מֶער זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין צוּ גֶעבְּן מַעֲשֵׂר אִין דִי חֳדָשִׁים.

דִי זַאךְ פוּן דִי תַּעֲנִיתִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט יֶעדְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּאזוּנְדֶער, אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט אַז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֵיידֶער דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אָן זָאגְן תּוֹרָה, וֶוען עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן תּוֹרָה, דֶעמָאלְט זָאלְן זֵיי מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ דִי תַּעֲנִיתִים וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן.

דֶעמָאלְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן זֵיי מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאל בִּכְלַל נִישְׁט פַאסְטְן.

אוּם חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי רֶבִּי נָתָן אַ אִינְגְל לְמַזָל טוֹב, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה, אָבֶּער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן בִּיז עֶרְשְׁט נָאכְ'ן בְּרִית, אוּן עֶר הָאט נָאמֶען גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד מֵאִיר.

דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוִויזְן זַיין סֵפֶר, וָואס מִיר רוּפְן "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", דֶער סֵפֶר וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְט. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט פָארְגֶעלֵיינְט עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דֶעם סֵפֶר, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן דֶערְצִיטֶערְט, כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט.

אוּם חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו אִיז רֶבִּי נָתָן נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר גֶעזֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן פַאר דְרֵיי וָואכְן נָאכְאַנַאנְד, עֶר הָאט דֶעמָאלט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן "סֵפֶר הָא-ב", דָאס אִיז דֶער "סֵפֶר הַמִּדּוֹת", וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן נָאךְ צוּרִיק אִין יָאר תקס"ג.

*פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה*




בלעטל יום טוב פראיעקט

# סטאניציעס

בלעטל יום טוב פראיעקט




אן ערשטמאליגע בילדער־פראיעקט לכבוד יום טוב מיטן אריינבליקן הינטער די קוליסן
פון איקאנישע לאקאציעס אין אט אונזער היים־שטעטעלע ליבערטי, וואס טראָץ זיי
געפינען זיך ביי אונז אין בעקיארד זענען זיי נאכאלץ פארבארגן פון אונזערע אויגן

**שמואל אייכנשטיין**
בילדער: יואל וועבערמאן

ד

י ערשטע זאך וואס די בלעטל רעדאקציע פארלאנגט בעפאר מען טאנצט אריין אין א פראיעקט איז, אז עס קען נישט זיין סתם געמאלן וואסער. עס דארף פארמאגן א גוטן חידוש, עפעס וואס דער ליינער ווייסט נאכנישט, אבער פון די אנדערע זייט זאל עס האבן א ריכטיגע לעובדא ולמעשה'דיגע פאנטש ליין.





און דאס האלטן מיר שטענדיג פאר די אויגן, פון ווען מען הייבט אן פלאנען דעם פראיעקט, ביזן ענדיגן שרייבן די לעצטע שורה, אז דער ליינער זאל באקומען דעם אמת'ן בליק ווען ער קוקט אויף עפעס. למשל, דורך דעם באשרייבונג קומט ארויס די מעסעדזש גאר שטארק, אז די אפיס וואו מיר גייען באזוכן איז נישט סתם נאך א סטאנציע אינעם גרויסן וועלטל, נאר עס איז א גאנצע וועלט פאר זיך. עס טראגט אין זיך חסד פאר א צווייטן, קוקן גוט אויף די אידן מיט וועמען מען קומט אין קאנטאקט, און בעיקר ווייזט עס וויאזוי א מענטש קאנעקט זיך מיט'ן אייבערשטן דארט אויף זיין פלאץ וואו ער געפינט זיך במשך דעם טאג.



אז מען האט שוין דעם ציל, קען מען זיך נעמען צו דער עבודה, נעמליך זיך ארומקוקן אינעם שטעטל וואו עס געפינען זיך אזעלכע שטילע ווינקלען, וואס די בלעטל לייענער ווייסן אפילו נישט וואס דארט קומט פאר.









א גרויסן דאנק פארן שטענדיגן חבר פונעם קרית ברסלב בלעטל ר' יואל וועבערמאן, וואס איז מיטגעקומען צו אלע ערטער און געכאפט הערליכע בילדער, דאס האט לויט אלע ווארשיינליכקייטן ערגענצט דעם ארטיקל און איר ארויפגערוקט צום קומענדיגן שטאפל פון פראפעסיאנאליטעט.



גיימיר צום ערשטן סטאנציע.

# שמש שטיבל

"איך האב די בעסטע דזשאב אין שטעטל," זאגט אונז דער געטרייער שמש ר' ישראל פוקס, בשעת ער דרייט מיטן שליסל צו עפענען דעם שלאס פונעם שמש שטיבל. "ס'איז נישטא נאך איינער וואס קען זען פונדערנאנט די טייערקייט פון אלע שטעטל איינוואוינער, אזוויו דער שמש אין בית המדרש."

"איך זאג עס מיטן גאנצן הארץ, ס'איז נישטא אין דער וועלט אזוינע וואוילע מענטשן ווי אנשי שלומינו וואס קומען אהער יעדן צופרי און ביינאכט דאווענען. אין א בית המדרש אזוי גרויס וואלטן ווען געקענט זיין יעדן טאג קריגערייען און מחלוקת, יעדער מענטש האט דאך א צווייטע מיינונג. ברוך השם אז דער בית המדרש איז א שיין ווינקל וואו יעדער שפירט זיך היימיש און באקוועם."

ר' ישראל האט אונז נישט געדארפט צופיל לאדענען, דאס שמש שטיבל איז באקאנט פאר אלע ליינער פינקט ווי פאר אונז, אבער מיר האבן קיינמאל נישט געהאט אן ארייננבליק צו עפעס מער ווי דאס וואס מען קען זען מיט די פליישיגע אויגן. אלעס שטייט אויפן פלאץ זונטאג צופרי, אזוויוי מען האט עס איבערגעלאזט פרייטאג הארט פארן זמן.

דער געטרייער שמש צייגט אונז אלע פארשידענע זאכן וואס די שטיבל האט צו פארקויפן. "יעצט ווינטער איז דער שטיבל אפן בלויז ערב שבת. מיר האפן עס אויסצוברייטערן אינעם זומער מיט פרישע ווארימע עסן יעדן פרייטאג, און אנפולן די פאליצעס מיט פיל מער זאכן ווי עס איז דא אצינד."

"עס זענען דא פלענער פאר די זומער צו מאכן דא א שטיקל 'קאנטין' פאר די בחורים, מיט סלאש, און פאפקארן און נאך גוטע זאכן יעדן טאג. אז עס וועט שוין זיין דא, וועלן די אינגעלייט אויך קענען נעמען."

מען זעט אז די תלמידים פונעם ראש ישיבה שליט"א לעבן מיט ישוב הדעת, ווי ר' ישראל לייגט עס אראפ: "אין אלע שמשים שטיבלעך קומען מענטשן פרייטאג די לעצטע רגע מיט די נשמה אין די הענט און פרובירן צו כאפן אלעס וואס איז דא כדי זיי זאלן נאך האבן עפעס אויף שבת. די טייערע איינוואוינער פון שטעטל קומען אין מקוה זייער פרי, און אויך קויפן זיי אינעם שמש שטיבל בלויז קלייניקייטן, מען לאזט נישט איבער קיין וויכטיגע זאכן צו קויפן ערב שבת פארן זמן."

יעצט אבער ערווארט אונז א שטיקל סורפרייז, ווען ר' ישראל פירט אונז אריין אינעם צווייטן צימער, וואו ער ווייזט אונז די ריזיגע וואש מאשינען וואס ארבעטן מיט'ן פולן פארע, לושמיר אינדרויסן פונעם מקוה שטייען פולע וועגענער מיט האנטוכער. "איך מאך זיכער אז ס'זאל אייביג זיין גענוג פאר כאטש צוויי טעג, אז אויב עפעס מאכט זיך אומגערישט, זאל זיין גענוג און נאך פאר יעדן איינעם."

אויף אונזער פראגע אויב מען קען ארויסגעבן עפעס פון הינטער די קוליסן וואס מענטשן ווייסן נישט איבער דעם שמש שטיבל, זאגט אונז ר' ישראל: "אפטמאל ווען דער ראש ישיבה קומט אהער אויף שבת אדער יום טוב, קום איך אהער אין די צוויי צימערן איינשטיין אויף שבת מיט די משפחה, די שמש שטיבל ווערט מיין דירה לכבוד שבת."

מיר ענדיגן אונזער באזוך און מיר לאזן ר' ישראל צוריקגיין אויבן שיין באגריסן די מתפללים וואס זענען נארוואס אנגעקומען.


VEVOR











# בלעטל רעדאקטאר

"איך הער זאגן אז אפאר שעה א חודש האסטו צייט צו ארבעטן פאר 'פעסט בילד'..." לאז איך פראדוצירן אן אומגעלונגענעם וויץ ביים ארייגשפאצירן אין אפיס פון דער רעדאקטאר פונעם בלעטל, וואס איז אויך דער גבאי פון קרית ברסלב, און אויך דער פראדוצירער פונעם 'ברסלב'ער ברודער' אפטיילונג אויף קול ברסלב, און איז אויך באקאנט פאר די שרייבער צו זיין א שטיקל דיפלאמאט ווען מען דארף מאכן שלום צווישן אנ"ש, מו"ה אברהם הערש וועבערמאן נ"י.

ר' אברהם הערש ווארט נישט אז מיר זאלן פרעגן קיין שאלות, שוין וואוסענדיג בעפאר וואס אונזער ציל מיטן קומען איז, נאר ער גייט גראד צו צום נושא. "בעצם איז נישט בלויז דא דער איינציגסטער אפיס פונעם בלעטל, עס זענען דא צענדליגער אינגעלייט און פרויען וואס ארבעטן אויפן בלעטל, אלע פון זיי זיצן אין זייערע באזונדערע אפיסעס און ארבעטן אריין."

אויף אונזער פראגע וואס ספעציפיש עס ווערט געטון דא ביי אים אין ביורא, זאגט אונז דער רעדאקטאר: "מיין ארבעט דא איז מער-ווייניגער צו צוזאמברענגען דעם בלעטל אלס איין גאנצע אויסגאבע. עס זענען דא יעדע וואך עטליכע שרייבער, סיי ביי די מענער און סיי ביי די פרויען, דערנאך זענען דא מגיהים און גרעפיקער. כדי דאס בלעטל זאל זיין שיין פרעזענטירט, מוז עס דורכגיין די אלע שטאפלען."

מיר פרעגן ר' אברהם הערש צי עס איז דא עפעס וואס די ליינער פונעם בלעטל ווייסן נישט איבער דעם אפיס. ר' אברהם הערש ענטפערט אומצווייידייטיג: "אזויווי איך דארף זיך אפגעבן מיט די אלע וואס זענען אינעם שטאב פונעם בלעטל יעדע וואך, קומט מיר אויס צו דארפן אסאך מחזק זיין אנשי שלומינו, זיך אויפצופרישן מיט הפצה און צו איבערהיפן אלע שוועריקייטן אין לעבן און זיך באפלייסן מיט די עבודות הקודש. די בלעטל ליינער זאלן וויסן אז הינטער יעדע בלעטל ליגט שעות אויף שעות פון חיזוק."

"דאס איז אויסער די פיזישע ארבעט וואס דער געטרייער שטאב פונעם בלעטל לייגט אריין יעדע וואך, אנגעהויבן פון זיכער מאכן אז די שרייבערס לאזן די פעדערן לויפן אויפן פאפיר און ארויסרוקן פרישע ווארע, עס אריבערפירן צו די מגיהים און ארויסנעמען אלע טעותים און זיכער מאכן אז עס איז פאסיג צו גיין צום דרוק אין אן אויסגאבע אויף די העכסטע ניוואו, טרעפן פאסיגע בילדער פאר יעדן ארטיקל, און פון דארט עס אויסשטעלן אריין אינעם בלעטל. און דאס איז מיט יעדע קאלום און ארטיקל באזונדער..."

"ווי אויך איז וויכטיג צו באטאנען דאס וואס דער ליינער ווייסט אפשר נישט, אז בעפאר מען הייבט אן ארבעטן אויפן בלעטל בעט מען דעם אייבערשטן עס זאל נישט ארויסקומען קיין מכשול מתחת ידינו," ברענגט ר' אברהם הערש ארויס מיט פאטאס, "עס זאל ברענגן די ריכטיגע תועלת און מענטשן זאלן ווערן דערפון ערליכע אידן, מאמינים בהשם ובתורתו, און די עיקר האבן אמונת חכמים. דערנאך גיבט מען א פרוטה לצדקה און מען טאנצט גלייך אריין אין די עבודה."

מיר פאקן צוזאם די שרייבערישע געצייג און מיר גרייטן זיך צו פארלאזן דעם אפיס, ווען ר' אברהם הערש שטעלט אונז אפ אויפן וועג ארויס. "לאז וויסן פאר אלע טייערע בלעטל ליינער אז איך זוך נאך אידן זאלן העלפן מיט די בלעטל, די ארבעט איז זיך צוואוקסן אין די לעצטע יאר מיט בערך דריי מאל אזויפיל ווי בעפאר. סיי אינגעלייט און סיי פרויען וואס ווילן ארויסהעלפן זאלן זיך פארבינדן מיט מיר."








BLOOZ

# גראָסערי

ביים אריינקומען אינעם גראָסערי באַקומען מיר א גאר פרייַנטליכע אויפנאַמע פון 'פעטער יודל פריינד'. ער פירט אונז ארויף צום צווייטן שטאָק העכערן גראָסערי. "דא איז א בחינה פון א ווייבער שול אין גראָסערי," זאָגט אונז דער באַליבטער גראָסערי מענעדזשער, צייגנדיג אויף די פּאַנאָראַמע וואָס מען זעט פון זיין אַפיס-פענסטער אויפן צווייטן שטאָק. פאר יואלי'ן געפעלט דער 'וויאו' און ער כאַפּט אַפּאַר בילדער דערפון אריינצולייגן אינעם בלעטל למען ישמעו ויראו: "דא קען מען זען יעדער וואָס עס פאַלט אַראָפּ פון זיין וואָגן א בינטל באַנאַנעס און ער לייגט עס נישט צוריק..."

"אין דעם אַפיס זיצן די בעלי בתים פון לעמאַנעיד, מו"ה משה יחיאל פעלדמאַן וזוגתו, און זיי פירן דעם געשעפט. פון דא מאַכט מען די אָרדערס צו אַלע קאַמפּעניס צו באַשטעלן אַלעס עס זאָל זיין גענוג פאר אַלע קונדן." ר' יודל צייגט אונז אָן אויף א שפּילצייג פאר קינדער מיט א 'נ נח' אויפשריפט. "דא קענסט זען א געוויסע סאָרט שפּילצייג וואָס דער דיסטריביוטער האָט אהער געשיקט, אָבער למעשה האָבן מיר באַשלאָסן אַז עס איז נישט לויט אונזער סטאַנדאַרט און מיר האָבן עס נישט אַרויסגעלייגט אויף די שעלפס ווייל עס איז א בזיון פאַרן רבי'ן, ממילא ליגט עס דא ביז מען וועט עס קומען אַפּנעמען."

"דא דערנעבן איז דער אַפיס פאר פאָון אָרדערס, וואו מען זיצט און מען הייבט אויף די טעלעפאָנען פאר די אידן וואָס ווילן אַז מען זאָל זיי אַפּשיקן זייער אָרדער אַהיים."

"אַזוי ווי איך בין נישט דער בעל הבית, קען איך זאָגן אָפן: עס שטערט זייער שטאַרק פאַרן געשעפט ווען מען האָט א באַלאַנס און מען באַצאָלט עס נישט. עס קען זיך הערן מאָדנע, אָבער אַפילו ווען מען איז שולדיג א קליינע סכום, ווי למשל הונדערט דאָלער, און מען באַצאָלט נישט פאר חדשים לאַנג, ברענגט עס א זייער שלעכטע געפיל מצד די גראָסערי. עס איז אַפילו נישט בלויז צוליב די געלט, איז עס דער געפיל וואָס מען גיבט אַז מען איז נישט מחשיב דעם געשעפט. אַפילו עס איז גאר א קליינע סכום, איז וויכטיג נישט צו טראַכטן אַז 'עס איז גאַרנישט איך לאָז עס ליגן'."

מיר פרעגן ר' יודי אויב עס איז פאַראַן עפּעס אינטערעסאַנט וואָס קומט פאָר הינטער די קוליסן אין גראָסערי, וואָס מיר קענען אַרויסגעבן פאר די ליינער.

"די מענטשן פונעם שטעטל זענען גאר גאר וואוילע מענטשן, עס איז באמת צום באַוואונדערן. אַלע קומען אַריין מיט א שמייכל און מיט א גוטע באַנעמונג. דא אין די גראָסערי איז א פּלאַץ וואו מען טרעפט זיך איינער מיטן צווייטן, מען כאַפּט א קורצע שמועס און מען איז זיך מחזק אינאיינעם געשמאַק.

אויב עס מאַכט זיך אַמאָל וואָס איינער קומט אָן אין גראָסערי אין א שלעכטע גוסטע, האָב איך זיך אויסגעלערנט אַז ער מיינט נישט מיר, מן הסתם האָט ער געהאַט א שווערע מינוט בעפאר ער איז אַריינגעקומען, אָדער גייט ער סתם אַזוי אַריבער יעצט שווערע צייטן און עס קראַכט אויס דא אין גראָסערי ווען מען טרעפט א געלעגנהייט זיך אויסצוגעבן די איינגעהאַלטענע שווערע געפילן."

"און לאָמיר דיר זאָגן, איך וועל קיינמאָל נישט הערן פון אונזערע חברים, תלמידים פונעם ראש ישיבה שליט"א, א מיאוס וואָרט ר"ל, נישט קיין חילוק ווי

אנגעצויגן דער מצב איז. דאס איז א זאך וואס ליגט טיף איינגעקריצט אין די ביינער אז דאס קען נישט געשען, די אלע דרשות שטייען פאר די אויגן.״

הערט דעם חידוש פון א ברסלב׳ער גראסערי מענעדזשער: ״ווען איך זע אז איינער איז אביסל נישט אין די בעסטע גוסטע און ער גיבט שלעכטע באנעמונג (עטיטוד) ווען ער קומט אהער, בעט איך דעם אייבערשטן דאס וואס ר׳ נתן האט געזאגט אז ווען ער זעט ביי א צווייטן א חסרון, ווייסט ער אז ער האט נאכנישט געמאכט געווגג התבודדות.״

ר׳ יודי לויפט אראפ אונטן איבערזיכטן א איד וואס ברויך הילף, און ער לאזט אונז איבער באטראכטן די לאנגע רייעס פון גראסערי איילס וואס מען זעט פון אויבן.

אויפן וועג ארויס באשטימען מיר אז דער אלטע אידישערווארט ׳פאסקונדיאק׳, קומט לכאורה פון א ׳קונד׳ וואס מען האט זיך נישט געקענט מיט אים באפאסן...









# הצלה גאראדזש

הערט א חידוש וואס ר׳ אברהם יהושע וועבערמאן זאגט אונז ביים עפענען די גרויסע טירן פונעם הצלה גאראדזש וואס געפינט זיך נעבן זיין אפיס בנין: ״איך האף אז מען וועט קיינמאל נישט דארפן נוצן דעם צימער, אפילו מען האט אריינגעלייגט דערין אזוי פיל געלט און ארבעט.״

ר׳ אברהם יהושע פירט אונז ארום אינעם קליינעם צימער, וואס האט פלאץ פינקט פאר צוויי הצלה אמבולאנסן.

״ס׳איז א גרויסער חסד השם און א מורא׳דיגע טובה פארן שטעטל אז מען האט געקענט ברענגען אן הצלה גאראדזש ממש ביים אריינגאנג צום שטעטל. פארדעם האט מען געדארפט קלעטערן ביז סאוט פאלסבורג אדער ביז מאנטיסעלא, אפטמאל אינמיטן די נאכט אדער אין א גרויסע שניי, צו ברענגען אן אמבולאנס אהער. יעצט איז עס ממש צו די האנט ווען אימער מען דארף עס.״

מיט רשות פונעם געטרייען הצלה וואלונטיר ר׳ אברהם יהושע, עפענען מיר די טירן פון איינע פון די אמבולאנסן און מיר מאכן זיך היפש באקוועם אינעווייניג.

״וואס קומט דא פאר אין דעם צימער?״ פרעגן מיר די שאלה וואס איז דער ציל פונעם גאנצן פראיעקט.

״בעצם גארנישט, עס ווערט באנוצט בלויז אין א נויטפאל ווען מיר ווען אריינלויפן אין גאראזש און ארויסיאגן מיטן אמבולאנס די שנעלסטע וואס מעגליך.״

מיר האבן נישט געקענט איבערלאזן דעם שמועס מיט אזא פשוטע ענטפער אן ארויסדערוויישן עפעס געהיימע אינפארמאציע. מיר האבן היפש געדארפט קוועטשן און דרייען ארויסצובאקומען עפעס פון הינטער די קוליסן, אבער נאך אביסל ארבעט האבן מיר געטון דאס אומגלויבליכע און געמאכט אן הצלה וואלונטיר רעדן.

״עס איז נישט מעגליך ארויסצוברענגען די דאנקבארקייט וואס די וואס וויסן דערפון האבן, און אלע שטעטל איינוואוינער וואלטן געדארפט האבן צו די חברי הצלה. וואס האבן פון זייער פריוואטן טאש אהערגעשטעלט דעם גאראדזש מיטן בלויזן ציל צו קענען העלפן די שטעטל איינוואוינער די שנעלסטע און בעסטע וואס מעגליך. אזוי אויך - זאל נישט זיין אויסגערעדט - באצאלן די מעמבערס די גאז און עלעקטריק דא יעדן חודש.״

״אזוי אויך איז דא א געטרייער איינגערמאן דא פון שטעטל וואס וואלונטירט אלס א סערוויס מעמבער, ער קומט אהער עטליכע מאל א וואך זיכער צו מאכן אז די אמבולאנסן זענען אנגעפולט מיט גאז, און אז אלע צוגעהערן וואס דער אמבולאנס דארף האבן כדי צו קענען פונקציאנירן ליגן אויפן פלאץ, אז יעדע ליאדע סעקונדע ווען מען דארף נוצן דעם אמבולאנס זאל עס זיין גרייט. שטעל דיך פאר אז אויפן וועג צו א הצלה רוף דארף מען זיך אפשטעלן נעמען גאז...״

״אויב איז דא עפעס וואס מען ווייסט נישט, איז עס וויפיל ארבעט און כוחות עס גייט אריין ווען דער עולם זעט נישט.״

מיר פארברענגען באקוועם און אנגענעם נאך עטליכע מינוטן אינעם אמבולאנס, און פארלאזן דעם גאראדזש איבערלאזענדיג א גרויסע ברכה אז מען זאל עס קיינמאל נישט דארפן נוצן.

אויב יא, בלויז אויף שמחות.


CATSKILLS
HATZALAH
EMERGENCY MEDICAL SERVICE


902








902




CATSKILLS
KEEP
TSKILLS DIVISION

# באזאר

אזוויי דער באזאר איז נישט קיין ארט וואו מיר האבן זיך געוואלט ארומדרייען פאר צו לאנג נאכדערצו מיט א גרויסע בילדער כאפער אין די הענט, האבן מיר געטראפן ר' מרדכי אהרן היילפרין אויף אן אנדערע ארט.

"נו, פון וואו טאקע קומען אלע זאכן וואס פילן אן דעם באזאר?" הייבן מיר אן דעם שמועס מיט א דרינגענדע שאלה וואס ווארט שוין א לאנגע צייט ביי מיר אין די מח קעמערלעך אויף א תשובה.

"זארג נישט, עס איז נישט מיינע אלטע זאכן פונדערהיים... עס קומט פון פריוואטע מענטשן וואס האבן געשאפט פון פאמיליע מיטגלידער גוטע, אומבאניצטע אדער כמעט נייע קליידער. עס זענען דא פרויען וואס רופן ארום געשעפטן און פאבריקן זען צו עס איז דא פארבליבענע סחורה. א מערהייט פון די זאכן וואס ליגן יעצט צום פארקויפן זענען 'ברענד ניו'."

ליינט עפעס וואס איר האט נישט געוואוסט: "אלע איבריגע קליידער וואס קומען נישט נאך אונזערע סטאנדארטן פון שיינקייט אדער קוואליטעט, ווערן נישט ארויסגעלייגט אויף די שעלפס און דארפן ווערן ארויסגעווארפן, עס ווערט אפגענומען דורך א פירמע וואס פראדוצירט דערפון שטאף ארייינצולייגן אין בערעלעך און אזוינע סארט שפילצייגן."

"אזוויי יעדע זאך אין שטעטל, זענען שטענדיג דא פלענער צו גיין גרעסער," זאגט אונז ר' מרדכי אהרן מיטן קאפ פון אן הנהלה מיטגליד. "די פלאץ איז זייער קליין און באמת נישט גענוג צו באדינען אונזער געברויך. אזוי ווייט, אז מיר זאגן היינט אפ זאכן וואס עס איז נישט ממש עפעס וואס מיר קענען נוצן, צוליב דעם וואס עס איז פשוט נישטא קיין פלאץ. ווען וועלט איז וועלט האבן מיר א פלאץ אזוי גרויס ווי וואלמארט."

"ווען דער באזאר האט געעפנט, האבן דא אין שטעטל געוואוינט א קליינער פראצענט פון וויפיל איינוואוינער עס איז דא היינט בלי עין הרע, עס פלעגט אפילו זיין פלאץ פאר אן אפטיילונג פון מענער מלבושים. היינט אבער איז נישטא וואו אריינצושטופן א נאדל אינעם בנין, האבן מיר געמוזט אוועקגעבן דאס פלאץ פאר די פרויען קליידער. ווי נאר עס איז דא פלאץ דערפאר, עפענען מיר צוריק אי"ה."

"כ'ווייס נישט אויב דו רעכנסט דאס אריין אינעם באזאר סטאנציע, אבער עס איז אויך דא א פורניטשור באזאר. אזוויי עס איז פלאצירט אין א קליינע געביידע, ווערט עס צום באדויערן גאר ווייניג באנוצט. אין די וואלמארט לאקאציע ווערט דאס זיין א גרויסע באזונדערע אפטיילונג..."

"צום לעצט איז וויכטיג ארויסצובברענגען די דאנקבארקייט וואס מיר האבן פאר אלע חשוב'ע פרויען וואס העלפן ארויס מיט'ן באזאר א גאנצע וואך, סיי מיט'ן שאפן די סחורה און עס אהערברענגן, און סיי מיט'ן עס אויסשטעלן שיין פאר די וואס קומען אהער, דער אייבערשטער וועט זיי זיכער באצאלן מיט אלעס גוטס."

מיר באדאנקן זיך פאר ר' מרדכי אהרן, און נאכ'ן קוקן אויף די אויגעלעך זיכער צו מאכן אז קיינער איז נישט אינעם באזאר, חלילה נישט אומבאקוועם צו מאכן מענטשן, האבן מיר זיך אריינגעשלייכט כאפן אפאר בילדער פאר'ן ארטיקל.

דער באזאר קוקט אויס אזוויי אויף די בילדער... הערליכע פולע צימערן אנגעפילט פון איין עק צום צווייטן מיט טייערע סחורה, טייל דערפון נאך אפילו מיט די 'טעג' אויף דעם.

געכאפט אפאר בילדער און געגאנגען ווייטער צום נעקסטן סטאנציע.






pepsi










הרחבת הדע
איך אין ד
חדר הנבון
מיר גרייטן זיך יעצט צו בויען פינף
פרישע זומערדיגע בנינים וואס
וועט דינען פאר קלאס צימערן און
פאר די מנהל׳ס אפיס האנדלט
אייך היינט איין א זכות נצחי
קרן הבנין
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א
קרן בנייני מוסדותינו הק׳



זומערן!
ר קינדער זאלן
ישט שוויצן און
רעגן און היצן
קלאס א׳
נמכר
קלאס ב׳
קלאס ג׳
קלאס ד׳
חדר המנהל
צו נעמען א זכות אינעם בנין קען מען זיך ווענדן צו די געטרייע גבאים פון ׳קרן הבנין׳
מו״ה שבתי מארקוס הי״ו
347.735.9688
מו״ה אשר בער אינדארסקי הי״ו
347.997.2348

# מנהל'ס אפיס

דער סגן מנהל עפענט אונז די טיר מיט א ברייטן שמייכל. און מיר שפאנען אריין און טרעפן דער מנהל, הרב מרדכי אינדיג שליט"א, זיצן ביים טעלעפאן. "דא קענסטו נייגן אן אויער, איך האלט אינמיטן אויסהערן וואס טוט זיך אין כתה ח'."

נאך עטליכע מינוט נעמט דער מנהל אראפ דעם טרייבל פונעם באזע און זאגט אריין, "ס'איז באמת א גן עדן צו מיטהאלטן ווי שיין כתה ח' לערנט, מען קען ממש שמעקן דעם גן עדן ביז אהער אין מנהל'ס אפיס."

עד כאן, דער מנהל לייגט אראפ דעם טעלעפאן און גיבט אונז זיין פולע אויפמערקזאמקייט.

"בעצם דארף נישט דער מנהל אן אפיס. איך זיץ טאקע נישט דא צופיל, רוב טאג בין איך אדער אין לאנטשרום, אדער אין האלוועי אדער ערגעץ אנדערש. דא איז בלויז אן ארט וואו איך האב א בענקל זיך אוועקצוזעצן ווען מען דארף האבן אפאר מינוט פון רואיגקייט."

מיר פרעגן פונעם מנהל די שאלה וואס מיר פרעגן פון אלעמען: "וואס קומט דא אלס פאר אין דעם אפיס הינטער די קוליסן, און איר קענט דאס זאגן אז די בלעטל ליינער זאלן וויסן?"

ווי אפגעשמועסט פון פאראויס, גיבן דער מנהל און דער סגן מנהל א שטיקל זיפץ אין די זעלבע סעקונדע. "מען קען נישט מסביר זיין פאר איינער וואס זיצט נישט דא, וואס עס טוט זיך אפ דא. איך ווייס נישט ווי אנצוהייבן, עס איז נישט קיין זאך וואס איינער וועט פארשטיין."

איך פרוביר אן אנדערן וועג: "פארוואס האבן אלע קינדער און אסאך טאטעס קאשמארן פונעם מנהל'ס אפיס, און בכלל פון די חינוך אין זייערע קינדער יארן?"

דער מנהל איבערראשט אונז מיט זיין ענטפער: "דאס וואס קינדער רעדן זיך אפ אין די שפעטערע יארן אויף די חינוך וואס זיי האבן יא אדער נישט באקומען, איז נאר אויב עס איז געקומען פון כעס, אדער אויב מען האט פארלאנגט פון זיי צו טון זאכן פאר כבוד אדער אנדערע אינטערעסן חוץ חינוך. חינוך אליין איז קיינמאל נישט קיין פראבלעם."

דער מנהל לאזט אונז נישט פארדייען זיינע ווערטער און שפינט ווייטער די טעאריע. "פריער איז דא געווען א אינגל, וואס דער מלמד האט אהערגעשיקט צוליב וואס ער האט זיך נישט אויפגעפירט מיט דרך ארץ אין כתה. איך האב אים געפרעגט וואס ער וואלט געטון ווען ער איז ווען דער מנהל און ס'איז דא א קינד וואס פירט זיך נישט אויף שיין. דער אינגל האט אליינס פארשטאנען אז ער האט נישט ריכטיג געטון, ער האט זיך פארגענומען צו זיין וואויל, און אלעס איז געווארן מסודר. ווען איך וואלט ח"ו געווארן אין כעס און אים אנגעריסן דיביינער מיט'ן תירוץ 'חינוך', וואלט ער געווען ברוגז אויף מיר פאר צענדליגער יארן, און מיט רעכט."

"וועגן דעם וועל איך אלעס זען צו טון צו זיין זיכער אז וואס איך טו איז בלויז פאר'ן חינוך פון די קינדער און גארנישט אנדערש. אויב עס איז דא איינער וואס איז ברוגז אויף מיר, פרוביר איך מיט'ן גאנצן הארץ זיך צו דערגרינטעווען וואס עס ליגט אינטער דעם און דאס צו פארריכטן. דא ליגט ביי מיר אין אפיס א גאנצע טעקע מיט בריוון וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט מיר אויסצוהערן וואס אלע האבן צו זאגן און פאררעכטן וואס מען דארף פאררעכטן."

דער מנהל גיבט מיר ארייננצובליקן אין די פאלדערס און זיך אליינס איבערצייגן, צעברעכענדיג אלע פריערדיגע דאמבעס וואס האבן צוריקגעהאלטן אויפרעגעניש פון די יונגע יארן קעגן "דעם מנהל'ס אפיס".

אינדרויסן פונעם אפיס ווערן מיר העפליך איינגעלאדענט צום קאווע שטיבל פון מלמדים שטיבל, וואס וואלט נישט געווען א שלעכטע געדאנק נאכן ארומלויפן עטליכע שעה. אבער מיר יאגן זיך צו כאפן די קומענדיגע סטאנציע עטליכע פוס אוועק.





















# מוסדות ביורא

"קודם, בעפאר דו כאפסט בילדער, לאז מיך אראפפאקן די פרישטאג פון מיין טישל", זאגט אונז דער געטרייער אדמיניסטראטער ר' רפאל פורסט, ווען מיר שפאנען אריין ביי אים אין ביורא שפעט נאכמיטאג, בשעת ער פאקט צוזאם זיינע זאכן שליסענדיג דעם טאג. "א ליידיגע טעלער וואלט מען נישט באמערקט, אבער דאס איז דאך נאכנישט באריכט געווארן, עס וועט סתם שטערן די פאנאראמע..."

מיר באוואונדערן מיט א פראגע מינגע אויפן פנים דעם גרויסן אפיס מיט פילע טישלעך, קומענדיג ספעציעל אביסעלע שפעטער אין טאג ווען די חשוב'ע פרויען וואס ארבעטן אין אפיס זענען שוין אהיימגעגאנגען. 'פארוואס פעלט אויס אזא גרויסע אפיס?'

דער אדמיניסטראטער ליינט מיינע געדאנקן און בלייבט אונז נישט שולדיג. "איך לאז דיר אריין דא ווייל איך וויל אז אנ"ש זאלן וויסן וואס דא קומט פאר. עס איז פארהאן א גאנצע שטאב וואס ארבעט שווער פאר די מוסדות, און אסאך מאל רופט איינער אריין און עס נעמט אביסל צייט ביז מען קען זיך אפגעבן מיט יענעם, זאל מען אבער וויסן אז דאס איז ווייל ס'איז דא ארבעט איבערן קאפ זיכער צו מאכן אז די מוסד גייט ווייטער אן, נישט ווייל מען זיצט דא און מען טרינקט קאווע."

"אגב, ביז נישט לאנג צוריק איז געווען דא אויך די אפיסעס פון די קהילה און אלעס אנדערש וואס איז געווען אונטער 'היכל הקודש', דעמאלטס זענען געווען דא אסאך מער ארבעטער. היינט זענען זיי אין א באזונדערע אפיס."

אויב טאקע אזוי, האבן מיר געשטעלט פארן אדמיניסטראטער דעם פאלגנדע פראגע, הגם די פראגע שמעקט אביסל יאכנע'דיג. "אז ס'איז דא אזויפיל ארבעטער, וואס טוסטו דא?"

"איך בין דער וואס דארף זיין באאויפטראגט אויף די אלע סעקרעטערי'ס, אריינטשעקן יעדן טאג אין יעדן אפטיילונג און זיכער מאכן אז אלעס לויפט ווי עס דארף צו זיין. אבער בעיקר האב איך די זכי' פון טראגן דעם עול פון דעקן דעם בודזשעט פונעם רבין'ס מוסדות, און זיכער מאכן אז די פעיראל ווערט באצאלט. ברוך השם, ס'איז עפעס א קלייניגקייט צו קענען טון פארן רבי'ן?"

אויף אונזער פראגע וואס מען קען ארויסבאקומען פון הינטער די קוליסן איבער דעם אפיס, ענטפערט דער אדמיניסטראטער. "מען זאל וויסן אז ס'איז דא א גרופע מענטשן, וואס מען קען נישט אויספויקן מיט א שופר ברבים, אבער זיי באקומען נישט באצאלט פון פורים ביז שבעה עשר בתמוז. און גייען אן מיטן גאנצן פעסטקייט יעדן טאג פון פריש, מיט די גאנצע כח און מיט די גאנצע קישקעס צו טון פאר די מוסדות."

"הודו לשם, דער אפיס גייט אן מיט א שטארקייט, אפילו עס איז נישט שטענדיג גרינג. ווייל יעדער איינער אן אויסנאם איז דא מיטן דעם ציל צו העלפן דעם רבי'נ'ס מוסדות אנגיין און אריינברענגען אמונה אין אונזערע קינדערלעך. כדי די מוסדות זאלן קענען פונקציאנירן, מוז מען האבן אן אוועקגעשטעלטע אפיס."

ר' רפאל נעמט אונז ארום דעם צימער און צייגט אונז ספעציפיש וואס ווערט געטון ביי יעדן דעסק באזונדער, ווי א ריכטיגער אפיס מענעדזשער רימט ער אויס יעדן ארבעטער וואס פאר א גוטע ארבעט עס ווערט געטון, אפילו שלא בפניו. מיר ווערן ארויסבאגלייט מיטן טראדיציאנאלן "רפאל פורסט שמייכל".

פארפאלן, פון אלע באזוכן זענען מיר דאס מערסטע געווארן איבערגענומען פון די מוסדות אפיס, זעענדיג בחוש וואס עס קומט פאר באשיינפערליך הינטער די קוליסן.


















רבונו של עולם זעה ווי איך זינק אין
חובות, נעם מיך ארויס פון אלע מיינע
צרות וואס איך בין אריין אין דעם, איך
זאל קענען אפגעבן אלע חובות, געב מיר
שפע איך זאל מיך נישט דארפן מיטשען,
ווארום מיין גאנץ כוונה איז נאר
אויפבויען א ישיבה און א תלמוד תורה
ווי די תלמידים רעדן נאר פון דיר, און זיי
וועלן לערנען פלייסיג דיין הייליגער
תורה, איבערדעם האב אויף מיר רחמנות
און געב מיר חן אין דיינע אויגן, און הער
צו מיין תפלה און מיין געבעהט, און
שענק מיר שפע איך זאל קענען אפצאלן
אלע חובות, און עס זאל מיר נתרחב
ווערן בגשמיות וברוחניות מעתה ועד
עולם אמן סלה.


דער ראש ישיבה
האט געזאגט :
If you want
something done,
give it to a busy
person.

# דער מעכאניקער

ביים ארײנשפאצירן אין מאכאניקער געשעפט ווי ביים טאטן אין ווײנגארטן, האבן מיר אבזערווירט עטליכע אינטערסאנטע ספעקטאקלען.

צום ערשט, א גרויסע מאנסטערישע 'עס-יו-ווי' פלאטערט אין די לופטן אויף א 'פארקליפט', מן הסתם האט ער דארט הויך געצאפלט פאר שרעק.

צווייטנס, דער אויטא פון אונזער פאטאגראפירער ר' יואל, וואס ווארט מיט אן איידלקייט אז איר בעל הבית זאל איר קומען אפנעמען מיט די פרישע רעדער וואס מען האט ארויפגעלייגט אויף איר.

דריטנס, אן היפש באקאנטע מיניוואן, אראפגעפליקט די טירן און אראפגעביסן די פענסטער.

פרעגנדיג ר' יצחק אפפעלבוים דער מעכאניקער, וואס אזוינס דא קומט פאר מיט'ן מאשין, האט ער אונז געענטפערט קורץ. "פאר דעם אויטא איז שוין כמעט נישט באשערט געווען קיין יארן, מען פרובירט אים אביסל איבערצומאכן און אויפלעבן."

מיר גייען נאך ר' יצחק אריין אין אפיס בשעת ער ענדיגט שליסן גרויסע געשעפטן מיט צוויי אידן וואס האבן באזאלבט זייערע אויטאס מיט פרישע מאטאר אויל. "קוק דא, דאס ווייז פאר די בלעטל ליינער, אפילו איך האב א קאמפיוטער אין אפיס וואס איך נוץ בלויז פאר געשעפטן, האב איך ארויפגעלייגט דעם שטערקסטן פילטער וואס איז נאר דא צו באקומען, 'נעטפריי'."

מיר פרעגן אויפריכטיג פון ר' יצחק. "וואס זענען די גרעסטע שוועריקייטן וואס אזא 'שאפ' ברענגט מיט זיך, וואס מענטשן ווייסן נישט?"

"מענטשן ווייסן כמעט גארנישט איבער זייערע אויטאס און וויאזוי עס צו האלטן אין א גוטן צושטאנד. על פי רוב וועלן זיי אנקומען אהער בלויז אין די לעצטע סעקונדע. צי ווען עפעס מאכט א גערודער וואס איז צו הויך עס צו פארווישן, אדער א טאג נאך וואס די רעגיסטראציע איז אפגעלאפן. איך וואלט רואיגערהייט געקענט מאכן א מצב פון גארנישט און בעטן צוויי-דריי מאל די ריכטיגע פרייז און רייטן אויפן עולם, קיינער וואלט אפילו נישט געוויסט."

"אבער דאך, אלס א תלמיד פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס הערט יעדן טאג חיזוק אויף פשטות יהדות, ערלויב איך זיך נישט צו טון זאכן וואס דער אייבערשטער לאזט נישט. מען קען זאגן אז דאס איז די שווערסטע זאך."

אן אינטערעסאנטע אנעקדאט וואס איך האב אויפגעפאסט ביים זיין אינעם היימישן אידישן שאפ, אז עס הענגען נישט קיין שום אומאיידעלע צעטלעך אויף די ווענט. אזוי ווי עס איז ליידער ביי אלע אנדערע נישט אידישע שאפס אין געגנט, וואס בלויז פאר דעם סוביעקט באזונדער איז ראטזאם צו קומען פארערכטן די פערד און וועגענער ביי ר' יצחק.

צום לעצט, בעפאר מיר שליסן דעם גאנצן פראיעקט, פרעגן מיר פון ר' יצחק וואס ער קען זאגן איבער זיינע קליענטן און איבער די אידן פון שטעטל, קענטיג ערוואַרטנדיג הילכיגע קאמפלימענטן אין אלעמענ'ס ריכטונג. "איך רעד נישט וועגן קיין מענטשן, נישט קיין חילוק וואס דו ווילסט הערן." פינטל.

און מיט דעם פראז ענדיגן מיר דעם פראיעקט. יואלי שיקט אריבער די בילדער צום בלעטל אפיס און נעמט אפ זיין אויטא, און מיר צושיידן זיך מיט א פרישן בליק איבער קרית ברסלב. ■









# געדאנקען

## געזאלצענע בריסקעט

א יינער מיינט אז ער פארשטייט צו ווין און איינער מיינט אז ער פארשטייט צו קארן טשיפ פאטעיטע טשיפס טארטילע טשיפס וכולי וכולי.

אבער וואס איז ווען איינער זאגט אז ער פארשטייט צו קעז?

איז, לאמיר גיין צושטייטעלער, מיר וועלן זיך נישט אנגעבן אלץ א אפיציעלער קעז מבין.

וואס יא?

איך ווייס טאקע פון איינעם וואס האט אין שטוב די פאלגענדע קעז'ן.

CHEDAR

CHEDAR MILD

COTTEGE CHEESE

COTTAGE CHEESE LOW FAT

COTTEGE CHEESE WHIPPED

CREAM CHEESE VEGETABLE

CREAM CHEESE

FETA

GOUDA

GOUDA BABY

MOZZARELLA PART SKIM

MOZZARELLA SHREDDED

MUENSTER

PARMESAN HARD

PARMESAN GROUND

WISCONSIN SWISS

און דאס איז נאר א טיילווייזע ליסטע.

דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן די וועלט אז ווען א מענטש האט א קו וואס געבט מילך, קען מען מעלקן מער מילך ווי מען טרינקט, און אויב ער פארקויפט זיין סחורה וועלן די קונדן קענען קויפן מער ווי בלויז די מילך וואס זיי טרונקען היינט.

דער אייבערשטער האט געמאכט א חכמה אז פון מילך קען מען מאכן קעז, אזוי וועט נישט מוזן גיין לאיבוד די איבעריגע מילך וואס מען האט היינט געמעלקט און נישט היינט געטרינקען.

פארשטייט זיך אז מיר רעדן פון די צייט ווען ס'איז נישט געווען קיין רעפרידזשערעיטער, פארשטייט זיך אז די פריערדיגע דור רופט עס פרידזשידעיר, ווייל די ערשטע קאמפאני וואס האט דאס געמאכט האט געהייסן פרידזשידעיר (FRIGIDAIRE), דאס איז געווען אין יאר 1918 למספרם.

יא, די חכמה פון קעז האט דער אייבערשטער געמאכט אז מען זאל קענען האבן עפעס מער ווי א גלעזל מילך וואס ווערט זויער אין א טאג צוויי.

## איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

און פארשטייט זיך אז די חכמה פון קעז איז אזוי געמאכט אז עס זאל זיך האלטן לאנג אן א פרידזש.

נאר זייט מען האט געמאכט די פרידזש האט זיך אנגעהויבן א נייע עפאכע פון אזוי גערופענע כמו קעזן וואס זיי דארפן טאקע יא א פרידזש מחמת די פילע אינגרידיענטס וואס מען לייגט דארט אריין, למשל, אין קאטעדזש טשיז לייגט מען אריין באקסער, יא, באקסער, זיי רופן עס LOCUST BEAN GUM. נו, אז עס קען שוין זיין באקסער אין קעז, קען שוין קעז געברויכן א פרידזש.

די קעזן וואס האבן געקענט גיין א חודש צוויי אן א פרידזש איז בעיקר די CHEDAR און GOUDA און פארמיזשאן, אויף איטאליעניש רופט מען עס PARMIGIANO, אין אמעריקע רופט מען עס PARMESAN, טייל אונגארישע אפשטאמיגע פארזוכן דאס איבער א רעפטל געבראטענע עגפלענט.

קיינער וועט נישט וויסן אויב איר האט געלייגט אויף די עגפלענט מאצארעלא אנשטאט פארמיזשאן, איר קענט ווייטער אויספאפן דעם עולם, אז מען מעג געבן באקסער אין קאטעדזש טשיז מעג מען געבן מאצערעלא אנשטאט פארמיזשאן.

די חכמה וואס דער אייבערשטער האט געמאכט איידער עס איז געווען א פרידזש, איז געווען גענוצט פאר מערערע זאכן.

למשל, אז איינעם'ס גארטן האט ארויסגעגעבן פלוימען, איז למשל די גארטן געבט ארויס הונדערט פלוימען א טאג, און ער קען נישט נוצן מער ווי צען צוואנציג פלוימען א טאג, האט ער געקענט אדער פארקויפן אויפ'ן מארק, אדער מאכן "קאנזערוון" וואס מען רופט היינט JAM.

די חכמה איז באשטאנען פון קאכן די פלוימען אזוי ווי די שבת'דיגע עפל קאמפאוט, נאר וויניגער וואסער, מער צוקער, א קלענערע פלאם פאר א לענגערע צייט.

דערנאך האט זיך די קאנזערוון געקענט האלט פאר גאר לאנג.

און דאס איז אויך געווען די חכמה פון דג מלוח, געזאלצענע הערינג, אז מען נעמט א הערינגל און מען טינקט דאס איין אין א פעסל זאלץ פאר א טאג צוויי, קען עס שטיין אן א פרידזש.

און דאס איז טאקע די אלעמען באקאנטע קארנד ביעף ביי די בריסקעט וואך נאכט, די גאנצע מעשה פון קארנד ביעף איז פשוט נישט מער ווי א געזאלצענע בריסקעט. אמאליגע צייטן פלעגט מען פרעזערווירן א שטיק פלייש און עס האט זיך געהאלטן א לאנגע צייט, די עיקר פלעגן זיי עס ארום נעמען מיט זאלץ, וואס זיי פלעגן עס רופן קארן ווייל מען פלעגט נוצן א זאלץ וואס איז געווען גרעסערע שטיקער אזוי ווי קארן.

יעדע זאך האט א וועג ווי צו עס פרעזערווירן אז עס זאל נישט ווערן אויס.

זאגן משניות וועט דיך פרעזערווירן אז דו זאלסט נישט ווערן זויער און פארדארבן.



# היכל הלכה

## הלכות חג השבועות (חלק ב')

ד] מען דארף זיך מער פרייען אינעם הייליגן יו"ט שבועות פון אנדערע ימים טובים, מען דארף עסן בעסערע פלייש פון אנדערע ימים טובים.

אזוי איז די לשון פונעם של"ה הק' (מסכת שבועות אות ח"י) **חייב אדם לשמוח בזה החג ביותר** - מען דארף זיך פרייען די יו"ט מער, **כי הוא יום שזכינו בו לכתר תורה** - ווייל ס'איז א טאג וואס מיר האבן זוכה געווען צו די תורה, **ובפסחים, הכל מודים בעצרת דבעינן נמי לכם** - יעדער איז מודה אז מען דארף גיבן פארן גוף צו עסן. **רב יוסף ביומא דעצרתא עביד ליה עגלו תילתא** - רב יוסף; מען האט אים צוגעגרייט א דריטע קעלבל, וואס דאס איז די בעסטע פלייש, **אמר אי לאו האי יומא כמה יוסף איכא בשוקא** - ער האט געזאגט, ווען נישט דעם היינטיגן טאג (שבועות) וואס וואלט געווען פון מיר.

ה] דער ראש ישיבה שליט"א האט פאריאר נאכגעזאגט פון צדיקים[14], אז זיי האבן מער מורא געהאט פון שבועות ווי פון ראש השנה. ראש השנה איז א בילקע ארויף, א בילקע אראפ, א לשון וואס מען נוצט אויף פרנסה; ראש השנה איז מען דן וויפיל פרנסה

### הגהות

14) דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט אפאר ווערטער פאר מעריבית בליל כניסת החג ווארטנדיג אויפן זמן צאת הכוכבים, כמבואר בטו"ז סק"א.

15) וכן איתא בשל"ה הק' מסכת שבועות אות י"ט בשם ספר הק' תולעת יעקב.

16) עי' בשעה"כ (דף פ"ו) ופרע"ח שער כ"ב פ"ז ושערי תשובה סו"ס תצ"ו בשם האר"י שאין להסתפר כלל עד ערב חג השבועות, וכ' באגרות הרמ"ז סו"ס ד' שלפי מנהג האר"י ז"ל אפי' אם יזדמן ברית מילה אין להסתפר בכל זמן העומר ועי' בשו"ת רב פעלים (ח"ד סוד ישרים סי' ט"ו) דגם חתן לא יגלח בשלושת ימי הגבלה לד' האר"י ז"ל, וכ"כ בדרכי יוסף סק"ו כף החיים סקי"ג.

17) כן איתא בספר פקודת אלעזר או"ח ס"י תצ"ג סעי' ב': וחולק על מה דאיתא בס' מועד לכל חי, סי' ו' אות ז' - דאין נכון להסתפר בלילה עי"ש וכן איתא בשו"ת מנחת אלעזר ח"ד סי' מ"ד - דאין איסור ליל לפני ערב יו"ט.

18) ליקוטי מהרי"ח (סדר מנהגי חג השבועות)

19) ליקוטי יהודא בשם חידושי הרי"ם, ליקוטי מהרי"ח - בשם מהר"א מרידניק זצ"ל כאשה המטהרת לבעלה.

20) כן הוא בשל"ה הק' תחילת מסכת שבועות:"חייב אדם לטהר עצמו ברגל - ולילך ולטבול, ומכל שכן ברגל הזה שבו טבלו עצמן כל ישראל, בציווי השי"ת"

21) כ"ה בדעת תורה או"ח סי' רנ"ב בשם א"ר בשם המבי"ט - כי להיום זה מלאכה קלה ומסתיימת בזמן קצר, ואין שום חשש שמא ישבר הזוג - וזה שרמזתי בחצות זהו מפני שמג"א בסי' רנ"א בשם האר"זל, שהקפיד לגלוח שערות הרא"ש קודם חצות היום בערב שבת ויו"ט - ובספ' מועד לכל חי איתא שלא לספר אחר חצות בכל יום משום שאחר חצות הוי שליטת דינים.

22) סעי' ג'.

23) כמבואר במשנ"ב סק"י.

מען וועט האבן די יאר, אבער שבועות איז מען דן וויפיל תורה מען גייט לערנען די יאר! דאס איז אסאך מער שרעקעדיג.[15]

**הלכות פון ערב שבועות:**

ו] די מנהג איז אז מען פירט זיך אזוי ווי דער אר"י הקדוש; מען שערט זיך ערשט ערב שבועות[16]. די נאכט פאר ערב שבועות קען מען זיך שוין אויך שערן[17].

ז] מען שניידט זיך די נעגל ערב יו"ט, סיי פון די הענט און סיי פון די פיס[18]. כאטש א גאנץ יאר איז מען מקפיד נישט צו שערן די נעגל פון די הענט\פיס אינעם זעלבן טאג, מעג מען יא ערב שבועות[19].

ח] מען דארף גיין אין מקוה יעדן ערב יו"ט, ובפרט ערב שבועות[20].

ט] אויב האט מען זיך נישט געשוירן פאר חצות מעג מען זיך שערן ביזן זמן פון יו"ט[21].

י] לשון פונעם הייליגן רמ"א: **ונוהגין לשטוח עשבים בשבועות בבית הכנסת ובבתים זכר לשמחת מתן תורה** - מען פירט זיך אז מען שפרייט אויס גראז שבועות אין שוהל און אינדערהיים, א זכר אזוי ווי עס איז געווען ביי מתן תורה אז עס איז געוואקסן גראז אויפן בארג סיני[22].

י"א] דער מג"א דערמאנט די מנהג אז מען לייגט אויך ביימער. די טעם דערפון איז ווייל שבועות איז מען דן אויף די פרוכט פון די ביימער ווי אזוי זיי וועלן וואקסן, איז דער טעם צו דערמאנען צו בעטן דעם אייבערשטן אויף דעם[24] אז ס'זאל וואקסן גוטע פרוכט[25].

**תפילת מעריבית:**

י"ב] די הייליגע תורה זאגט: **וספרתם לכם.... שבע שבתות תמימות תהיינה**. ד.מ. אז שבועות איז אנדערש פון אלע ימים טובים. אלע ימים טובים האבן א פונקטליכע דאטום ווען די יו"ט איז - וועלכע טאג פון די חודש, משא"כ שבועות איז נאך זיבן גאנצע וואכן. צוליב דעם זאגט דער מג"א בשם דער של"ה הק' אז מען זאל נישט קידוש מאכן פארן זמן פון צאת הכוכבים כדי ס'זאל זיין גאנצע זיבן וואכן פאר מען הייליגט דעם טאג מיטן יו"ט, אבער דאווענען, לויטן מג"א של"ה הק' מעג מען יא פארן זמן, און אסאך פוסקים ברענגען צו דעם טו"ז להלכה[26].

י"ג] דער הייליגער רמ"א שרייבט סעי' ג': **ונוהגין לאכול מאכלי חלב ביום ראשון של שבועות** - מען פירט זיך צו עסן מילכיג'ס די ערשטע טאג שבועות, רוב פירן זיך אז מען עסט נאר די ערשטע טאג מילכיג'ס, ס'איז דא וואס פירן זיך צו עסן די צווייטע טאג אויך מילכיג'ס[27].

י"ד] ס'איז דא וואס עסן שבועות ביינאכט א גאנצע מילכיגע סעודה, ובפרט אין אויבערלאנד. אין די אשכנז'ישע קהילות האט מען זיך אויך אזוי געפירט, אבער ביי חסידים[28] פירט מען זיך אז מען עסט א געהעריגע פליישיגע סעודה אזוי ווי יעדע יו"ט, נאר צופרי מאכט מען א מילכיגע קידוש.

ט"ו] עס שטייט אין יסוד ושורש העבודה (שער ט' פ"י) אז מען זאל זיך נישט איבער עסן ביי די סעודה פון ביינאכט, ווייל דאס עסן מאכט מיד און מען דארף דאך זיין אויף א גאנצע נאכט.

ט"ז] ס'איז דא אסאך טעמים פארוואס מען עסט מילכיג'ס שבועות[29], מיר וועלן נאר דא אראפברענגען איינצעלנע טעמים:

1) די טעם וואס דער משנ"ב סקי"ב שרייבט: אז ווען די אידן זענען אראפ געקומען פון בארג סיני האבן זיי יעצט געהערט די הלכות פון שחט'ן,מנקר זיין, ד.ה. ארויסנעמען די בלוט, די חלב, א.א.וו. מילא האבן זיי נישט געהאט וואס צו עסן, נאר מילכיג'ס. א זכר צו דעם עסן מיר אויך מילכיג'ס.

2) טעם וואס דער רמ"א אליינס שרייבט: ווייל ווען די בית המקדש איז געשטאנען האט מען געברענגט שתי הלחם, און אז מען עסט צוויי מיני סעודות איינס מילכיג און איינס פליישיג מוז מען דאך האבן צוויי באזונדערע ברויט, ווייל מען מעג נישט נוצן די זעלבע ברויט פאר מילכיג און פליישיג צוזאמען[30].

3) ווייל די תורה איז צוגעגליכן צו מילך און האניג, אזוי ווי עס איז דא א פסוק (שיר השירים ד' י"א) **דבש וחלב תחת לשונך**, וואס דאס גייט ארויף אויף די הייליגע תורה[31].

י"ז] דער משנה ברורה סקט"ז שרייבט בשם די אחרונים אז נאכדעם וואס מען האט געגעסן מילכיג, אויב וויל מען עסן פליישיג דארף מען טוישן טישטוכער ווייל ס'קען זיין אז בשעת'ן עסן מילכיג איז אראפגעפאלן ברעקלעך פון מילך, און יעצט ווען מ'עסט פליישיג וועט מען עס אראפליגן אויפן זעלבן טישטוך - קומט אויס אז מ'וועט עסן בשר בחלב ח"ו. למעשה שרייבן די פוסקים אז די דין איז נאר געווען אמאליגע צייטן וואס מען פלעגט עסן דירעקט אויפן

## הגהות

24) מג"א סק"ה: די משנה ברורה סק"י ברענגט בשם די גר"א זי"ע אזמען זאל נישט לייגן קיין ביימער וועגן די איסור פון לא תלכו בחוקות הגוי, אבער למעשה די פוסקים זענען מתיר. אדרבא, בדעת תורה איתא, בשם יוסף דעת, "דמנהגן של ישראל להעמיד אילנות תורה היא" - עי' בספר חוט המשולש דכן היה נוהגן איצל רבן של ישראל אאז"ק מרן החתם סופר זצוק"ל לעשות כילה מיוחדת מענפי אילן ומיני בשמים.

25) עי' בבני יששכר מאמרי חודש סיון מ' ד' אות ו' משל נאה ממדרש בענין העשבים.

26) חוק יעקב סק"א שו"ע הרב סעי' ב': פרמ"ג מ"ז סק"א: וכ"ה במשנ"ב סק"א.

27) דרכי חיים ושלום אות תרמ"ד שגם ביום שני אכל מאכלי חלב לאחר התפילה.

28) עי' דרכי תשובה יו"ד סי' פ"ט סקי"ט וכ' שמנהג זה לא יתכן עי"ש.

29) כ"ה לשון מג"א סק"ו - וכ' ע"ז המג"א ומנהג אבותינו תורה, אך יש ליזהר שלא יבא לידי איסור.

30) אזוי איז די משנ"ב סקי"ד מסביר די רמ"א.

31) חק יעקב סק"ט בשם הכלבו סי' נ"ב.

32) די פוסקים מוטשענען זיך מיט די מקור פון א האלבע שעה, ווייל די מקור אז מען דארף בכללווארטן פון מילכיג'ס צו פליישיג'ס אין די זוהר הק' פר' משפטים, אזוי שרייבט די דרכי תשובה יו"ד סקי"ט און אין זוהר זעט מען א שעה, איז ווי קומט א האלבע שעה, אינעם ספר פרי הדר אויפן פרי מגדים אין יו"ד סי' פ"ט שפ"ד סקט"ז שרייבט ער אז דאס וואס די זוהר שרייבט שעה חצא מיינט מען נישט באמת א שעה פון 60 מינוט, נאר ס'מיינט אז מען זאל נישט עסן אין איין צייט, און מען טרעפט אז א האלבע שעה מיינט; א צייט. מילא וועגן דעם איז גענוג א האלבע שעה.

טישטוך אן א טעלער, וועגן דעם מוז מען טוישן א טישטוך. היינט אז מען עסט אין טעלערס, פעלט נישט אויס צו טוישן דעם טישטוך.

לויט דעם קומט אויס אז אויב האט מען געגעסן אויף א טישטוך מיט טעלערס און מען האט אכטונג געגעבן אז ס'איז נישט ארויסגעפאלן קיין מילכיג'ס פונעם טעלער דעמאלס דארף מען נישט טוישן דעם טישטוך.

אבער, אויב האט מען נישט אכטונג געגעבן, אדער מען האט קליינע קינדער וואס האבן געגעסן ביים טיש מילכיג וואס עס איז נישט שייך אויף זיי אכטונג צו גיבן, דעמאלס מוז מען טוישן די טישטוך. ובפרט אין בית המדרש וואס מען עסט עפ"י הרוב ביים קידוש אן קיין טעלערס נאר דירעקט אויפן טישטוך, און אויב נאכדעם גייט מען עסן פליישיג אויפן זעלבן טישטוך; אודאי מוז מען טוישן די טישטוך.

ח"י] דער משנה ברורה סקי"ז ברענגט פונעם פרמ"ג: מען זאל זיין געווארנט צווישן מילכיג'ס און פליישיג'ס, אזוי ווי א גאנץ יאר, שלא יצא שכרם בהפסדם. ד.מ. אז מען זאל פארלירן די זכות אז מען וויל מקיים זיין די מנהג פון עסן מילכיג'ס אבער זאל מען נישט עובר זיין אויף בשר בחלב.

נאכן עסן מילכיג דארף מען אויסווישן און אויסוואשן די מויל און ווארטן א האלבע שעה32), און נאכדעם מעג מען עסן פליישיג.

י"ט] דר משנה ברורה ברענגט פונעם זוהר הק' אז מען פירט זיך אז מען איז אויף א גאנצע נאכט און מען לערנט די הייליגע תורה; נאך ברענגט ער פונעם אר"י הק' אז ווער עס שלאפט גארנישט די גאנצע נאכט איז ער מובטח אז ער וועט אויסלעבן די יאר און עס וועט אים נישט געשען קיין שום נזק.

כ] מען פירט זיך צו זאגן דעם "תיקון ליל שבועות" וואס איז מתוקן געווארן דורכן אר"י הק';

תורה, נביאים, כתובים; די אנהייב און די סוף פון יעדע סדרה, מילא ווערט עס גערעכנט כאילו מען האט געלערנט די גאנצע סדרה[33].

נאכדעם זאגט מען די תרי"ג מצוות[34]. עס איז גוט אז מען זאגט עס מיט א מנין[35], אויב מען האט נישט קיין מנין אדער מען קען נישט זאגן מיט א מנין זאגט מען עס אליין.

עס זענען דא וואס פירן זיך אז מען זאגט נישט די משניות וואס איז געדריקט אינעם תיקון[36].

כ"א] עס ווערט געברענגט פון די מקובלים[37] גרויסע זאכן צו גיין אין מקוה נאנט צו די עלות השחר - ס'ווערט געברענגט אז מען זאל גיין אין די האלבע שעה נאנט צו די עלות השחר[38].

אויך די הייליגע רבי ז"ל אין ליקוטי מוהר"ן רעדט פון די גרויסקייט פון די טבילה פון שבועות פארטאגס[39].

כ"ב] ווען ס'ווערט די עלות השחר[40], וואשט מען זיך די הענט אפילו מען איז נישט געשלאפן. אויב אבער האלט מען נאך אינמיטן זאגן דעם תיקון מעג מען ענדיגן און מען קען זיך וואשן די הענט נאכדעם וואס מען ענדיגט דעם תיקון[41].

כ"ג] אויב ווען עס קומט די עלות השחר האלט מען נאך אינמיטן זאגן דעם תיקון, אדער אינמיטן לערנען;

אויב בלייבט מען אויף - למשל מען גייט דאווענען ותיקין, דעמאלס דארף מען זאגן ברכת התורה[42].

אויב אבער גייט מען זיך לייגן נאכ'ן עלות ביז צום דאווענען, דעמאלס קען מען מקיל זיין אז מען זאל נישט זאגן יעצט ברכת התורה[43]), נאר ווען מען שטייט אויף צום דאווענען דעמאלט זאל מען זאגן ברכת התורה, און מען קען אפילו ליינען קריאת שמע פאר ברכת התורה[44].

כ"ד] אויב איינער לייגט זיך נאכ'ן עלות ביז צום דאווענען, זאל ער זאגן ברכת התורה נאך דעם וואס ער שטייט אויף צום דאווענען[45]).

אויב איינער בלייבט אויף צו דאווענען ותיקין, איז אויב איז ער געשלאפן בייטאג, ד.ה. ערב יו"ט נאך ברכת התורה פון ערב יו"ט צופרי, דעמאלס קען מען זאגן ברכת התורה[46].

אויב איז מען נישט געשלאפן בייטאג, דעמאלס אויב מען קען הערן פון איינעם אנדערש וואס איז יא געשלאפן ביינאכט אדער א חלק פונעם נאכט, איז בעסער.

אויב האט מען נישט פון וועם צו הערן, מעג מען אליין זאגן די ברכת התורה.

## הגהות

33) עי' בשו"ת התעוררות תשובה סי' רצ"ז וכן נהגו הרבה צדיקים - חת"ס מנהגי חת"ס פי"א א', רבינו הק' מסאטמאר זי"ע דרכי חיים החדש אות צ"ו ג' מרבינו הק' מצאנז זי"ע.

34) של"ה הק' - סידור יעב"ץ.

35) כמש"כ בשל"ה.

36) דלא נזכר בדברי אריז"ל לומר המשניות ועי' בחיד"א לב דוד פ' ל"ו בשם הרב טור ורקת - למהר"ח כהן - תלמיד מוהר"חו ז"ל דאין נכון ללמוד משניות בליל שבועות, עי"ש הטעם עפ"י סוד, וכ"כ בספרו לדוד אמת הובא בכף החיים סק"ט וכ"כ בספ' מועד לכל חי - סי' ח' אות י"ג.

37) זוה"ק פר' אמור - של"ה הק' מסכת שבועות פ' נר מצוה אות ב', שער הכוונות - פרי עץ חיים הובא בכף החיים סק"ז.

38) סידור ר' שבתי.

39) ליקוטי מוהר"ן ח"א סי' נ"ו.

40) דיש אומרים דהוי הלילה גורם לנט"י, וי"א דהוי השינה עכ"פ הוי ספיקא לדינא, נוהגין ליטול ידים אחר עלות השחר אעפ"י שלא ישן - כדאיתא הכל בסי' ד'.

41) כדאיתא במטה אפרים סי' תקפ"א סעי' י"ב.

42) עי' שו"ת שבט הלוי ח"י סי' ע"ז.

43) כן הורה הרה"ק מצאנז זי"ע - דרכי חיים החדש אות י"א, שו"ת מהרש"ג ח"א סי' ס"ב: ועי' בשו"ת ויען יוסף.

44) שו"ת עמק התשובה ח"ג סי' ו'.

45) אשל אברהם בוטשאטש סי' רל"ט: ועי' במנהגי חתם סופר י"א ג': ובבית פנחס חגיגה י"ד: בשם הדברי חיים זי"ע.

46) הג' רעק"א סו"ס מ"ז - ועי' זכרון יהודא אות קנ"ט וכ"כ בשו"ת התעוררות לתשובה ח"א סי' רצ"ו - ובשו"ת נטע שורק יו"ד סו"ס ס"ג דכן נהג החת"ס זי"ע, עי' בשו"ת תשובות והנהגות ח"ג סי' קמ"ט.




## דירה צו פארדינגען

א שיינע גרויסע רחבות'דיגע דירה אין טווין ברידזש געגענט צו פארדינגען פארן זוממער.

**רופט לייבי ראטה**

**347–578–4449**

## דירה צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה גלייך נעבן די ירושלים גאס, שטייט צו פארדינגען פאר שבתים, ימים טובים, און אזוי אויך פאר גאנץ זומער.

**רופט הערשל בוים**

**347–786–1767**

## דירות צו פארדינגען

א הערליכע 2 בעדרום דירה און 1 בעדרום דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט. אזוי אויך פאר שבתים און ימים טובים.

**רופט ראובן בירנבוים**

**347–549–5625**



## הערליכע דירה

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען אויף שבתים, און אויפן זומער.
אנטהאלט דריי גרויסע שלאף שטובער, א גרויסע דייניג רום,
קאך מיט אלע צוגעהערן, לינען צוגעשטעלט. walk in

**רופט 347–731–3144**

## הערליכע דירה

א הערליכע פריוואטע דירה שטייט צו פארדינגען פארן גאנצן זומער תשפ"ו הבעל"ט.
אנטהאלט 4 שיינע בעדרומס, 2 טוילעטס, מיט א שיינע לאט

**רופט 917–501–5100**

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יחזקאל שארף הי"ו**

וזוגתו רחל תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

**און א מזל טוב פאר די זיידע און באבע בוים שתחי'**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.



# שבת טיש

סעודה שבועות
אינדערפרי שנת
תשפ"ו לפ"ק

איך האב נאכאמאל זוכה געווען מיטצוהאלטן דעם שיינעם יום טוב אין שטעטל.

באמת וואלט געדארפט ארויסקומען א גאנצער קונטרס מיט אלע איינצלהייטן וואס עס האט זיך אפגעטאן דעם יום טוב במחיצתו פונעם ראש ישיבה; יעדע זאך פאר זיך איז געווען פול מיט געשמאק און תוכן. עס זענען אויך געווען אזויפיל דיבורים וואס מען קען אלץ לערנען דערפון דעם לעובדא ולמעשה", צי דאס זאל זיין די נאכט פון תיקון ליל שבועות, דער זוהר שיעור פארן דאווענען, הלל, אקדמות, עשרת הדברות, די שהחיינו אינעם נייעם שול, די דרשה ביים קידוש אינעם נייעם בית המדרש, די שיינע סיומים, און די שיינע דיבורים און דרשות במשך דעם גאנצן יום טוב ועוד.

אבער יעצט דא ווילן מיר זיך קאנצענטרירן מקיים צו זיין "אל תמנע טוב", און מיטטיילן מיטן עולם וואס עס איז געווען ביים ראש ישיבה שליט"א אין שטוב ביי די יום טוב צופרי סעודות.

## דער ש"ס קינד

דער ראש ישיבה האט נאכאמאל אפגעראכטן עקסטער די מילכיגע סעודה ביי זיך אין שטוב. ער האט געזאגט אז באמת וואלט ער געקענט יוצא זיין מיט די מילכיגס וואס מען האט געגעסן ביים קידוש אין בית המדרש, נאר ער וויל אז די קינדער זאלן געדענקען אז שבועות גרייט מען צו א מילכיגע סעודה.

עס זענען געווען אסאך חשובע געסט ביי די סעודה. צווישן די געסט איז געווען א משפחה וואס זייער 11-יעריג אינגל האט מסיים געווען גאנץ ש"ס, וואס דאס איז א שטיקל חידוש אז א קינד זאל שוין ענדיגן ש"ס צוויי יאר פאר די בר מצוה. דער ראש ישיבה איז געווען זייער פרייליך דערמיט און האט געטאנצן מיט'ן קינד. דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "דו פארשעמסט מיך! איך אין דיינע יארן האב איך נאכנישט געענדיגט קיין ש"ס!"

דער ראש ישיבה האט דערנאך פארציילט וויאזוי ער האט אלס קינד פרובירט אנצופאנגען לערנען ש"ס איינמאל און נאכאמאל; ער האט פארציילט אז ער האט פרובירט אויף אלע וועגן צו קענען זוכה זיין צו לערנען גמרא אבער ער האט נישט מצליח געווען, ווייל ער האט נאכנישט געהאט די עצות און התחזקות פונעם רבי'ן.

למשל, ער דערמאנט זיך אז אלס קינד האט ער געהערט אז עס איז דא א איד וואס האט דעמאלטס בשעתו פארקויפט טעיפס פון א מגיד שיעור וואס לערנט פאר ש"ס. ער האט געטראכט אז דאס איז א גוטע עצה, ער וועט אויסהערן די גמרא שיעורים און אזוי וועט ער אויך קענען לערנען די הייליגע תורה.

ער געדענקט נאך ביז היינט מיט וואסארא מורא'דיגן חשק ער איז געגאנגען קויפן א טעיפ-ריקארדער, און איז געגאנגען צו יענעם איד קויפן טעיפס, וואו יעדע טעיפ איז געווען א דף גמרא; אויף איין זייט פונעם טעיפ איז געווען עמוד א', און ביי עמוד ב' האט מען געדארפט איבערדרייען דעם טעיפ אויף די אנדערע זייט.

אזוי איז ער געזעסן און אויסגעהערט די גמרא ביז ער האט געענדיגט א פרק, און ער איז געווען זייער פרייליך אז ער האלט שוין ביים צווייטן פרק. נאכדעם האט אים איינער (א גוטע מענטש געטראפן און געפרעגט: "וואס טוסטו?" האט ער געענטפערט אז ער לערנט גמרא. האט אים יענער געפרעגט: "קען מען דיך פארהערן דעם ערשטן פרק?" און יענער האט צוגעלייגט: "אז אויב נישט, איז מען חייב מיתה!" איז ער געווארן זייער צובראכן און ער האט אפגעלאזט די גמרא. אבער עס האט אים זייער וויי געטון ווען ער האט געזען ווי אנדערע מענטשן לערנען גמרא, און ער האט זיך געפרעגט: "וואו בין איך? וואס וועט זיין מיט מיר?"

שפעטער האט ער נאכאמאל אנגעהויבן מסכת מגילה מיט איינע פון די פירושים, ער איז אנגעקומען נאך עטליכע בלעטער, ביז ער איז ווייטער ערגעץ אינצווישן געווארן "סטאק" און האט אויפגעהערט, ווייל ער האט אפגעמאכט: "דו זעסט דאך אז עס גייט נישט, עס איז א סימן אז גמרא איז נישט געמאכט פאר מיר."

זאגט דער ראש ישיבה: "ווען איך ווייס ווען דעמאלטס פונעם רבי'נס סדר דרך הלימוד, אז מען מעג פשוט זאגן די ווערטער פון די הייליגע גמרא, וואלט איך נישט געקוקט אויף קיינעם; איך וואלט געזיצן און געזונגען דפים גמרא און געלעבט אין גן עדן. אבער ברוך השם, יעצט איז אויך גוט; יעצט האב איך אויך די זכיה זיך מיטצוכאפן און לערנען אביסל גמרא. שכוח אייבערשטער!"

דער ראש ישיבה האט גערופן דעם אינגל וואס האט געענדיגט ש"ס און געטאנצן מיט אים, ער האט אים אפילו אנגעטאן זיין שטריימל.

דערנאך האט אים דער ראש ישיבה אויסגעפרעגט ווען ער האט אנגעהויבן לערנען ש"ס, און וויפיל צייט פונעם טאג ער האט אוועקגעגעבן צו זאגן גמרא. דאס קינד האט דערציילט אז ער האט אנגעהויבן נאר מיט אביסל און ביסלעכווייז האט ער באקומען אלס מער און מער חשק ביז עס איז געווארן מער און מער.

שפעטער איז ער צוריקגעפאלן און אויפגעהערט צו לערנען אזוי פיל, אבער

**א דעטאלירטע באריכט פון אידן
וואס האבן געהאט די זכי' צו עסן א
סעודה ביים ראש ישיבה שליט"א**

**סעודה איבערגעגעבן דורך י. פ.**

נאך א שטיק צייט האט ער ווידער אנגעהויבן. אויך האט ער דערציילט אז איינמאל איז ער געפארן א לאנגע וועג, א טריפ פון עטליכע שעה, און אויפן וועג האט ער געענדיגט א גאנצע מסכתא גמרא. דער ראש ישיבה האט דאס איבערגעחזר'ט הויך אז יעדער זאל הערן. בקיצור, דער ראש ישיבה האט געמאכט א גרויסן עסק פונעם סיום און ארויסגעוויזן א שטארקע חביבות התורה.

## קידוש

פאר קידוש האט דער ראש ישיבה געזאגט זייער שטרענג פאר די קליינע קינדער אז יעדער מוז זיצן אויפן פלאץ, נישט אזוי ווי נעכטן ווען די קינדער זענען נישט געזעסן אויף זייערע פלעצער דורכאויס רוב סעודה. דער ראש ישיבה האט געזאגט שטרענג אז ווער עס וועט נישט בלייבן זיצן אויפן פלאץ, וועט נישט באקומען קיין גרעפטשוס! אבער למעשה שפעטער האט ער אוועקגעקוקט, און זיך געמאכט כאילו ער באמערקט נישט אז זיי זיצן נישט.

## אייס-קרום - איך שריי צום אייבערשטן

עס איז געווען אנגעגרייט אויפן טיש טשיס קעק, קיפעלעך און קרעפלעך, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז יעדער זאל נעמען וואס ער דארף, באטאָנענדיג אז אלעס איז היימיש. אויך איז דארט געווען ר' חיים מאיר הערפסט (דער וואס האט ארויסגעגעבן די אלבומס פון די ניגונים), און ער האט געברענגט פארן ראש ישיבה א גרויסע אייסקרום קעיק וואס האט געהאט אויבן א בילד פון דעם נייעם אלבום "מיין בעסטע פרענד". דער ראש ישיבה האט געזאגט א ווערטל, אז ר' חיים מאיר גיט בעזהשי"ת ארויס יעדעס יאר א נייע סידי כדי צו קענען ברענגען א נייע קעיק. דער ראש ישיבה האט אויפגעשניטן די אייסקרום און עס געטיילט פאר יעדן איינעם. דער ראש ישיבה האט געפרעגט הויך, כדי אלע קינדער זאלן מיט האלטן: "ווער ווייסט וויאזוי מען זאגט אייסקרום אויף אידיש?" און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איי סקרום - איך שריי צום אויבערשטן" (אויף ענגליש זאגט מען I scream).

ביים אויפשניידן די אייסקרום האט דער ראש ישיבה געזאגט אז "מען קען נישט אריינשניידן אין די ווערטער". ער האט אראפגענומען מיט א מעסער די ערשטע שיכט פון אויבן פון די אייסקרום יעדע ווארט באזונדער, און דאס געטיילט פאר די קינדער צו עסן; ער האט צוגעגעבן אז בשעתן עסן מעג מען יא צוברעכן די ווערטער.

דער ראש ישיבה האט זיך געזארגט אז יעדער זאל האבן פון די פיינע געבעקסן. ווען ער האט באמערקט אז איינער פון די געסט האט גארנישט גענומען, האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט: "פאר וואס עסטו נישט?" האט יענער געענטפערט אז ער דארף נישט. האט דער ראש ישיבה אים געזאגט: "מען עסט נישט ווייל מען וויל, מען עסט ווייל עס איז יום טוב און מען פריידט זיך מיט'ן אייבערשטן."

דער ראש ישיבה האט געפרעגט זיין ווייב: "האסט געזען ווי שיין די קינדער האבן געדאווענט?" ער האט אויך נאכגעפרעגט ווי אזוי די נייע ווייבער שול איז, צי מען קען געהעריג הערן דאס דאווענען, ווי אזוי אלעס האט זיך אויסגעארבעט, און וואס מען קען נאך פארבעסערן.

## קרעפלעך מיט דריי עקן

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער: "ווער ווייסט פארוואס מען עסט קרעפלעך?" נאכדעם האט דער ראש ישיבה געוויזן: "איר זעט אז די קרעפלעך האבן דריי עקן?" און דער רבי האט דערציילט אז עס איז געווען א תם וואס האט געמאכט א שיך, אפילו עס איז נישט אויסגעקומען פערפעקט און עס האט געהאט דריי עקן, האט ער זיך נאך אלץ געפרייט דערמיט! יעצט שבועות, ווען מען איז מקבל די תורה, דארף מען גלייך וויסן אז מען קען נישט זיין הונדערט פראצענט פונקטליך; מען דארף זיך פרייען מיט די תורה אזוי ווי דער תם, אפילו מען איז נישט אינגאנצן פערפעקט.

און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "פארוואס פאלן מענטשן ארויס פון לערנען דעם דף? ווייל מען זעט אז מען האט אויסגעלאזט א טאג אדער צוויי, פילט מען ווי מען האט שוין ממילא נישט די גאנצע זאך, און מען הערט אויף אינגאנצן צו לערנען." דאס זעלבע איז מיט תהלים: פארוואס זאגט מען נישט קיין תהלים? ווייל אויב למשל מען כאפט זיך דינסטיג אז מען האט נאכנישט געזאגט די וואך יום ראשון און שני, טראכט מען: "איך האב דאס שוין ממילא נישט," און מען זאגט גארנישט. אבער באמת, וואס האט איין זאך צום צווייטן? אויב דו האסט נעכטן נישט געזאגט, זאג דעם היינטיגן יום.

האט איינער געפרעגט: "אלא מאי, ווען איינער האט פארפאסט עטליכע טעג, זאל ער נישט משלים זיין די פריערדיגע דפים?" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אפשר זאל ער אויך משלים זיין פונעם פריערדיגן מחזור?" אבער דער ראש ישיבה

האט אויסגעפירט אז ער זאגט געוויינליך פאר אינגעלייט וואס מוטשען זיך מיט דעם, אז מען זאל מאכן אן אייגענעם סדר אין

לערנען ש"ס דארף מען כסדרן, לויט זיין אייגענעם סדר! אויך האט איינער געפרעגט וועגן מדרש, אז ער הייבט אן יעדע וואך מדרש, אבער אויב ער לאזט אויס איין סדרה ווערט ער אינגאנצן פארלוירן און ער לאזט עס אפ. האט דער ראש ישיבה געזאגט אויף זיך אליין, אז ער לערנט נאר כסדרן וואו ער האלט; ער קוקט נאר יעדע וואך שנעל דורך דעם מדרש און זוהר צו וויסן וואס עס שטייט אין די סדרה.

איינער פון די קינדער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה: "עסן נאר ברסלב'ער חסידים קרעפלעך?" (די מעשה פונעם תם איז דאך א מעשה וואס ברסלב'ער חסידים קענען גוט). האט דער ראש ישיבה געזאגט אז עס איז דא נאך א טעם, און ער האט מסביר געווען: דער אנדערער טעם איז ווייל אין די גמרא שטייט אז דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה וואס באשטייט פון דריי חלקים: 1) תורה, 2) נביאים, און 3) כתובים, פאר די אידן וואס זענען צוזאם געשטעלט פון דריי: 1) כהנים, 2) לוים, און 3) ישראלים, דורך משה רבינו וואס איז געווען דאס דריטע קינד נאך 1) אהרן און 2) מרים, און די תורה איז געגעבן געווארן אינעם דריטן חודש: 1) ניסן, 2) אייר, און 3) סיון. "אלעס איז דריי," דערפאר עסט מען קרעפלעך וואס האבן דריי עקן.

נאכן עסן מילכיגס האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז מען דארף מאכן א ברכה אחרונה, ווייל מען טאר נישט עסן מילכיג און פליישיג אין די זעלבע סעודה.

דער ראש ישיבה האט געזאגט א טעם פארוואס מען עסט א מילכיגע סעודה, און ער האט דאס זייער שיין מסביר געווען פאר זיין ווייב: ווען מען האט געגעבן די תורה, האבן די אידן געהערט נייע זאכן, ווי למשל די הלכות וויאזוי מען דארף שחט'ן און כשר'ן דאס פלייש. ווען זיי זענען אהיים געקומען פון מתן תורה און האבן געוואלט עסן די סעודה, האבן זיי זיך געכאפט אז דאס פלייש וואס זיי האבן געהאט ביז יעצט איז מער נישט כשר, און אפילו די טעפ וואס זיי האבן ביז יעצט גענוצט צו קאכן פלייש דארפן כשר'ן. ממילא האבן זיי נישט געגעסן קיין פלייש ביי יענע סעודה, נאר זיי האבן געגעסן מילכיגס.

## "איך" איז דער אייבערשטער

דער ראש ישיבה האט געפרעגט אויף א געוויסע מאכל ווער עס דארף עס? האט איינער געענטפערט "איך". האט זיך דאס קליינע יחזקל'ע אנגערופן: "איך איז דער אייבערשטער!" האט דער ראש ישיבה געזאגט הויך: "מאמי, דו הערסט? יחזקל'ע זאגט אז 'איך' איז דער אייבערשטער!" דער ראש ישיבה האט געהאט גרויס הנאה צו זען ווי עס גייט אריין אין די קליינע קינדער די זאכן וואס ער חזר'ט כסדר (אז "איך איז דער אייבערשטער", "ליב האט מען דעם אייבערשטן", "אייביג איז נאר דער אייבערשטער", און אלעס איז דער אייבערשטער)

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז רבי איידליס האט שוין חתונה געהאט, און ער האט געהייסן פאר יחזקאל'ע ער זאל זאגן וויפיל רבי'ס ער האט, און איינער פון די רבי'ס גייט מארגן אסרו חג חתונה האבן. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז קומענדיגע יאר גייט שוין יחזקאל'ע לערנען ביי רבי שניצלער אין כיתה א', און דער ראש ישיבה האט אויסגעדריקט זיין גרויסע עקסטאז זאגנדיג: "איך בין זייער מרוגש, שכוח אייבערשטער! אז אפילו איך בין נאך יונג, האב איך שוין ב"ה א אייניקל וואס גייט שוין פראווען א חומש סעודה."

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון הרב חיים ישעי' דיפריס: "וואס האסטו מחדש געווען?" און ער האט געזאגט עפעס א חידוש. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז יעדער מוז עפעס צוגעבן צו די סעודה, צי דאס איז א תורה, א מעשה, א

ניגון, א חידה אדער א דזשאוק.

חיים מאיר האט געזאגט אז ער האט זייער הנאה געהאט פון דעם וואס דער ראש ישיבה האט געזאגט נעכטן ביי תיקון ליל שבועות, אז ווען מען זאגט די תרי"ג מצות זעט מען אז מען איז גארנישט אזוי שלעכט; מען זעט ווי כמעט אלע מצות זענען מיר מקיים, און עס זענען דא ממש בלויז געציילטע מצות וואס מען דארף זיך נאך פארבעסערן, ווי למשל "לא תחמוד" און "לא תשנא את אחיך בלבבך". אויך האט דער ראש ישיבה ביי תיקון ליל שבועות אנגעהויבן אויסצורעכנען די תרי"ג מצות הויך אויפן קול, און נאך יעדע מצוה איז ער געשפרינגען פאר שמחה און געזאגט הויך מיט פרייד: "שכוח אייבערשטער! שכוח אייבערשטער!"

איינער האט ארויסגעברענגט אז ער האט זייער הנאה געהאט פונעם זוהר שיעור פארן דאווענען, און פון דעם וואס דער ראש ישיבה האט מסביר געווען פשט אין "רעוא דרעווין" - אז אפילו ווען א מענטש פילט אז ער וויל שוין נישט, אבער ער וויל "וועלן", איז דאס אויך א גרויסע זאך. נאכדעם האט דער ראש ישיבה געזאגט אז מען לערנט נישט קיין זוהר אן א מקוה.

(דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט: "זוהר איז אזא גרויסע זאך, אז עס מאכט אפילו דעם מענטש ארויסגיין פון זיין מרה שחורה און גיין אין מקוה.")

די קינדער האבן געזאגט אסאך ווערטליך און חידות:

איינער האט געפרעגט: "פאר וואס לעקט מען אן עושר?" - ווייל ער לאזט זיך קאסטן!

וועלכע זאך, אפילו מען וועט עסווארפן, וועט עס בלייבן שטיין? - א שטיין!

ווען מאכט מען א "המוציא" אויף וואסער? - אויב מען פארט מיט א שיף אויפן וואסער און מען עסט ברויט!

איינער האט געפרעגט אזא חידה: "נאכן עסן מילכיגס טאר מען נישט עסן פליישיגס, און נאכן עסן פליישיגס טאר מען נישט עסן מילכיגס; אבער וועלכע זאך טאר מען נאכן עסן נישט עסן קיין מילכיגס און נישט קיין פליישיגס?" דער תירוץ איז: נאכן עסן דעם אפיקומן!

עס איז דארטן ביי די סעודה געווען א בחור פון ארץ ישראל, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: "זינג דעם חזנות שטיקל וואס דו האסט נעכטן געזינגען." דער ראש ישיבה האט אליין נאכגעמאכט דעם בחור'ס קול און אנגעהויבן צו חזנות'ן: "ואהבתך אַל תָּסִיר ממנו" (און ער האט געוויזן אז אלע זאלן מיטהעלפן), "תָּסִיר תָּסִיר תָּסִיר". דערנאך האט ער געזינגען נאך א שטיקל חזנות: "והוא רחום יכפר עון ולא יַשְׁחִית", "יַשְׁחִית יַשְׁחִית יַשְׁחִית". דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "אזוי זענען היינט אויס די זינגערס; מען דרייט אויס די פסוקים און מען ווייסט אפילו נישט וואס מען זאגט, (נ"ב: פאר די וואס קענען נישט קיין לשון קודש, אינעם פסוק שטייט 'ואהבתך' - דיין ליבשאפט, אַל תָּסִיר-זאלסטו נישט צונעמען פון אונז, אבער ער האט געזינגען פונקט פארקערט: "תָּסִיר תָּסִיר תָּסִיר", וואס מיינט יא צונעמען). בקיצור, עס איז געווען א גאר פרייליכע שטימונג.

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער איז אמאל געפארן מיט איינעם, און דער דרייווער האט אנגעצינדן א טעיפ פון א זינגער וואס זינגט סתם ליידיגע ניגונים אן קיין שום תוכן, נאר פשוט'ע ליידיגקייט און נארישע קינדערישע לצנות. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן מיט ווייטאג: "טאקע דאס הערן נעבעך די היינטיגע קינדער און בחורים? א גרויסע רחמנות!"

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז מען קען הערן מענטשן זיך רופן איינער דעם צווייטן מיט דאס ווארט "הייליג": "וואס מאכסטו הייליגער ברודער?", "וואס הערט זיך הייליגער חבר?". דער ראש ישיבה איז אריין אין א פייערדיגע שטימונג און אויסגעשריגן: "דאס ווארט 'הייליג' איז נישט דיין חבר! דאס איז נישט קיין שפיל! בפרט פאר קינדער! דאס ווארט 'הייליג' ניצט מען נאר פאר דברים שבקדושה: תורה, מצוות, צדיקים, שמירת עינים! וואס איז די ליצנות?! וואס איז די ליידיגקייט פון יראת שמים?!"

דער ראש ישיבה זאגט ווייטער: "איך דארף מלמדים יראי השם! ברענג מיר נישט קיין מלמד מומחה, ער מוז נישט זיין פערפעקט; דער עיקר איז אויף שפעטער, אז דאס קינד זאל בלייבן מיט יראת שמים ווען ער וועט עלטער ווערן! ער זאל זיך אפגיסן נעגל וואסער, נטילת ידים - דאס איז קדושה! נישט זיך קראצן דעם קאפ אינמיטן לערנען די הייליגע תורה. אויב דו זעסט ווי א אינגל וויל אויפהייבן א חומש מיט די פיס, זאלסטו אויפשטורעמען די כיתה!"

דער ראש ישיבה האט דערציילט, אז אין איינע פון די פלעצער וואו ער איז געווען א מלמד, איז דארט געווען א מגיד שיעור וואס האט געהאט א גוטן קאפ און האט געקענט גוט פארלערנען, אבער ער פלעגט זיצן מיט די פיס אויפן טיש בשעת'ן פארלערנען. וואס קענען די קינדער לערנען פון אזא מלמד?! מען דארף לערנען מיט יראת שמים און מיט דרך ארץ! "זאגט די הייליגע גמרא!", "זאגט דער הייליגער רש"י!". בקיצור, עס איז געווען א פייער פון קדושה.

## קינדער וואס וויינען זענען קלוג

ווען איינעם'ס בעבי האט געוויינט, האט דער ראש ישיבה געזאגט (צום קינד): "לאז דיך נישט! לאז דיך נישט!"

דערנאך האט דער ראש ישיבה געזאגט,

אז עס איז געזונט פאר א קינד צו וויינען; קינדער וואס וויינען אסאך אלס קליין קינד זענען קלוג (אזוי שטייט אין חובת הלבבות). דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט, אז פארשטייט זיך אז מען רעדט ווען דאס קינד האט שוין געגעסן און איז נישט הונגעריג, און ער איז נישט פארשמירט; דעמאלטס, אויב ער וויינט, איז גוט אז מען לאזט אים אביסל וויינען, אבער אויך נישט צו לאנג, נאר פאר עטליכע מינוט.

ביי די סעודה איז דארט געווען האברך ר' בנימין ווילדי מיט זיין משפחה, און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין בעבי: "ווילסט קומען צו זיידי?" האט דער ראש ישיבה'ס ווייב געזאגט: "ער האט דאך צוויי זיידעס!" האט דער ראש ישיבה געענטפערט: "איך בין אויך זיין זיידע, ווייל 'המלמד את בן חבירו תורה כאילו ילדו'; קומט אויס אז בנימין איז מיין קינד, און זיין בעבי איז מיין אייניקל."

דער ראש ישיבה'ס ווייב האט געזאגט אז עס איז געווען זייער שיין צו זען וויאזוי מען האט אינאיינעם געזונגען "אהבה רבה", און די קינדער האבן זייער שיין מיטגעזונגען. עס איז געווארן א גאנצע שמועס איבער דעם וויאזוי מען זינגט צוזאמען הלל, און דער ראש ישיבה האט אויסגעשמועסט עטליכע ניגונים וואס ער זינגט ביים דאווענען, און אז ער האט חשבונות ביי די ניגונים פונקטליך וואס צו זינגען; ביי די פלעצער וואו דער עולם וויל מער אויסגיסן דאס הארץ צום אייבערשטן, זינגט ער מער שטייטע ניגונים וכדומה.

דער ראש ישיבה האט דערציילט, אז דעם ניגון וואס ער האט געזונגען ביי הלל ביי "אנא השם", פלעגט ער אלס אינגל זייער ליב האבן. ער פלעגט בעטן דעם שמש ביי זיין זיידע ער זאל אנפאנגען דעם ניגון, אבער דער שמש האט נישט געוואלט. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט, אז אויב ער וועט יא אנפאנגען דעם ניגון, וועט ער אים העלפן פאקן די ספרים. דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין ווייב אז דער עולם קען דאס נאכנישט אזוי גוט, אבער ער וויל דער עולם זאל זיך דאס אויסלערנען, ווייל דורך דעם ניגון קען מען זיך גוט פארבענקען צום אייבערשטן.

## אויסלערנען ניגונים פאר קינדער איז א יסוד אין אידישקייט

איינער פון די געסט האט דערציילט פארן ראש ישיבה: "איך בין געווען א מלמד עטליכע יאר אינאיינעם מיט הרב ד. ח. ווייס (וואס גיבט ארויס די קינדער טעפס אויף די סדרות). ער פלעגט נעמען א חודש פארן יום טוב א לאנגן ניגון און דאס אויסלערנען פאר די קינדער, איין שטיקל אויף אמאל, נאכאמאל און נאכאמאל יעדן טאג מיט א רואיגקייט, ביז די קינדער האבן דאס גוט געקענט." האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער פלעגט אויך אזוי טון, און מוהרא"ש שרייבט טאקע אז עס איז א יסוד אין אידישקייט צו זינגען און אויסלערנען פאר קינדער ערליכע ניגונים.

דער ראש ישיבה האט גערופן זיין הערשי און געזאגט: "חיים מאיר גייט מאכן די גראמען". דער ראש ישיבה צוזאמען מיט הערשי האבן אנגעהויבן דעם ניגון פון "טועמיה חיים זכו, טעם עולם הבא" און געמאכט גראמען: "מיין טייערע הערשי, דו שטייסט אויף צופרי - די ערשטע זאך זאגסטו מודה אני, און נאכדעם צום באשעפער אביסעלע רעדסטו", טעם טעם טעם טעם עולם הבא, און אזוי ווייטער נאך גראמען.

אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה זיך אויפגעשטעלט טאנצן פאר זיך אליין און געזונגען "ובאו כולם" מיט'ן באקאנטן בעלזא ניגון. נאכדעם האט ער דערציילט אז אזוי פלעגט זיין זיידע טאנצן אינמיטן די סעודה ווען קיינער איז נישט דארט געווען (חוץ דער ראש ישיבה אלס קינד), און ער פלעגט זינגען דעם ניגון וואס ער האט געהערט אין בעלזא. דער ראש ישיבה האט דערציילט אז זיין זיידע האט געלערנט אין סאטמאר אין ירושלים, און אין יענע יארן האט דער סאטמארער רבי זי"ע געבעטן אז די בחורים פון זיין ישיבה זאלן

פארן צום בעלזא רב זי"ע אויף שבתים און ימים טובים, און ער האט זיי אפילו געשיקט געלט פאר די הוצאות הדרך.

עפעס א גוי איז אדורכגעפארן ווילד, און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דאס איז א גוי וואס מאכט צרות, אבער מיט תפילה וועט מען פטור ווערן פון זיי.

## מעשה פון תפילה פון בעל שם טוב

עפעס האט זיך יחזקל'ע דערמאנט אז ער איז געווען אין פארק און ער איז געשטאנען לעבן א גוי. דער ראש ישיבה האט אים שיין און רואיג אויסגעפרעגט וואו עס איז געווען און וואס דער גוי האט געטון. נאכדעם האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "ווילסט הערן א מעשה פון א תפילה פונעם בעש"ט?"

איינמאל איז דער בעש"ט געגאנגען אין מקוה, און ווען ער האט געוואלט אהיים גיין האט ער געזען אז עס איז דא א שמאלער דורכגאנג וואו עס שטייען גוים. האט ער געבעטן פונעם אייבערשטן אז ער זאל נישט אנרירן קיין גוי, און די גוים זאלן זיך אוועקרוקן.

אינמיטן הערט ער ווי איין גוי זאגט צום צווייטן: "קום לאמיר זיך אוועקרוקן, כדי דער שמוציגער איד זאל אונז נישט אנרירן ווען ער גייט דורך." האט יחזקעלע געפרעגט: "פאר וואס האבן זיי געזאגט אז דער איד איז שמוציג?" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "דאס איז געווען א תפילה-מעשה; ווייל באמת זענען די גוים שמוציג, נאר ווייל דער בעש"ט האט געבעטן דעם אייבערשטן, האט דער אייבערשטער געמאכט אז זיי זאלן זאגן אז די אידן זענען שמוציג, כדי זיי זאלן זיך אוועקרוקן און דער בעל שם טוב זאל קענען דורכגיין אן דארפן אנרירן די טמא'נע גוים."

דער ראש ישיבה האט אויך דערציילט פאר זיינע קליינע קינדער, אז איינמאל האט ער געזען ווי א גוי הרג'עט א מאסקיטו און נאכדעם עסט ער עס אויף. "דאס איז א גוי, זיי עסן מאסקיטויס מיט ווערעם," האט ער געזאגט. און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "א מחיה! איך בין זייער פרייליך, ווייל היינט שבועות זענען מיר געווארן אידן!"

דער ראש ישיבה האט נאכגעזאגט א ווארט וואס מוהרא"ש פלעגט שטענדיג זאגן: עס שטייט אז ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די תורה, האט ער אויפגעהויבן דעם בארג איבער זייערע קעפ און געזאגט אז אויב איר וועט אננעמען די תורה וועט זיין גוט, אויב נישט "שם תהא קבורתכם" (דארט וועט זיין אייער קבורה).

אויף דעם איז דא א שטארקע קשיא (דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ער האט דאס שוין געפרעגט פון אסאך תלמידי חכמים און זיי האבן נישט געוואוסט קיין ריכטיגן תירוץ): עס וואלט דאך געדארפט שטיין "פה" (דא), ווייל דא אונטערן בארג וועט זיין אייער קבר, פארוואס שטייט "דארט"?

האט מוהרא"ש געזאגט, אז עס איז דא א זאך אז א מענטש באגראבט אליין זיין אייגן לעבן מיט דעם וואס ער טראכט שטענדיג אז ביי א צווייטן איז בעסער, ערגעץ אנדערש איז בעסער, אדער יענעם גייט עס בעסער. דאס באגראבט דעם מענטש אינגאנצן, ער זאל נישט קענען גיין ווייטער אין זיין אייגן לעבן.

דאס האט דער אייבערשטער געזאגט פאר די אידן: נאר אויב מען האט די תורה קען מען זיין צופרידן מיט ווער מען איז און מיט וואס מען האט; אויב איר וועט נישט נעמען די תורה, וועט איר שטענדיג טראכטן פון "שם" - אז דארט ביי יענעם איז בעסער און יענעם'ס גראז איז גרינער - און דאס אליין באגראבט דעם מענטש.

איינער פון די געסט האט דערציילט, אז פאר ער איז אריינגעקומען לערנען אין ישיבה, האט ער געלערנט אין אן אנדערע ישיבה. אין יענע ישיבה האט מען אמאל גערופן א גאסט רעדנער (א רבי'ש קינד וואס איז אמאל געווען ביי מוהרא"ש), און דער רעדנער האט געזאגט דעם ווארט (פארשטייט זיך נישט בשם מוהרא"ש) און אויסגעפירט אז די בחורים דארפן וויסן אז "דא איז דאס בעסטע פלאץ, ווייל אויב מען טראכט נישט אזוי, 'שם תהא קבורתכם'". דער יונגערמאן דערציילט אז דאס האט אים געמאכט וויינען (ער האט שוין דעמאלסט שטילערהייט געהערט די שיעורים), און ער האט געוויינט צום אייבערשטן: "איך האב דאך נישט קיין טראפ חיות אין דעם פלאץ, פאר וואס דארף איך טראכטן אז דא איז דאס בעסטע פלאץ?"

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "עס זענען דא אסאך רעדנערס וואס הערן שטילערהייט די דרשות פון היכל הקודש און זאגן עס נאך, נאר זיי זאגן עס נאך פארדרייטערהייט, נישט מיט די פשוט'ע אמת'ע תמימות וויאזוי עס קומט; ממילא האט דאס נישט קיין טעם און קיין ברען. עס מיינט צו זאגן אז א מענטש דארף קוקן אויף זיך און זיך פרייען מיט וואס ער האט, און וויסן אז זיין ביסל תורה איז אויך זייער חשוב ביים אייבערשטן, און טון וואס ער קען מיט די כוחות און כשרונות וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן."

שפעטער האט מען געבענטשט, און נאכן בענטשן האט מען געטאנצן "הרחמן הוא ינחילנו ליום שכולו טוב ליום שכולו ארוך". אויך האט דער ראש ישיבה געזונגען "בר יוחאי", פארגעזונגען "אמר רבי עקיבא", און געמאכט פרייליך.

ווען מען האט געענדיגט, האבן די קינדער געפרעגט צי מען גייט גיין שפאצירן. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "יא, מען גייט שפאצירן ביזן בעט."



# שלום לרחוק ולקרוב

**ר' יעקב שאלום שילדערט זיין שטורעמישע לעבנס-רייזע פון אויפוואקסן אלץ פרייער דזשעימס מייקל שיהען ביזן זיך גענצליך צוריקקערן צום טאטן אין הימל |** שלום צווישן אידן

"הקב"ה יושב ומצפה לישראל יותר ממה שמצפה האב לבנו שיעשו תשובה" ווערט געברענגט אין תנא דבי אליהו. מיר הערן כסדר ביי די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א איבער דעם ענין פון זיך פרייען מיט פשטות יהדות, זיך פרייען מיט דעם וואס איך בין א איד, און מיט יעדע מצוה וואס מ'טוט פארן אייבערשטן.

פאר אונז קען עס צומאל זיין אן עבודה זיך צו פרייליך מאכן מיט אונזער פשוט'ע עבודה, אונזער פשוט'ע אידישקייט. וואודעראום אידישע קינדער וואס זענען נישט אויפגעוואקסן אין אזא היימישע ערליכע סביבה ווי אונז, ווי אלץ וואס מ'זעט איז פרומע אידן איבעראל, קוים וואס זיי האבן געוויסט אז זיי זענען אידן, און ווען זיי זענען שוין זוכה צו זיך צוריק קערן לאביהם שבשמים, אנהייבן לעבן אן ערליך תורה'דיג אידיש לעבן, האט עס ביי זיי אלע טעמים. יעדע מצוה, יעדע מנהג, יעדע גוטע זאך איז ביי זיי טייער כמוצא שלל רב, טייערער ווי די טייערסטער דיאמאנט.

אין א הערליך שיינעם ווינקל אינעם עיר ואם בישראל לינדען יצ"ו, אינעם בית המדרש היכל הקודש ברסלב, זיצט ער יעדע וואך ביי שלש סעודות אין א זייט, א איד וואס פונדרויסן זעט ער אויס ווי א דורכגעווייקטער חסידיש'ער איד פון דורי דורות טראגנדיג דעם באלבאטישן תורה וגדולה טראגע, אבער ווער עס קען אים פון דער נאנט ווייסט אז חוץ פון דעם אז ער קען נישט קיין אידיש און רעדט בלויז ענגליש טראגט ער מיט זיך א לאנגע קאפיטל, א שטורעמישע מעשה וויאזוי ער איז אריבערגעגאנגען די זיבן וואסערן ביזן זיך טרעפן מיט זיין אמת'ן טאטן אין הימל פון וועמען ער איז געווען פארפרעמדעט פאר קרוב צו פערציג יאר! היינט פרובירט ער צו זיין דאס בעסטע קינד פונעם אייבערשטן מיט א שמחה און תמימות.

לכבוד דעם הייליגן יום טוב שבועות, זעצן מיר זיך אוועק מיט הרה"ח ר' יעקב מיכאל שאלום שליט"א צו הערן פון אים זיין פערזענליכע שטורעמישע געשיכטע. דער פלאן איז געווען צו זיצן בערך א שעה, צו הערן די מינימאלע אינפארמאציע , אבער נאכן זיצן אין א צוויי און א האלב שעה'יגע פארצויגענע שמועס האט מען געדארפט שיידן מיט א 'עוד חזון למועד'...

מיר געבן אים איבער דעם פעדער אונז צו שילדערן זיין רירנדע געשיכטע.

יואל נחמן גלויבער



ג

עבוירן בין איך פאר 45 יאר צוריק, למספרם 1981 אין א געגנט וואס הייסט וואלנאט-קריק אין קאליפארניע ביי גענצליך פרייע עלטערן, מיינע עלטערן זענען געווען ארבעטער, מיין טאטע האט געארבעט אין סאן פראנציסקא אלס א בוך-האלטער און מיין מאמע איז געווען א לערערין אין אן ארטיגע גוי'שע שולע, איך האב געהאט 3 שוועסטער און איך בין געווען דער איינציגער אינגל, איך האב געהייסן דזשעימס מייקל שיהען.

מיין טאטע איז געווען א קאטוילישער, ער פלעגט מיך נעמען אלס קינד אין קירכע, אבער מיר האט קיינמאל גארנישט געצויגן איבער רעליגיע.

מיינע עלטערן זענען געווען ארעם און נישט געהאט קיין עקסטערע געלט, ממילא אויטאמאטיש בין איך געגאנגען אין דער ארטיגער פובליק סקול, און היות עס איז געווען אן ארימער געגנט, איז דער גאנצער פובליק סקול געווען פיל מיט נידריגע סארט שקצים מיט זייער געמיינע אויפפורונגען.

פאר מיר האט עס זייער געשאט, איך פלעג כסדר פאלן א קרבן צו די נידריגע געמיינע גוים און עס איז געווען אן אפטער ערשיינונג אז איך פלעג אהיימקומען גוט צובייליט און צו'מזיק'ט פון סקול, און די סקול האט גארנישט געקענט טוהן דאס אפצושטעלן ווייל אויב יא וואלטן זיי געדארפט אויסליידיגן דעם גאנצן סקול...

אזוי פארפוילט און נידריג איז עס געווען, איך בין אויפגעוואקסן מיט זייער א שווערע יוגנט, עס איז ממש נישט געווען א טאג וואס איך בין אהיימגעקומען און עס זאל האבן דורכגעגאנגען בשלום.

די מערהייט פון מיין יוגנט האב איך אוועקגעגעבן צו דמיונ'ען, איך האב גע'חלומ'ט פון כבוד און געלט, געלט און כבוד, דער ריכטיגער עמעריקען דריעם, דער חלום פונעם דורכשניטליכער אמעריקאנער, שטרעבן פאר עולם הזה אויף אן אבנארמאלן פארנעם.

ווען איך בין אריין אין די דריטע קלאס אין פובליק סקול האב איך האב באקומען א שווערע קרענק וואס האט גורם געווען אז מיין מח זאל ווי אינגאנצן איינשלאפן, און אלע אינפארמאציע וואס איך האב געהאט איז פארלוירן געווארן, איך האב ממש אלעס פארגעסן.

איך האב דאן געדארפט זיין אין שפיטאל א לענגערע תקופה, יעדע מאל איך רעדט צו מיין טאטע גלייכט ער ארויפצוברענגן ווי געטריי ער איז געשטאנען צו מיר אין יענע צייט...

ווען איך האב מיך ערהוילט בין איך געגאנגען אין א ריהעב ווי איך האב מיך פון פריש געדארפט לערנען אין איין יאר אלעס וואס א קליין קינד לערנט זיך פון ווען ער ווערט געבוירן, אבער היות דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א א מאטעמאטישן קאפ, האב איך זייער שנעל אלעס אליין אויסגערעכנט און געכאפט, אזוי אז ווען עס איז געקומען די צייט אריינצוגיין אין פערטן קלאס, האט מען שוין נישט געקענט דערקענען קיין שום חילוק צווישן מיר און אנדערע קינדער.

## אין הויך שולע (היי-סקול)

די יארן זענען געלאפן, און ווי פריער דערמאנט האב איך זייער נישט געגליכן צו גיין אין סקול, איך האב טאקע כסדר געמאכט זיכער צו פעלן ווען אימער מעגליך. יעצט האב איך זיך אבער דערזען מיט א פראבלעם, ווייל כדי צו קענען אריבערגיין פון פובליק סקול צו היי סקול, דארף מען דורכגיין א טעסט (בחינה), און די מאמע

**"די מערהייט פון מיין יוגנט האב איך אוועקגעגעבן צו דמיונ'ען, איך האב גע'חלומ'ט פון כבוד און געלט, געלט און כבוד, דער ריכטיגער עמעריקען דריעם, דער חלום פונעם דורכשניטליכער אמעריקאנער, שטרעבן פאר עולם הזה אויף אן אבנארמאלן פארנעם"**

ר' יעקב אין די אינגערע יארן הייסנדיג דזשעימס מייקל שיהען



דארף אונטערשרייבן אז מ'האט דאס געלערנט און מ'קען די מאטריאל, היות איך האב כסדר געפעלט פון סקול האב איך כמעט גארנישט געקענט.

בין איך געגאנגען און ביז עטליכע טעג האב איך זיך אלעס גוט איבערגע'חזר'ט, און דאס זעלבע האב איך געטון מיט מיין מאמע'ס אונטערשריפט – איך האב זיך עס גוט אויסגעלערנט נאכצומאכן, אזוי האב איך געהאטביידע זאכן גרייט.

אזוי בין איך אנגעקומען צו היי-סקול, אבער איך האב נישט געהאלטן ביים לערנען דארט, האב איך געארבעט אין די קאווע-הויז אויפן פלאץ (נישט נאר אין ישיבה איז דא א קאווע-שטובל...). אנשטאט זיך צוצוהערן צו די נארישע ליבעראלע לעקציעס האב איך זיך איינגעקויפט טעיפס וואס לערנען אויס סייענס און אינדזשענירינג; דאס האט גערעדט צו מיר, און איך פלעג דאס אויסהערן אין מיינע אויערן בשעת'ן ארבעטן.

נאך עטליכע יאר האב איך אנגענומען א געהעריגע ארבעט און געווארן א מענעדזשער פאר א קאמפאני. אין יענע צייט האב איך חתונה געהאט, און א קורצע צייט שפעטער געבוירן א קינד.

## אין דער אמעריקאנער מיליטער

איך האב אבער געוואלט ערגעץ אויסנוצן מיינע כוחות, מיין מאטעמאטישן קאפ און מיין וויסנשאפט אין סייענס, איז געווען מיין נאטור. האב איך געטראכט אז דאס בעסטע פלאץ דאס אויסצונוצן איז נישט קיין צווייטער ארט ווי אינעם אמעריקאנער מיליטער, ווי איך וועל אינאיינוועגס קענען ערפילן מיין חלום פון כבוד, רייכטום און אנערקענונג.

עס איז געווען אינעם יאר 2000 למספרם ווען איך האב זיך איינגעגעבן אינעם מיליטער צו באקומען א פאסטן. איך בין זאפארט אנגענומען געווארן, זיי האבן מיר געשטעלט פאר א געוויסע סארט פארהער צו זען צו וואס איך בין געאייגנט, און מ'האט מיר גלייך געשיקט צו די נעווי אפטיילונג. די נעווי איז די וואסער-פלאטילע וואס באהאנדלט אלעס אנבאלאנגט אויפן וואסער, דאס מיינט די ריזיגע אמעריקאנער שיפן, די סובמארינען, און פיל מער. זיי האבן מיר געגעבן די שווערע קאמפיוטער ארבעט: אויפכאפן פארשידענע געוואגטע זאכן, העקן, פארשטיין סיגנאלן, און אזוי ווייטער.

אין יאר 2001 זענען פארגעקומען די סעפטעמבער 11 אטאקעס, און אמעריקע איז דאן אריינגעצויגן געווארן אין א לאנג פארצויגענע קריג; מען האט מיך דאן אויסגעקליבן צו אפגעשיקט ווערן קיין איראק פאר א געוואגטע מיסיע, איך האב עס פארשטייט זיך נישט אפגעזאגט און געטריי געדינט די מיליטער פון אונזער ליבליך יונגט-לאנד, אמעריקע.

איך האב פארברענגט אויף די בארטנס פון איראק, מיין ארבעט איז געווען גאר געוואגט און ריזיקאליש, וויבאלד אין די היינטיגע מאדערנע וועלט ווערן רוב זאכן געטון דורך קאמפיוטערס, ובפרט אין די מיליטער וואס איז מיט יארן פאראויס ווען עס קומט צו טעכנאלאגיע און אינטעליגענץ.

איך האב געזאמלט אינפארמאציע איבערן שונא פון אלע זייטן, און לויט דעם האט מען געמאכט באשלוסן ווען און וואו צו אטאקירן. ווי אויך איז א גרויסער חלק פון די אויפגאבע ביי יענע אפעראציעס געווען צו געפינען און כאפן דעם ארכי-שונא ישראל סאדאם כוסעין ימ"ש.

איך האב שוין געוואלט זיך באגניגן מיט מיין עהרפולע פאזיציע, אבער צום באדויערן האט עס מיר נישט געקענט זעטיגן. דאס לעבן צווישן די זעלנער איז זייער א געמיינער, און עס איז בכלל נישט געאייגנט פאר א איד. א פרומער איד וועט דאס קיינמאל נישט פארשטיין; פונדרויסן קוקט עס אויס אזוי הויכגעשפריצט, דער אמעריקאנער מיליטער מיט איר גראדע רוקן, וואודעראום אינעווייניג וועט דער איד נישט קענען באגרייפן וואס דאס מיינט א לעבן אן תורה און אן קיין שום מאראלישע באגרעניצונגען. ווי פראסט מען קען גאר זיין... יעדן טאג וואס גייט דורך איז ליידיגער פון נעכטן, און עס קען נישט אנפילן דעם חלל פון א מענטש וואס זוכט עפעס מער, עס גיבט נישט פארן מענטש די צופרידנקייט וואס ער וויל שפירן.

עס איז געווען איין טאג אין יאר 2005 למספרם, אינמיטן געוויסע טרענירונגען בין איך גאר שווער פארוואונדעט געווארן, מיינע פיס זענען געווארן אזוי שווער געשעדיגט, אז איך האב זיך מער נישט געקענט באוועגן מיט זיי.

אויף דערווייל מיט מיין פארוואונדעטע פיס האט מען מיר געשיקט פאר נאך אויפגאבעס, אבער למעשה זעענדיג מיין צושטאנד אז איך בין מער נישט פעליג צו דינען, האט מען מיר אויסגעשלאסן פון די מיליטער.

אין די צייט וואס איך האב געדינט אין די מיליטער, איז מיין פרוי נישט געווען צופרידן פון די

**ווען איך בין אריין אין דריטן קלאס אין פובליק סקול, האב איך באקומען א שווערע קרענק וואס האט גורם געווען אז מיין מח זאל ווי איינגאנצן איינשלאפן. די גאנצע אינפארמאציע וואס איך האב געהאט איז פארלוירן געגאנגען, איך האב ממש אלעס פארגעסן**

ווירטשאפט, אז קוים נאך די חתונה זאל איך גיין דינען אין מיליטער; האט זי מיך איבערגעלאזט און מיר האבן זיך צוטיילט.

יעצט האב איך זיך געטראפן אינגאנצן אליין, אויסגעשפילט פון אלע זייטן – נישט קיין ווייב און נישט קיין מיליטער. עס איז ממש ווי דער ראש ישיבה שליט"א רעדט כסדר ביי די דרשות, אז עס לוינט נישט אוועקצווארפן די ווייב און קינדער פאר אביסל געלט, חברים, אדער כבוד; ווייל איין טאג, ווען זיי וועלן דיר שוין נישט דארפן פאר זייער הנאה, וועלן זיי דיר לאזן אליין אויפן וואסער אן קיין פריערדיגע מעלדונג... און דעמאלטס וועט שוין זיין אביסעלע צו שפעט.

למעשה, האב איך געוואלט ניצן מיין שארפן קאפ, בין איך געגאנגען אין קאלעדזש זיך צו לערנען קאמפיוטערס און פראגראמינג, וואס מ'רופט "איי-טי" (IT). איך האב באקומען א "מעסטער דעגרי", דאס מיינט אז איך בין גאר גוט באהאוונט אין דעם תחום, און איך גיי יעצט זוכן א הויכע שטעלע אין א קאמפאני, וואס וועט האפנטליך זיין גוט באצאלט.

אבער דער אייבערשטער פירט זיין וועלט, און דאן איז אנגעקומען דער גרויסער 2008 קראך, ווען פילע ריזיגע ביזנעסער זענען איבערנאכט געגאנגען שלאפן, און די גאנצע מארקעט און עקאנאמיע איז געגאנגען בארג אראפ. ממילא איז מיר געווען גאר שווער צו טרעפן א געהעריגע שטעלע אין א קאמפאני, און איך האב זיך ווידער געטראפן זיך מוטשענען צו קענען דעקן די הוצאות און פירן א נארמאלן לעבן.

## עולם הזה חלומות ווערן פארווירקליכט

אזוי האב איך זיך געמוטשעט פאר דריי יאר, וואס האט אויסגעזען ווי אן אייביגקייט. ביז אין יאר 2011 למספרם האב איך געעפענט אן אייגענעם IT קאמפאני, ווי איך האב ב"ה זייער שיין מצליח געווען און מיין נאמען איז געגאנגען ווייט. איך האב מיך ענדליך דערזען אלס דער געשעצטער מר. שיהען. מיין חלום. פון יאאארן. יעצט וועל איך שוין זיין פרייליך און צופרידן.

איך האב דאן ווידעראמאל חתונה געהאט, ליידער נישט אידיש, און איך האב ארויסגעקוקט אויף א שיין און סוקסעספול לעבן. איך האב זיך דאן קונה געווען אזא גוטן נאמען אין די פעלד פון IT, אז איין טאג באקום איך א טעלעפאן קאל פון א גרויסע IT פירמע, זיי שלאגן מיר פאר א הויכע פאזיציע ביי זיי אין די פירמע, צו דינען אלס מענעדזשער אויף א גרויסער אפטיילונג, פארשטייט זיך מיט גאר שיינע פארדינסטן. צו מיין שמחה איז נישט געווען קיין ברעג; עס איז געווען אסאך מער געלט וויפיל איך פלעג מאכן ביז דאן, און עס איז אויך מיטגעקומען מיט זייער שיינע באדינגונגען, און פארשטייט זיך אז איך האב עס אנגענומען.

זיי האבן מיר נאר געבעטן איין זאך: אז איך זאל מיך ציען קיין פענסילוועניע, וואו איך זאל זיין איינגעשטעלט ביי איינע פון זייערע לאקאלן. פאר מיר, לעבנדיג דאן א פריי לעבן ווי א גוי, וואס דארף נישט קיין בית המדרש, מקוה, אדער ערליכע מוסדות פאר די קינדער וכדומה, איז דאס נישט געווען קיין פראבלעם, ווי דער ראש ישיבה זאגט אז ביים גוי באדייט מופן ארויפלייגן דעם מאטראץ אויפן קאר און פארן ביזן פה אשב... און איך האב זיך דארט באזעצט.

איך האב אנגעהויבן שארן געלט... איך האב מיר איינגעקויפט א גאר טייערע הויז אויף א גרויסן שטח צווישן רייכע מענטשן, און דערצו איז שוין צוגעקומען א גאר לוקסעריעזער קאר און נאך פארשידענע טייערע פארגעניגנס. איך האב געמאכט אסאך געלט, אבער מער ווי דעם האב איך אויסגעגעבן, אבער נישט אויף הוצאות פון א איד וואס איז

> **איך האב געמאכט אסאך געלט, אבער מער ווי דעם האב איך אויסגעגעבן, אבער נישט אויף הוצאות פון א איד וואס איז לימיטעד, נאר אויף אומבאגרעניצטע תאוות און הנאות; עולם הזה אין פולן זינען פון ווארט, שוואוילטאג אויפן העכסטן שטאפל**

לימיטעד, נאר אויף אומבאגרעניצטע תאוות און הנאות; עולם הזה אין פולן זינען פון ווארט, שוואוילטאג אויפן העכסטן שטאפל, איך פלעג גיין אויף גאר טייערע וואקאציעס און אויספלוגן, און וואס נישט.

**האסטו טאקע דאן אנגעהויבן האבן א גוט לעבן?**

איך וויל ענטפערן יא, אבער איך קען עס נישט אנרופן א גוט לעבן. ניין.

וואס מער הנאות איך האב זיך נאכגעגעבן, אלס מער הונגעריג בין איך געווארן פאר נאך, זעענדיג ווי נאכן זיך נאכגעבן דעם תאווה איז די שטרעבן פאר צופרידנהייט געשטיגן. און גארנישט האט מיך געקענט זעטיגן. ממילא האב איך אנגעהויבן אריינצופאלן אין א טיפע דעפרעסיע, און די דעפרעסיע האט מיך געפירט ווייטער אראפ צו זייער נישט גוטע זאכן; איך בין ממש געווען אין די נ' שערי טומאה, רח"ל.

איך האב געהאט אין מיר א געוויסע געפיל אז איך בין אין א נישט גוטע פלאץ, מילד גערעדט, און איך פיר מיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין. איך האב אבער נישט געקענט אידענטיפיצירן דעם געפיל, פון וואו עס קומט, וואס פונקטליך איך וויל, און וואס עס באדערט מיר; אבער דאס האב איך יא געוויסט, אז איך האב זיך געשפירט זייער נישט גוט מיט מיר אליין.

איך האב אנגעהויבן זוכן הילף וואס זאל





**"איך האב אנגעהויבן שארן געלט... איך האב מיר איינגעקויפט א גאר טייערע הויז אויף א גרויסן שטח צווישן רייכע מענטשן, און דערצו איז שוין צוגעקומען א גאר לוקסעריעזער קאר און נאך פארשידענע טייערע פארגעניגנס"**

די הויז און קאר פון דזשעימס מייקל שיהען

מיר קענען ארויסנעמען פון מיין מצב, און איך האב אנגעהויבן גיין צו טעראפי. איך האב דארט אויסגעגאסן א ים מיט געלט, אבער די גאנצע טעראפי וועלט איז דורכגעפוילט פון אנהייב ביזן סוף; עס קען נישט בעסער מאכן א מענטש, נאר פונקט פארקערט.

מיין קומענדיגע שטאפל איז געווען צו ווערן מער רעליגיעז. איך האב פשוט געזוכט עפעס וואס קען מיר ארויסנעמען פון מיינע נפשיות'דיגע פלאנטערנישן. ווי געזאגט פריער, האב איך ביז דאן געלעבט ממש ווי א פרייער; מיין טאטע איז געווען א קאטוילישער און פלעגט מיך נעמען אלס קינד אין קירכע, אבער ווען איך בין עלטער געווארן האט מיך שוין גארנישט אינטערעסירט איבער רעליגיע. אבער יעצט, אין מיין מצב, האב איך מיך יא אנגעהויבן צו פאראינטערעסירן און פארשן מיין רעליגיע.

אזוי ווי איך האב ב"ה א שארפן און מאטעמאטישן קאפ, האב איך זייער שנעל געכאפט אז איך בין אויפגעצויגן געווארן פאלש. ווי מער איך האב געגראבן און געוואלט פארשטיין, אלס מער האב איך איינגעזען ווי לעכערליך און פאלש די אלע רעליגיעס זענען, און יעדן טאג האב איך געפינען נאך סתירות און זאכן וואס שטימען בכלל נישט.

האב איך אנגעהויבן זוכן און נישטערן אין אנדערע גלויבונגען. אין די קריסטליכע וועלט אליין זענען פארהאן פילע פארשידענע גלויבונגען, וואו יעדער מאכט אפ פאר זיך וואס ער גלייבט. איך בין אבער נישט געבליבן שטיין דארט; איך האב געגראבן און געלערנט בלי גוזמא - יעדע סארט רעליגיע איבער די וועלט, וואס איך וויל דא נישט אויסשמועסן באריכות זייער מהות, זייער שטאמונג, און אזוי ווייטער.

צו מיין ערשטוינונג האב איך געזען ווי יעדער איז אזוי פארקראכן, אבער ווען איך בין נאכגעגאנגען טיף טיף אריין, האב איך געזען אז אלעס קומט אן צוריק צו די אידן. דאס מיינט אז יעדער נעמט דעם איד, און פון דעם פרובירן זיי צו בויען זייערע נארישע שמייליגע זאכן.

אלס א איד און א תלמיד היכל הקודש וויל איך ענדערש בלייבן מיט א פשוט'ע תמימות, און עס איז בעסער נישט אריינצוקריכן אין יעדנ'ס נארישע מיינונגען און גלויבונגען, דעריבער לאמיר זיך רוקן פאראויס...

אצינד בין איך אנגעקומען צו א פונקט ווי איך האב בלויז איין אויסוואל: אדער אידישקייט אדער גארנישט ח"ו, ווייל באמת איז גארנישט דא אויסער דעם. אזוווי ווי מיר ווייסן פון חז"ל אז דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט נאר פאר די אידישע קינדער.

איך האב אנגעהויבן לערנען פסוקים אין חומש און אין נ"ך, און איך בין געוואויר געווארן א נייע האר-אויפשטעלנדע פאקט, אז די תורה איז נישט גילטיג פאר יעדן איינעם. עס קען זיין איין זאך וואס איז נאר פאר אידן, ווי למשל שבת וואס אידן דארפן היטן, אבער א גוי טאר נישט היטן שבת – "גוי ששבת חייב מיתה". פון די אנדערע זייט זענען דא זאכן וואס נאר אידן זענען אנגעווארענט געווארן דערויף, און פאר א גוי איז עס בכלל נישט גילטיג.

ווי נאר איך האב אנגעהויבן אריינבליקן אין די תורה און אידישקייט, האט א סיפוק מיך שטייטליך אנגעהויבן ענטפאנגען, עפעס וואס איז שווער מסביר צו זיין אויף פאפיר, אבער דער משה אמת ותורתו אמת איז געשפירט געווארן אויף אן אינערליכע פארנעם.

מיין קאפ האט מיר תיכף אנגעהויבן שווינדלען, בין איך א איד אדער להבדיל א גוי? ווייל וויאזוי איך זאל עס נאר דרייען, מוז איך דאך וויסן וויאזוי איך דארף מיר פירן.

**פארוואס האסטו בכלל געטראכט אז דו ביסט א איד?**

ווען איך בין געווען א קליין קינד, האט מיין מאמע געמאכט אן אוונט און איך געדענק איר זיך אנרופן אז זי שטאמט פון אידן, אבער זינט דאן האב איך מער קיינמאל נישט געהערט דערפון.

איך הייב אויף דעם טעלעפאן און מיט היסטעריע רוף איך אן מיין מאמע און פרעג איר: "מאמי, בין איך א איד?"

זי איז געווארן שאקירט און ענטפערט מיר: "יא, פארוואס פרעגסטו?"

"ווייל איך וויל וויסן!" שריי איך אריין אינעם טעלעפאן. "אויב איך בין א איד בין איך חייב מיתה, און אויב איך בין א גוי בין איך חייב מיתה!"

איך האב דאן נישט געוויסט פון אזעלכע מושגים ווי א "תינוק שנשבה"; איך האב דאס אנגעקוקט גאנץ פשוט, שווארץ און ווייס.

איך האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאן און איך האב מיך גענומען צו די ארבעט צו פארשן מיין אפשטאם, פון וואו איך קום. ליידער בין איך דערגאנגען אז מיין משפחה פארן קריג איז געווען א פרומע משפחה; זיי זענען געווען הארנסטייפלער חסידים (לבית טשערנאביל). נאכן קריג האבן זיי זיך ליידער נישט געהאלטן, זיי האבן זיך ליידער נישט געדרייט צווישן ערליכע אידן און נישט געפאלגט קיין רבנים. מיין באבע, מיין מאמע'ס מאמע, האט ליידער חתונה געהאט מיט א גוי, און מיין מאמע האט דאס ליידער נאכגעטוהן און חתונה געהאט מיט א קריסטליכן גוי, אן דעם וואס אירע קינדער זאלן אפילו וויסן אז זיי זענען אידן.

**וואו זענט איר געגאנגען ווייטער נאכן אויפדעקן אייער אידישן אפשטאם?**

עס איז דא א פראצעדור וויאזוי דאס ארבעט. איך האב געדארפט זיצן מיט רבנים, און נאכן נאכגיין אלע דעטאלן האבן זיי טאקע פעסטגעשטעלט מיין יחוס. אויך, להבדיל, אין די מדינה איז דא א וועד וואס געבט זיך אפ מיט די סארט ענינים. איך האב אויסגעגעבן אסאך געלט נאכצוגיין מיין פונקטליכן אפשטאם, און לויט ווי די רבנים האבן מיר מדריך געווען, אזוי האב איך געטוהן.

**וויאזוי האבן דיינע ארומיגע רעאגירט?**

ווי געזאגט, בין איך ליידער געווען פארהייראט צו א נישט-אידישע פרוי. אבער ווען איך האב אנגעהויבן לערנען איבער אידישקייט און איבער מיין יחוס, האט מיין פרוי בשום אופן נישט מסכים געווען מיטצוגיין מיט מיר, וואס דאס וואלט געמיינט פאר איר דורכצוגיין א גיור. האב איך געדארפט מאכן א החלטה אין לעבן, אויב איך וויל באמת צוריקגיין צו אידישקייט.

דאס האט פאר מיר באדייט איבערצולאזן אלעס: מיין ווייב, מיין הויז, און וואס נישט.

אבער איך בין דאן געווען אזוי אנטשלאסן צו ווערן א פולקאמער איד, אז די אלע הבלי עולם הזה האבן מיר אינגאנצן נישט אינטערעסירט. איך האב זיך שוין איבערצייגט אויף מיין אייגענער הויט און ביינער אז עס איז נישטא גארנישט אויף דער וועלט וואס קען מאכן א מענטש פרייליך און צופרידן, גארנישט, אויסער איין זאך: צו זיין צוגעבונדן צום אייבערשטן און לעבן אויף דעם וועג וויאזוי דער אייבערשטער וויל איך זאל זיך אויפפירן. כי אני ידעתי.

**וואס האסטו טאקע געטון אין יענעם מצב?**

איך האב געלאזט וויסן מיין פרוי אז איך האב אפגעמאכט צו ווערן א פרומער איד, און דעריבער דארף איך איר איבערלאזן.

אויבנאויף האב איך דאן דערלייגט מיין טייערע הויז, וואו זי איז געבליבן וואוינען, און די גאנצע צוטיילונג מיט די לעגאלע קאסטן האבן מיר אפגעקאסט איבער א מיליאן דאלער! יא, איך האב באצאלט פאר עשיו א מיליאן דאלער! אבער דאס געלט איז סיווי נישט מיינס, עס געהערט צום אייבערשטן.

איך האב אבער פאר קיין איין רגע נישט געשפירט קיין חרטה אדער צער, ווייל איך האב געשפירט ווי איך ווער אריינגענומען אין די ארעמס פון מיין טאטע אין הימל, דער הייליגער באשעפער.

מיין גשמיות'דיגער טאטע איז א



ר' יעקב ביי אונזער שמועס



קריסטליכער גוי; דאס מיינט אז איך האב נישט קיין טאטע אויף דער וועלט, נאר דער אייבערשטער אליין איז מיין טאטע.

כנסת ישראל כלה קרואה. די אידן זענען די כלה פונעם אייבערשטן. דו ווייסט וואס די פליכט פון א ווייב איז? צו געבן כבוד פארן מאן און אים שעצן. און דו ווייסט וואס די פליכט פונעם מאן איז? אכטונג צו געבן און צושטעלן אלעס פארן ווייב.

איך האב געשפירט ווי דער אייבערשטער כביכול שיצט אויף די פרומע אידן; ער גיט אכטונג אויף זיי און שטעלט זיי צו אלע זייערע באדערפענישן. דו ווייסט ווי גוט עס שפירט זיך אריינצוגיין אין אזא סארט לעבן, אזא סארט נאנטקייט צום אייבערשטן? קיין שום הנאה אויף דער וועלט קומט נישט צו צו דער הנאה פון געהערן צום אויסדערוועלטן פאלק פונעם אייבערשטן און צו קענען טון זיינע מצוות!

קיינער קען מיך שוין גארנישט אנדערש פארקויפן, ווייל איך קום פון דארט; איך האב אלעס אויספרובירט, און איך ווייס אז עס איז גארנישט דא דארט.

**אההה... ווערטער זענען איבריג. נא, ווי זענט איר געגאנגען ווייטער?**

אצינד האב איך געדארפט נעמען אלע מיינע חכמות און חקירות און זיי אריינווארפן אין מיסטקאסטן, און ווי א קליין קינד אנהייבן לערנען פון דאס ניי. איך האב געוויסט איין זאך: אז איך ווייס גארנישט, אבער איך בין גרייט אלעס צו לערנען.

איך האב אנגעהויבן זוכן אן ערליכע קהילה מיט א רב וואס זאל מיך לערנען דעם וועג צו אידישקייט. איך האב אבער אנגעקלאפט אין אסאך שטיינער אינעם וועג, געוויסע רע-בנים פון די רעפארמער און נאך ערגער, אבער מיך האבן זיי נישט געקענט דרייען א קאפ, ווייל איך האב געוויסט פון וואו איך קום און איך האב געוויסט וואו איך וויל אנקומען.

ביי א געוויסע פונקט בין איך געזעסן מיט א מכלומר'שטן ראביי, און ווען איך האב אים געפרעגט איבער א געוויסע זאך וואס ער האט ליידער ארויסגעשניטן פון די תורה רח"ל, האט ער זיך אויפגערעגט אויף מיר און זיך אנגערופן מיט א שטרענגען טאן: "גיי ארויס פון דא און קום מער קיינמאל נישט צוריק!"

אויך בין איך אנגעקומען צו א רב וואס האט מיט מיר געלערנט אסאך איבער אידישקייט. ווען איך האב אים אבער געפרעגט היתכן ער לאזט מיר קומען מיט א קאר שבת, האט ער מיר געענטפערט: "פרעג נישט קיין שאלות וואס קענען דיר אינגאנצן פארטרייבן."

אזוי האב איך געוואנדערט און געזוכט ביז איך האב אנגעטראפן אמת'ע ערליכע פרומע אידן, א ליטווישע קהילה אין פענסילווועניע. דארט איז געווען א איד, א צדיק, ר' שמחה קעין הי"ו – איך רוף אים ביז היינט "מיין טאטע" – ער האט צוגעשטעלט טאקע פאר אזעלכע אידן ווי מיר הכנסת אורחים און אש"ל מלא אויף שבת, כדי איך זאל נישט דארפן דרייוון אום שבת, און זיי האבן מיר דארט איינגעלאדנט אין איינע פון די דירות.

דארט בין איך געווארן א שומר שבת און געלערנט זייער אסאך ביי דעם איד. ער האט זיך אפגעגעבן מיט מיר ממש ווי מיט אן אייגן קינד; ער האט מיר חתונה געמאכט מיט מיין טייערע אשת חיל – מיין ווייב תחי' איז א גיורת – און דער ר' שמחה איז ממש ווי אונזער פאטער.

א צייט שפעטער איז פארגעקומען אן אוונט פאר די גרויסע פירמע ווי איך האב געארבעט, און איך בין אהינגעגאנגען, אבער אינאיינעם מיט מיין ווייב תחי'. די אלע

"מאמי, בין איך א איד?" זי איז געווארן שאקירט און ענטפערט מיר: "יא, פארוואס פרעגסטו?" "ווייל איך וויל וויסן!" שריי איך אריין אינעם טעלעפאן. "אויב איך בין א איד בין איך חייב מיתה, און אויב איך בין א גוי בין איך חייב מיתה!"

ארבעטער זענען קענטיג געווען זייער אומבאקוועם, זעענדיג מיר אנגעטון ווי פרומע אידן.

נאך דעם אוונט האט מיר די פארוואלטונג פון מיין קאמפעני פארגעשלאגן צי איך וואלט געוואלט מופן קיין ניו דזשערסי, וויבאלד זיי דארפן איינעם ווי מיר אין יענעם לאקאל; פארשטייט זיך אז דאס וועט מיטקומען מיט א שיינעם רעיז.

איך בין דאן געווען אין פארבינדונג מיט א חשוב'ע רב אין פלעטבוש, וואס פלעגט מיט מיר שמועסן און ארויסהעלפן מיט וואס ער האט נאר געקענט. אזוי שמועסנדיג מיט אים, האב איך אים דערציילט איבער דעם פארשלאג וואס איך האב באקומען פון מיין קאמפעני, אבער איך האב אים געזאגט אז איך זוך א פרומע קאמיוניטי אין יענער געגנט. האט ער זיך אנגערופן: "עס איז דא דארט דער נייער ישוב אין לינדען, ניו דזשערסי, מיט היימישע חסידישע משפחות, און דארט וואוינט כ"ק אדמו"ר מקאסאן שליט"א. גיי אריבער צו אים און נעם א ברכה; ער וועט האבן מער צייט פאר דיר."

איך האב טאקע אזוי געטון, און ברוך השם אז היינט וואוין איך דא אין לינדען. ב"ה איך קען וואוינען צווישן פרומע אידן, און ווען איך האב א שאלה רוף איך אן דעם קאסאנער רבי'ן שליט"א וואס איז שטענדיג גרייט מיר צו ענטפערן. אויך זיין חשוב'ער זון, הרב יעקב נפתלי שליט"א, האט מיר פיל געהאלפן זיך דא אריינצוגלידערן.

דאס וואוינען צווישן פרומע אידן איז א מתנה פונעם אייבערשטן. ווען מ'קומט פון אזא פרעמד פלאץ ווי איך, זע איך די שיינקייט יעדן טאג; איר זענט אפשר נישט באוואוסטזיניג צו דעם פאקט, ווייל איר זענט שוין אזוי געבוירן, אבער מען לעבט דא מיט א באגלייבטקייט איינער צום צווייטן, מ'זוכט צו העלפן א צווייטן, און דער לעבנסשטייגער איז אזוי אויטענטיש און ריין.

איך דאווען יעדן טאג אין קאסאנ'ער בית המדרש און איך לערן שיעורים עטליכע שעה א טאג – אביסל פון אלעס. ווי אויך לערן איך זיך צו פארשטיין לשון הקודש, און איך האף שפעטער זיך אויך גוט אויסצולערנען אידיש.

שבת גלייך איך צו קומען דאווענען אין ברסלב'ער שול, וואו זיי נעמען מיר אויף זייער ווארעם, און איך קום אויך צו שלש סעודות, טראץ וואס איך פארשטיי נישט אלעס ווען דער גבאי ר' יודל איינהארן נ"י רעדט אין אידיש, אבער דאס ביסל איז מער ווי גענוג, און ער פרובירט טאקע צו רעדן אין ענגליש אויך, און איבער אלעם - די לופט דארט איז אזוי באטעמ'ט און איינגענעם. עס זענען אפשר דא גרעסערע און שענערע שולן, אבער די ליבשאפט וואס הערשט אין די לופט איז עפעס וואס מ'טרעפט נישט.

**די זייגער האט זיך פארשטייטערט דורכאויס אונזער שמועס, אבער פארן שליסן, ווען איך האב אייך געקלינגען אויף אייער טעלעפאן, האט מען אויפגעהויבן פון שטוב זאגנדיג אז דער טאטע איז אין בית המדרש און נעמט נישט מיט זיין טעלעפאן. ס'האט אונז אינספירירט.**

פארוואס זאל איך אריינברענגען די מגושם'דיגע וועלט אין א געטליכער, הייליגער פלאץ? איך וויל נישט פארשוועכן דעם אייבערשטנ'ס הויז.

עס איז אזוי שיין צו זען ווי אין אסאך שולן זענען צוגעשטעלט קעסטלעך מיט טשארדזשערס פאר די פאונס אינדרויסן פון בית המדרש; עס ווייזט די רעספעקט וואס מ'האט פארן קעניג פון די וועלט.

■

דער שמועס האט זיך פארצויגן פאר שעות לאנג, און מיר דארפן זיך שוין געזעגענען פון ר' יעקב, כאטש ער האט נאך אזויפיל צו דערציילן...

טראץ ר' יעקב'ס פארנומענע

**האב איך געדארפט מאכן א החלטה אין לעבן, אויב איך וויל באמת צוריקגיין צו אידישקייט. דאס האט פאר מיר באדייט איבערצולאזן אלעס: מיין ווייב, מיין הויז, און וואס נישט. אבער איך בין דאן געווען אזוי אנטשלאסן צו ווערן א פולקאמער איד, אז די אלע הבלי עולם הזה האבן מיר אינגאנצן נישט אינטערעסירט.**





בית מדרש היכל הקודש לינדען



**"שבת גלייך איך צו קומען דאווענען אין ברסלב'ער שול, וואו זיי נעמען מיר אויף זייער ווארעם, און איך קום אויך צו שלש סעודות, טראץ וואס איך פארשטיי נישט אלעס ווען דער גבאי ר' יודל איינהארן נ"י רעדט אין אידיש, אבער דאס ביסל איז מער ווי גענוג"**

דער ראש ישיבה שליט"א אין בית מדרש היכל הקודש לינדען

סדר היום האט ער פארן בלעטל אוועקגעגעבן צייט אונז אריינצונעמען אין זיין פארכאפנדע געשיכטע, פון וואס מען קען זיך אזויפיל לערנען פון יעדן חלק.

מיר וואונטשן ר' יעקב א זיס ליכטיג אידיש לעבן, דער אייבערשטער זאל אים באגליקן מיט זיין ווייב תחי' אינאיינעם מיט בני חיי ומזוני און אלע גוטע השפעות, און א פרייליכן יום טוב!

## עפילאג

כל המוסיף גורע. דאס איז זייער גילטיג נאך אזא שמועס.

אבער פארן מסיים זיין וויל איך ברבים דאנקען דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער האט מיר געגעבן די זכי' צו הערן דעם קול פונעם ראש ישיבה שליט"א. כאטש מיר זענען יא געבוירן און אויפגעוואקסן צווישן ערליכע און פרומע אידן ב"ה, מאכן אונז די דאזיגע דרשות באוואוסטזיניג זיך צו פרייען מיט אונזער פשוט'ע אידישקייט, אנדעם וואס מיר זאלן דארפן האבן א דראמאטישע בעגראונד כדי זיך צו קענען פרייען מיט דעם אז מיר זענען קינדער פונעם אייבערשטן און פרובירן צו טון וואס ער פארלאנגט פון אונז.

ווען מיר ליינען אזא געשיכטע, דערמאנט עס אונז און עס מאנט פון אונז דאס וואס דער הייליגער רבי לערנט אונז (ליקוטי מוהר"ן חלק ב', סימן ע"ח):

וְהַכְּלָל, כִּי אָסוּר לְיָאֵשׁ עַצְמוֹ. כִּי אֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא אִישׁ פָּשׁוּט וְאֵינוֹ יָכוֹל לִלְמֹד כְּלָל, אוֹ שֶׁהוּא בְּמָקוֹם שֶׁאִי אֶפְשָׁר לוֹ לִלְמֹד וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, אַף־עַל־פִּי־כֵן גַּם בְּעֵת פְּשִׁיטוּתוֹ צָרִיךְ לְהַחֲזִיק עַצְמוֹ בְּיִרְאַת ה' וּבַעֲבוֹדָה פְּשׁוּטָה לְפִי בְּחִינָתוֹ, כִּי גַּם אָז הוּא מְקַבֵּל חִיּוּת מֵהַתּוֹרָה כַּנַּ"ל, עַל־יְדֵי אִישׁ פָּשׁוּט הַגָּדוֹל, הַיְנוּ הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל, שֶׁהוּא לִפְעָמִים אִישׁ פָּשׁוּט, שֶׁהוּא מְחַיֶּה אֶת כֻּלָּם כַּנַּ"ל.

און דער כלל איז, אז מ'טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין, אפילו אויב מ'איז א פשוטע'ר און פראסטער מענטש וואס קען בכלל נישט לערנען וכדומה, דארף מען זיך פונדעסטוועגן מחזק זיין מיט פשטות יהדות, יעדער לויט זיין בחינה.

וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא, חַס וְשָׁלוֹם, בַּמַּדְרֵגָה הַתַּחְתּוֹנָה לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם, רַחֲמָנָא לִצְלָן, אֲפִלּוּ אִם מֻנָּח בִּשְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת, רַחֲמָנָא לִצְלָן, אַף־עַל־פִּי־כֵן אַל יִתְיָאֵשׁ עַצְמוֹ, וִיקַיֵּם: מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי (יונה ב' ג'), וְיַחֲזִיק עַצְמוֹ בַּמֶּה שֶׁיּוּכַל, כִּי גַּם הוּא יָכוֹל לַחֲזֹר וְלָשׁוּב וּלְקַבֵּל חִיּוּת מֵהַתּוֹרָה עַל־יְדֵי הַצַּדִּיק הַנַּ"ל.

און אפילו ווער עס געפינט זיך, חס ושלום, אין גאר א נידריגע מדריגה, רחמנא ליצלן, אפילו אויב מ'ליגט אינעם טיפן שאול תחתיות ר"ל, זאל מען זיך דאך נישט מייאש זיין! נאר פון דעם טיפן אפגרונט זאל מען שרייען צום אייבערשטן, און מ'זאל זיך שטארקן מיט וואס מ'קען נאר, ווייל אפילו אזא איינער קען נאך תשובה טון און צוריקקומען, און באקומען א פרישע לעבנס-קראפט פון די הייליגע תורה דורכ'ן צדיק.

וְהָעִקָּר – לְחַזֵּק עַצְמוֹ בְּכָל מַה שֶּׁאֶפְשָׁר, כִּי אֵין שׁוּם יֵאוּשׁ בָּעוֹלָם כְּלָל. (וְאָמַר אָז בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: קַיין יֵאוּשׁ אִיז גָאר נִיט פַאר הַאנְדִין), וּמָשַׁךְ מְאֹד אֵלּוּ הַתֵּבוֹת "קַיין יֵאוּשׁ וְכוּ'" וַאֲמָרָם בְּכֹחַ גָּדוֹל וּבַעֲמֻקּוֹת נִפְלָא וְנוֹרָא מְאֹד, כְּדֵי לְהוֹרוֹת וּלְרַמֵּז לְכָל אֶחָד וְאֶחָד לְדוֹרוֹת, שֶׁלֹּא יִתְיָאֵשׁ בְּשׁוּם אֹפֶן בָּעוֹלָם, אֲפִלּוּ אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, וְאֵיךְ שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ אִם נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל, רַחֲמָנָא לִצְלָן, מֵאַחַר שֶׁמְּחַזֵּק עַצְמוֹ בַּמֶּה שֶׁהוּא, עֲדַיִן יֵשׁ לוֹ תִּקְוָה לָשׁוּב וְלַחֲזֹר אֵלָיו יִתְבָּרַךְ.

און דער עיקר איז זיך צו שטארקן מיט וואס אימער עס איז נאר מעגליך, ווייל קיין יאוש איז גארנישט פארהאנען! אפילו וואס אימער עס זאל נאר אריבערגיין אויפן מענטש, און וויאזוי עס זאל נאר זיין – אפילו אויב מען איז געפאלן צו פלעצער וואו מען איז געפאלן, רחמנא לצלן – אויב מען שטארקט זיך מיט דעם ביסל וואס מען איז יא, האט מען נאך אלץ א האפענונג צוריקצוקומען און זיך אומקערן צום אייבערשטן! ■

# קוק אהער

# די באהאלטענע סוד

מיט וויינציגער פון הונדערט פופציג יאר צוריק האט די וועלט אויסגעזען גאר אנדערש ווי היינט. מיר קענען היינט די וועלט לויט די לענדער און די וועג וויאזוי זי איז צוטיילט, אבער דאן האט די וועלט גאר אנדערש אויסגעזען; אנשטאט די פילע זעלבסטשטענדיגע לענדער, זענען געווען עטליכע גרויסע מאנארכיעס וואס האבן געהערשט אויף כמעט די גאנצע וועלט.

פון די גאר באקאנטע איז די ענגלישע מאנארכיע, וואס האט געהערשט אויף כמעט האלב פונעם כדור העולם, ווי אויך די צארישע רוסישע מאנארכיע וואס האט געהערשט אויף פילע באלטישע און אייראפעישע לענדער.

אויך אין אזיע איז געווען א גרויסע מאנארכיע וואס האט אנגעהאלטן ביז די צווייטע וועלט קריג, דאס איז געווען די יאפאנעזישע קעניגרייך אונטער זייער עמפעראָר.

צווישן די לענדער אויף וועלכע יאפאן האט געוועלטיגט איז דאן געווען דאס לאנד קאריע. ווען די יאפאנעזישע הערשאפט איז געפאלן נאכן וועלט קריג - נאך דעם וואס אמעריקע האט איר באמבארדירט מיט די צוויי נוקלעארע באמבעס - איז די מאנארכיע אויפגעלעזט געווארן.

ווען די קריג איז געקומען צו א סוף, האבן זיך אמעריקע און רוסלאנד געפונען אלס די באזיגער קעגן די דייטשע רשעים און די יאפאנעזער. רוסלאנד און אמעריקע האבן טאקע געקעמפט אין די מלחמה האנט ביי האנט קעגן די צענטראלע כוחות פון די פארשאלטענע נאציס ימ"ש, אבער רוסלאנד און אמעריקע זענען בכלל נישט געווען אויף איין בלאט.

אמעריקע איז געווען די פאן-טרעגער פון קאפיטאליזם און פרייהייט, בשעת רוסלאנד איז געווען די פאן-טרעגער פון קאמוניזם און רעגירונג-הערשאפט. דא טרעפן זיךביידע נאכן קריג ביים פארהאנדלונגס טיש: וואס טוט מען מיט די געפאלענע לענדער?

מ'האט צוטיילט די לענדער: די לענדער אויף די מזרח זייט נעבן רוסלאנד זענען געגאנגען אונטער די רוסישע רעגירונג מיט זייער וועג פון קאמוניזם, און די מערב לענדער זענען געגאנגען אונטער די אמעריקאנער אינפלוענס און געווארן פולקאם פריי, אזוי ווי דער אמעריקאנער וועג.

דער שניט פונעם טיילונג איז געווען פונקט אינמיטן דייטשלאנד, וואו מ'האט געבויט א ריזיגע וואנט וואס האט אפגעטיילט די מזרח רוסיש-אקופירטע דייטשלאנד פון די מערב אמעריקאנער-אקופירטע דייטשלאנד.

נאך א טיילונג איז פארגעקומען אין אזיע, דאס איז געווען אינעם לאנד קאריע. אזוי ווי די יאפאנישע הערשאפט איז געפאלן נאכן קריג, האבן זיך רוסלאנד און אמעריקע צוטיילט מיט דעם גרויסן אזיאטישן לאנד קאריע: די צפון זייט איז געגאנגען פאר רוסלאנד, וואס האט דארט איינגעפירט די פארשאלטענע קאמוניסטישע באוועגונג וואס גייט דארט אן ביזן היינטיגן טאג; און די אמעריקאנער האבן באקומען די דרום זייט, וואו זיי האבן אויפגעשטעלט א פולקאם דעמאקראטיש לאנד מיט'ן אמעריקאנער סיסטעם פון קאפיטאליזם וואס לויפט נאך ביז היינט.

אזוי ווי דרום קאריע איז באפרייט געווארן פון די יאפאנעזער וואס האבן זיי געפערלעך צודריקט, און האבן צום ערשטן מאל נאך א גאר לאנגע תקופה זיך געטראפן אטעמען פרייע זעלבסטשטענדיגע לופט, זענען זיי אריין אין א געיעג אויסצוניצן זייערע פרייהייט פריווילעגיעס און ווערן וואס מער פארגעשריטן.

אין דרום קאריע זענען פאראן פילע יוניווערסיטעטן וואו עס שטודירן סטודענטן אלע מיני חכמות וואס זענען

## דאס און יענץ מיט א טיפערע אריינבליק

**ישראל דוד העסקעל**



פארהאן.

פון דרום קאריע זענען ארויסגעוואקסן קאמפאניס וואס זענען געווארן גלאבאלע ריזן, ווי סעמסאנג און יונדיי. דרום קאריע איז היינט א גאר פארגעשריטענע לאנד מיט א מעכטיגע עקאנאמיע און איז גאר פארגעשריטן טעכנאלאגיש.

איינס פון די זאכן וואס שטודירטע גוים און פראפעסארן אין די פרייע לענדער גלייכן צו פארשן איז קולטור.

ויהי היום, אין די תש"ל יארן, האט א גרופע פראפעסארן אנטדעקט די היימישע אידישע פרומע קולטור, און זיי האבן זיך נישט געקענט גענוג אפוואונדערן פון דעם וואס זיי זעען.

די אידן זענען א גאר אייגנארטיגע פאלק וואס מישט זיך נישט אויס מיט די פעלקער אויף גארנישט. זיי לעבן טאקע אינעם סאמע שמאלץ-טאפ פון די פארגעשריטענע וועלט, זיי וואוינען טאקע אין ניו יארק סיטי, אבער זיי לעבן פאר זיך באשיידן; מ'האט חתונה יונג און דער עיקר ציל איז אויפצושטעלן גרויסע משפחות.

זיי עסן אנדערע סארט עסן, זיי גייען געקליידט מיט אן אנדערע סארט קליידונג, זיי וואוינען שוין אין ניו יארק פאר עטליכע דורות און דאך האבן זיי אן אייגענע שפראך וואס זיי רעדן צווישן זיך. זיי האבן אייגענע אפגעזונדערטע שולעס וואו זיי שיקן די קינדער לערנען, און זיי לערנען גאר אנדערע לימודים פון דעם וואס די אלגעמיינע גאס לערנט.

די פראפעסארן זענען ממש פארגאפט געווארן פון דעם אינטערעסאנטן קולטור, און וואס האט זיי נאך דאס מערסטע באוואונדערט איז דאס, אז די אינטערעסאנטע מענטשן מיט זייער אינטערעסאנטן וועג פון לעבן זענען גאר מצליח!

מצליח זיין אין ביזנעס? די אידן האבן עס! זיי זענען גרויסע ביזנעסלייט און לעבן אויף א ברייטן סטאנדארט. ווי אויך האבן זיי הצלחה אין זייער שמחת החיים און האבן המשכת הדורות; די קינדער ציען ווייטער אויפן וועג פון זייערע עלטערן, אן גארנישט צו טוישן אדער רירן פון זייער מסורה, וואס דאס מיינט אז זיי זענען פריילעכע מענטשן.

די דרום קאריע פראפעסארן האבן מחליט געווען אז זיי מוזן דערגריין דעם סוד פון די אידישע קולטור: וויאזוי קען דאס זיין?! זיי דארפן נישט די גאנצע גויאישע גאס; זיי געפינען זיך אינעם שמאלץ-טאפ פונעם אמעריקאנעם קולטור און דאך זענען זיי אזוי אפגעזונדערט, און דערצו זענען זיי פריילעכע מענטשן און גאר מוצלחים. וואס איז זייער סוד?

אז מ'זוכט, טרעפט מען...

נאכן פארשן, שטודירן און נאכזוכן, זענען זיי דערגאנגען דעם סוד - די אידן האבן די הייליגע תורה! די תורה איז דאס וואס טראגט דורך די אידן דעם לאנגן און שווערן גלות, זייענדיג פארוואגלט דורך פארשידענע לענדער דורכאויס צענדליגער קאפיטלען אין די היסטאריע. די וועלט האלט זיך אין איין טוישן און קולטורן טוישן זיך כסדר, אבער דער גלות-איד רירט זיך נישט קיין איין טראפ דורכאויס דעם לאנגן גלות פון איבער צוויי טויזנט יאר, און דער סוד צו דעם איז די תורה פון די אידן.

יעצט מוזן זיי שוין געוואוירוווערן וואס עס שטייט דארט אין די תורה; אפשר קענען זיי ברענגען דאס גליקליכע און פריילעכע תורה-לעבן פאר די דרום קאריאישע מענטשן, אז זיי זאלן עס אויך האבן.

נאכן זיך גוט דערגרונטעוועט, זענען זיי דערגאנגען אז די תורה איז א קוואל וואס האט נישט קיין סוף. ס'איז דא תורה שבכתב און תורה שבעל פה, און דערין זענען פאראן פשט, רמז, דרוש, און סוד

- די פיר וועגן פון פרד"ס וויאזוי מען קען לערנען. ס'דא תורת הנגלה און תורת הנסתר, און זיי האבן געזען אז זיי ווייסן נישט וואו אנצוהייבן. זענען זיי געגאנגען פארשן וואס די אידישע תלמידים לערנען אין די ישיבות, און זיי זענען געוואר געווארן אז דאס איז א ספר וואס הייסט תלמוד - די הייליגע גמרא.

זיי האבן זיך איינגעהאנדלט א גמרא און געדינגען א דאלמעטשער וואס זאל דאס פאר זיי איבערטייטשן, און זיי זענען ממש געבליבן געפלעפט פון די חכמה וואס ליגט אין דעם אידישן ספר. אזש זיי האבן מחליט געווען אז דאס איז טאקע וואס האלט די אידן אין גלות, וויבאלד זיי האבן אזא קלוגע ספר מיט אזוי פיל חכמה. דעריבער האבן זיי באשלאסן איבערצודרוקן דעם תלמוד אין זייער שפראך און עס אריינשטעלן אין דעם ארטיגן קאריקולעם, כדי זייערע קינדער זאלן אויך אויסוואקסן קלוגע מענטשן און גוטע ביזנעסלייט, און בעיקר זיין פרייליכע מענטשן וואס גייען אין די וועגן פון זייערע עלטערן און זאלן זיך נישט שטויסן קעגן זיי.

וואס זיי האבן אבער פארזען איז, אז כאטש די הייליגע גמרא איז טאקע פול מיט אלע חכמות וואס זענען נאר פארהאן, איז אבער נישט דאס אונזער סוד - אז מיר לערנען בלויז גרויסע חכמות...

אונזער סוד איז, אז מיר זענען געשטאנען ביים בארג סיני און געשריגן "נעשה ונשמע" - קודם וועלן מיר טון און נאכדעם וועלן מיר הערן. די תורה איז פאר אונז נישט קיין אקאדעמישע שטודיע; די תורה איז אונזער וועג פון לעבן.

דער ראש ישיבה פארציילט די מעשה וואס ווערט געברענגט אין ספר "רחמי האב" איבער א איד וואס איז געווען א פשוט'ער שוסטער. זיין גאנץ לעבן האט ער געזאגט בלעטער גמרא אן פארשטיין קיין איין ווארט, דאך האט זיין פנים געשיינט ווי די גרויסע צדיקים. דאס איז וויל די תורה איז נישט קיין אקאדעמישער לימוד וואס מען לערנט כדי צו ווערן א שטודירטער חכם, נאר די תורה איז אונזער וועג פון לעבן.

מיר האבן נישט קיין אייגענעם וועג פון טראכטן; מיר טראכטן מיט די תורה דורך פרעגן "דעת תורה", און מיר פירן זיך אויף על פי תורה. דער אייבערשטער האט נאר אונז אידן אויסגעקליבן פאר די מתנה פון די הייליגע תורה.

ווען איך זאג א בלאט גמרא, ווערט מיין יצר הרע פארברענט. אבער ווען דער גוי אין קאריע לערנט א בלאט גמרא, בלייבט ער דער זעלבער טמא'נער גוי ווי פריער, מיט די זעלבע תאוות רעות.

ווען איך זאג די ווערטער פון די תורה, ווער איך פרייליך. ווען דער גוי טמא אין דרום קאריע שטודירט די חכמה פונעם תלמוד, בלייבט ער פונקט אזוי אין א מרה שחורה ווי פארדעם.

די סגולה פון די תורה און דאס תורה-לעבן איז א מתנה נאר פאר אונז, דער עם הנבחר, וואס נעמען אויף זיך דעם עול תורה אלס א וועג פון לעבן!

היכל הקודש איז אן אויסערגעוויינלעך געשמאקע און באטעמטע ווינקל. דא געפינט זיך א ראש ישיבה וואס זארגט פארן וואוילזיין פון יעדן איינעם, און ער גיט איבער הערליכע קאריזמאטישע שיעורים. דאס פלאץ דא איז לופטיג, מ'לאזט די מענטשן אטעמען, און אין חדר זענען פארהאן די בעסטע מלמדים וואס שלאגן נישט די קינדער; ס'איז באמת האניגדיג און צוקערדיג.

אבער אויב דו ווילסט קענען הנאה האבן פון די אלע שיינע זאכן, און דו ווילסט אז דיינע קינדער זאלן אויך דא פארבלייבן און לעבן דעם "היכל הקודש לעבן", דאן איז נישט גענוג בלויז צו "זיין דא" און הנאה האבן פון די געשמאקע זאכן, נאר מ'דארף עס אננעמען אלס א וועג אין לעבן.

די זאך פון התבודדות איז נישט עפעס וואס "מאכט סענס" און דעריבער טו איך עס... נאר דאס איז מיין לעבן אליין.

די דרך הלימוד איז נישט בלויז א זאך וואס איך הער און עס בלייבט דארט, נאר איך קנאק פרקים משניות און דפים גמרא למעשה.

די שיעורים זענען נישט עפעס וואס איך הער און איך זאג בלויז "פשששש, דער ראש ישיבה רעדט דאך אזוי צום זאך" און דערנאך גיי איך ווייטער אן מיט מיין לעבן פונקט ווי פריער... נאר די שיעורים זענען מיין וועג צו לעבן, מיין לופט צו אטעמען, און מיין גאנצע סיסטעם וויאזוי צו טראכטן.

די זאך פון היכל הקודש איז נישט קיין אקאדעמישע זאך וואס מ'האלט דערפון אבער מ'לעבט נישט דערמיט, נאר דאס איז מיין וועג פון לעבן: נאכצוגיין דעם וועג פון צדיקים און פאלגן וואס די צדיקים זאגן!

**אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!**

# געשעענישן

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב



**דער דיין שליט"א ביים לערנען אין זיין דירה אין מירון - ב' בהר בחקותי**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**חדר פירן פון הילד אפרים פישל ני"ו בן מו"ה ישראל קרויס הי"ו אין תלמוד תורה אין וויליאמסבורג - ד' בהר בחקותי**

קרעדיט: יענקי פיש





**דער דיין שליט"א אויף א באזוך אין די בית הדפוס אין בני ברק - ד' בהר בחקותי**

קרעדיט: יוסי פרערויא






**אנגעקומען נייע מאשינען ביים בית הדפוס אין בני ברק - ד׳ בהר בחקותי**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש



**מו"ה יעקב משה אינדארסקי הי"ו ביים לערנען מיט זיינע חברותות - ד׳ בהר בחקותי**



**דער דיין שליט"א ביים ציון פון מוהרא"ש זי"ע אין יבנאל - ד׳ בהר בחקותי**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**דער דיין שליט"א ביים לערנען אין שטוב פון מו"ה יואל לעווי הי"ו אין בני ברק - ד׳ בהר בחקותי**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**דער דיין שליט"א ביים אנקומען צום עירפארט אויפן וועג אהיים פון ארץ ישראל - ד׳ בהר בחקותי**

קרעדיט: יוסי פרערויא




**ליל שישי שיעור אין שטעטל - ה' בהר בחקותי**

קרעדיט: שמעון פאטריגאל



**האלאקע פון הילד שמעון ני"ו בן מו"ה שלמה מינצבערג הי"ו ביי הרה"צ רבי יצחק לעזער שליט"א אין יבנאל - ב' בהר בחקותי**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**די בחורים פון ישיבת היכל הקודש וויליאמסבורג ביים ציון פון די רב הכולל זי"ע און די יאמפאלע רב זי"ע - ה' בהר בחקותי**





**חדר פירן פון הילד שמעון ני"ו בן מו"ה שלמה מינצבערג הי"ו אין תלמוד תורה בית שמש - ב' בהר בחקותי**

קרעדיט: שלמה מינצבערג





**די מיטעלסטע כיתה פון תלמוד תורה בית שמש אויף א שפאציר - ב׳ במדבר**

קרעדיט: שלמה מינצבערג









**א בליק אריין אין ישיבת היכל הקודש ירושלים עיה״ק - ד׳ במדבר**

קרעדיט: יוסי פרערויא



**אנגעהויבן גראבן פאר די נייע בנין אין אומאן - ד' במדבר**

קרעדיט: יצחק יונה זאבעל



**די טייערע בחורים ביים העלפן אריין שלעפן די שבועות הופה אין שטעטל - ה' במדבר**

קרעדיט: ישראל פוקס





**הבה"ח משה ברילל נ"י ביים אינסטאלירן צוויי נייע סינקס אין תלמוד תורה היכל הקודש בית שמש צוליב די וואוקס פון תלמידים קע"ה - ה' במדבר**

קרעדיט: שלמה מינצבערג



**מנחה און יום כיפור קטן אין ישיבה - ה' במדבר**

קרעדיט: יוסף מאיר אריה



**אין א שמועס מיט די בחורים נאכן שיעור - ד' במדבר**

קרעדיט: יוסף מאיר אריה

ALPHAITIS.COM

א העכסט דראמאטישע שפיל מיט א גוטע ענדע.



# לעבנסגעשיכטע

פרטים וועלן נאכפאלגן

בס"ד
שבועות
אויסגאבע # 19

# אינדערהיים



## אויף בערגיגע וועגן

פון קאסטא ריקא ביז ניו יארק / **די לאנגע נסיון פון נישט האבן קיין קינדער** / געטראפן א קונטרס פון ברסלב / די פייגל רופט / **מיין נסיעה קיין אומאן.** לייענט די הארציגע אמונה'דיגע געשיכטע פון די חשובע גיורת **מרת בערגמאן תחי'.**

**הגר הגר אתכם**

## אשת חבר

שמועסן מיט די חשובע ווייבער פון אונזערע מלמדים / **די שוועריקייטן וואס קען זיך מאכן** / וויאזוי מ'קאווערט די חודש / **די זכיה וואס מ'האט צו העלפן דעם מאן** / די גריסן וואס מ'הערט צוריק.

**ותלמוד תורה כנגד כולם**

אלעס איז איר צו פארדאנקען
**מ. פאפנהיים**

וואס טוט מען מיטן "אבער"?
**ש. טראכטער**

וואו טרעפט מען דאס גליק?
**ג. פעקעטע**

# אינדערהיים






**בס"ד**
שבועות
תשפ"ו
**נומער 19**

**ראדאקציע:**
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. פ. וועבערמאן
ש. ל. פליישמאן
ח. שטיינבערג
ל. וועבערמאן
ל. סאקס
מ. פאפנהיים
ל. לב
מ. סופר
מ. פעדער



**845.379.1161**

136 Huschke Rd
Hurleyville NY 12747

**Inderheim@bletelmagazine.com**
**Kinderheim@bletelmagazine.com**

קול ברסלב:
**212.444.9191**

אידישע שטוב:
**212.444.9169**

מ. פעדער



# אינטערעשטעלטע וואלקענעס

"מאַמי קוק, דאָרט איז דאָ אַ פּאַרק, דו לאָזט אונז גיין?"

חיה שרי קוקט אין דער ריכטונג וואו אירע קינדער ווייזן אָן; גאַנץ אַ גרויסער פּאַרק. עס קען זיין אַ גוטער געדאַנק די קינדער זאָלן זיך קענען אביסל אויסגעבן.

"קומט, לאָמיר גיין," נעמט זי זיי פאָרזיכטיג אַריבער די גאַס, און זיי גייען אַריין אינעם פּאַרק.

חיה שרי זעצט זיך אַוועק אויף איינע פון די בענק און באַטראַכט אירע קינדער ווי זיי לויפן אַרום פריילירכערהייט.

שכח אייבערשטער פאַר מיינע געזונטע קינדער!

מיטאַמאָל דערגרייכט אירע אויערן אַ שמועס צווישן צוויי פרויען וועלכע זיצן אַ פּאָר בענק אָפּגערוקט פון איר.

"ליבי, דאס עסטו?" הערט זי די ערשטע פרוי זיך אנרופן. "דו ווייסט וויפיל שעדליכע כעמיקאלן עס ליגן אין דעם? אפגערעדט פון די צוקער וואס ס'האט. ביי מיר אינדערהיים לאז איך נישט אריינברענגען אזעלכע זאכן; אלע מחלות קומען ל"ע פון דעם."

חיה שרי הערט ווי די צווייטע פרוי ענטפערט איר מיט א רואיגע שטימע: "דאס איז נישט קיין שעדליכע עסן. איינמאל דאס איז א עסן וואס איך ענדזשוי און עס מאכט מיר פילן גוט, איז נישט קיין פראבלעם דאס צו עסן. צוקער איז גוט פארן קערפער, אבער פארשטייט זיך מיט א מאס. און אויב מאך איך א ערליכע ברכה און איך דאנק דעם אייבערשטן אויף די עסן - גייען אלע גוטע וויטאמינען אריין אין מיין קערפער און אלע שעדליכע זאכן ווערן פארשוואונדן."

דאס האט שוין געסאונדט אינטערעסאנט.

חיה שרי דרייט זיך אויס מיט נייגער צו זען ווער די פרוי איז. זי זעט א פרוי

וואס קוקט אויס ווי א וואוילע, איידעלע פרוי, האלטנדיג אין איר האנט א זיסע נאש; לויט וויפיל זי האט געהערט, הייסט זי ליבי. נעבן איר זיצט א פרוי מיט א ערנסט פנים, מיט א קאפ וואסער אין איר האנט, און געבט איר צו פארשטיין דאס שעדליכקייט פון צוקער און קאלערינג.

חיה שרי הערט ווי די פרוי רעדט ווייטער און רעכנט אויס פונקטליך וועלכע מאטריאלן עס ליגן אין דעם נאש און וואס פונקטליך דאס טוט צום קערפער, וועלכע מחלות עס קומען פון עסן ווייסע מעל, און וויאזוי מען קען וויסן וועלכע פרוכט און גרינס זענען עכט ארגאניש.

זי פילט ווי איר קאפ דרייט זיך שוין פון הערן די נעמען פון אזוי פיל מחלות.

”דו קענסט זיך פשוט נישט אויס אין דעם פעלד,” זאגט די ערנסטע פרוי, זעענדיג ווי ליבי ווערט נישט נתפעל פון אירע ווערטער. ”איך האב גוט אדורכגעלערנט אלע די נושאים; דו ביסט פשוט נישט באוואוסזיניג צו וואס עס טוט זיך אפ אויף דער וועלט.” די פרוי'ס שטימע ווערט העכער.

”לאמיר זאגן, ווען דו קוקסט ארויף צום הימל און דו זעעסט וואלקענעס, וועסטו מיט דיין תמימות גלייבן אז דאס זענען עכטע וואלקענעס. איך אבער, וואס האט שוין פיל געליינט דערוועגן, אויף מיר קען מען נישט ארבעטן; איך ווייס אז דאס איז נישט עכט. דאס איז עפעס וואס די שטאט שטעלט אן ווייל זיי ווילן עס זאל רעגענען.

אזוי אויך ווען ס'איז פארנעפלט, איז א סכנה ארויסצוגיין אין גאס, ווייל דאס פארשפרייט פיל שעדליכע מאטריאלן וואס קענען חלילה פארגיפטן אדער ברענגען שווערע מחלות רחמנא לצלן.”

ליבי קוקט נישט אויס צו זיין דערשראקן. זי שמייכלט צו די פרוי און ערקלערט איר: ”ווען איך קוק ארויף צום הימל, דערמאן איך זיך פונעם אייבערשטן. וואלקענעס, רעגן, נעפל - דאס אלעס מאכט נאר דער אייבערשטער, און עפעס וואס קומט פונעם אייבערשטן קען נישט זיין שעדליך.”

חיה שרי זעט ווי די פרוי טראפט אריין א פאר טראפנס אין איר קאפ און טרינקט עס שטייטליך אויס. ”דאס איז א נאטורליכע זאך,” ערקלערט זי, ”דאס ווערט געמאכט פון ספעציעלע געוויקסן וואס העלפן זיך צו בארואיגן; דאס נעמט אוועק די זארג און די פחדים.”

די פרוי ענדיגט טרינקען און גייט צוריק צום נושא.

”דו דארפסט וויסן וואס עס טוט זיך אויף דער וועלט, דו דארפסט וויסן זיך אכטונג צו געבן.”

ליבי קוקט איר אן מיט אירע רואיגע אויגן און ערקלערט איר מיט אן איידעלע שטימע:

”שלמה המלך, דער חכם מכל אדם, זאגט אונז אזוי: 'מוסיף דעת מוסיף מכאוב' - ווי מער מען ווייסט, אלץ מער קאפוויי האט מען.

וואס פעלט מיר אויס דאס אלעס צו



וויסן, אויב איך וועל שפעטער ווערן אזא אנגעצויגענע און דערשראקענע מענטש אז איך וועל דארפן נעמען זאכן זיך צו בארואיגן?

לאמיר ענדערש גיין מיט א תמימות, לעבן א רואיג לעבן, ענדזשויען דעם אייבערשטנ'ס וועלט, אן זיך צו דרייען מיט זארג אז די וועלט גייט אונטערגיין צוליב די פלעסטיק בעגס, אדער אז מען טאר נישט נוצן קיין סעלפאון ווייל עס שאדט פארן הארץ.

אנשטאט זיך צו זארגן פארן אריינגעמען עפעס אין מויל און קוקן אויפן פעקל וועלכע שעדליכע מאטריאלן עס האט, קוק איך צי עס האט א גוטן הכשר, איך מאך אן ערליכע ברכה, און איך עס געזונטערהייט.

און פארשטייט זיך אז איך רעד נישט דא פון א פאל וואס א מענטש איז נישט געזונט, וואס דעמאלט קען ער נישט עסן וואס ער וויל, נאר ער דארף פאלגן דעם דאקטער און היטן אויף זיין געזונט."

ליבי שטעלט זיך אויף, ווי צו ווייזן אז זי יאגט זיך אהיימצוגיין, און הייבט אן רופן אלע קינדער צו איר.

חיה שרי באטראכט איר מיט נייגער; אזא קלארקייט און זיכערקייט קען מען נאר באקומען נאכן הערן אסאך שיעורים. דער שכל וואס זי רעדט איז אזוי פאסיג פאר היכל הקודש.

אפשר וועל איך זיך קענען אביסל מחזק זיין מיט איר און שמועסן שיינע זאכן.

זי מאכט אפ צוצוגיין צו ליבי'ן און פרובירן כאפן א שמועס מיט איר.

"איך האב געהערט ענקער שמועס," זאגט זי צו איר, "פון וואו האסטו אזא קלארקייט אין מח? דו לייענסט אפשר די גליונות פון היכל הקודש?"

ליבי'ס פנים האט אויפגעשיינט. "וויאזוי ווייסטו?" פרעגט זי פארוואונדערט. זי זעצט זיך צוריק אוועק אויפן באנק; זי יאגט זיך שוין מער נישט אין ערגעץ.

זי הייבט אן דערציילן וויאזוי א שכנ'טע האט איר איין טאג געגעבן א גליון וואס איז איר שטארק געפאלן, און זייט דעמאלטס שיקט זי איר עס יעדע וואך. זי מיט איר מאן זענען זיך ממש מחי' דערמיט אוןווארטן דערויף א גאנצע וואך.

"מיין גאנצע לעבן האט זיך געטוישט," דערציילט זי איר, "מיין אמונה האט זיך אזוי געשטארקט, אונזער שלום בית האט זיך איינגאנצן געטוישט, און די גאנצע שטוב האט זיך איבערגעדרייט צום גוטן: די וועג פון מחנך זיין די קינדער, מיין אייגענע התנהגות, און די גאנצע בליק וויאזוי איך קוק אן זאכן.

**"איך האב געהערט ענקער שמועס," זאגט זי צו איר, "פון וואו האסטו אזא קלארקייט אין מח? דו לייענסט אפשר די גליונות פון היכל הקודש?"**

בעצם האט זיך די מציאות פון מיין לעבן נישט געטוישט, די שוועריקייטן זענען נאך אלץ דא, אבער יעצט האב איך די כלים זיך צו פארמעסטן. איינמאל איך בין אנגעקומען צום צדיק, זע איך אז דער צדיק האט א עצה פאר יעדע זאך; מען בלייבט מער נישט סטאק, עס איז שטענדיג דא א וועג ארויס."

ליבי'ס קינדער זענען שוין אלע דא; זי געזעגנט זיך פון חיה שרי און הייבט אן אהיימצוגיין.

חיה שרי באטראכט אירע לעבעדיגע קינדער ווי זיי האבן הנאה פון יעדע מינוט. זי שמייכלט מיט נחת, זעענדיג ווי איר זון האלט שטארק אן זיין קאפל עס זאל חלילה נישט אראפפאלן בשעת'ן לויפן.

שכח אייבערשטער וואס מיר האבן זוכה געווען צו קומען צום צדיק!" טראכט זי צו זיך. מען קען אפילו נישט אויסרעכענען די אלע גוטע זאכן וואס מיר באקומען דא, וואס פאר יעדע איינס פון זיי אליין האט זיך שוין געלוינט מקורב צו ווערן.

פאר דעם אליינס, צו קענען האבן אזא קלארקייט אין מח און נישט ווערן דערשראקן פון יעדע צווייטע בעל דמיון, פאר דעם אליינס האט זיך שוין אלעס געלוינט. צו קענען לעבן מיט וואס שלמה המלך לערנט אונז - "הכל הבל" - ס'איז דאך אלעס נארישקייטן; אלעס איז דער אייבערשטער, עס איז נישטא קיין טבע, מקרה אדער מזל, עס איז אלעס נאר דער אייבערשטער און אלעס ווערט געפירט דורך אים.

פאר די דאזיגע קלארקייט אין מח און פאר דעם שכל אליין, האבן זיך שוין אלע מניעות געלוינט.

חיה שרי גרייט זיך אהיימצוגיין, ווען אין איר מח זינגט זיך דאס ניגון:

**אוי אוי אוי אוי, האט זיך עס געלוינט!**

**אוי אוי אוי אוי, האב איך פארדינט...**"

ש. טראכטער



# אויף
# בערגיגע
# וועגן



# אריינפיר

**פון קאסטא ריקא ביז ניו יארק האט איר נשמה געדורשט צו שפירן אביסל נאנטקייט צום אייבערשטן. זי איז אן איינגעשטעלטע אין די גרעסטע פירמעס אין שטאט, און פירט א שטאב פון צענדליגער ארבעטער, אבער זי האט נאר איין בעל הבית - דער אייבערשטער! זי האט געטראפן דעם רבינ'ס ספרים אין א באן סטאנציע אין ניו יארק, און זי זעט נסים ונפלאות דורך התבודדות.**
**לכבוד יום טוב שבועות ווען מיר זענען אויסגעוועלט געווארן אלס דער עם הנבחר, ברענגן מיר אייך א קליינע בליק אריין אין די אייגנארטיגע און גייסטרייכע לעבן פון מרת. אסתר בערגמאן תחי'.**
**ליינט איר געשיכטע, און לאמיר אלע פון דאס ניי מקורב ווערן צו אונזער תורה, אונזער בורא, און צום לעכטיגקייט פונעם הייליגן רבי'ן.**

איך ווייס אז איר ערווארט צו ליינען מיין אינטערעסאנטע און רייכע היסטאריע, וויאזוי איך האב זוכה געווען זיך מגייר צו זיין און קומען אונטער די פליגלען פונעם אייבערשטן, תחת כנפי השכינה. איך בעט אייך אבער איבער פון פאראויס, ווייל לויט די הוראה פון אונזער מורה דרך אונזער רב, רעד איך דערווייל נישט וועגן מיין גיור.

אזויפיל קען איך אייך יא זאגן, אז מיר האבן ב"ה געהאט די זכיה זיך מגייר צו זיין מיט איבער צוואנציג יאר צוריק. מיין מאן און איך זענען שוין געווען חתונה געהאט אין קאסטא ריקא (אויפן בילד), און אונזערע מ"ב מסעות האבן אונז געפירט ביז קיין ניו יארק. (אין די לאטינא לענדער איז בערך 125 יאר צוריק ארויס א גזירה אז מען טאר נישט מגייר זיין קיין מענטשן אין יענע לענדער, דעריבער ווער עס וויל זיך מגייר זיין מוז ארויספארן פונעם לאנד.)

## אונזערע ערשטע יארן אין ניו יארק

מיר זענען דאן געקומען קיין ניו יארק, וואו מיר האבן געהאט די זכיה צו ווערן א חלק פונעם עם הנבחר. פילע מעשיות זענען שוין געדרוקט געווארן איבער מענטשן וואס האבן געהאט די זכיה זיך מגייר צו זיין. עס איז אבער ווייניג געשריבן געווארן איבער דעם פאקט, אז נאך די ערשטע תקופה פון גליק און התעלות, קומט א תקופה וואס קען צומאל דויערן יארן, אין וועלכע מען 'פילט' גארנישט. מען שפירט מער נישט דעם פארשיכור'טן געפיל פון גליק און די 'גן עדן' לופט וואס מען האט געשפירט גלייך אין אנהייב; עס גייט אריבער א לאנגע צייט וואס מען דינט דעם אייבערשטן אן קיין שום געפילן.

איך שרייב דאס ווייל דאס פאסירט נישט נאר ביי א גר, נאר ביי יעדן איד וואס שטייגט אין רוחניות – בפרט ווען מען איז זוכה צו טרעפן דעם הייליגן רבי'ן. מען שפירט צוערשט אזא מין

**איך בין ארויס פון דאקטערס אפיס צושאקלט, אבער מיט אן אייזערנער עקשנות. איך בין אנגעקומען אהיים און אנגעהויבן צו וויינען אן אויפהער. איך האב געוואוסט אז נאר דער אייבערשטער גיט קינדער.**



אויסגעלייזטקייט, פרייד און דערהויבנקייט, אבער נאכדעם קומט א תקופה ווען מען שפירט זיך אזוי אויסגעלאשן און אויסגעשלאסן.

יעדער איינער וואס זוכט עבודת השם גייט אריבער די תקופה וואס צוערשט איז מען זייער צופלאמט, אבער שפעטער קומט א צייט ווען די התלהבות גייט אריבער, און דאן איז די עכטע נסיון צו זען אויב מען האלט זיך ווייטער אן. אזויווי דער הייליגער רבי שרייבט אין ספר המדות (אות תשובה, סימן ע"ו): הַמַּתְחִיל לַעֲבֹד אֶת ה', הַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא אוֹמֵר לוֹ: יוֹדֵעַ אֲנִי, שֶׁחֶפְצְךָ וּרְצוֹנְךָ לַעֲבֹד אוֹתִי, אֲבָל מַה הוּא הַבְּטוּחוֹת שֶׁמָּא לְמָחָר תַּעֲזֹב אוֹתִי, אִם כֵּן אֵיךְ אֲקָרֵב אוֹתְךָ בִּשְׁבִיל הָרָצוֹן שֶׁרָצִיתָ, וְאֵיךְ אֲגַלֶּה לְךָ תֵּכֶף דְּבָרִים נִסְתָּרִים, אֶלָּא כֵּן תַּעֲשֶׂה: בִּתְחִלָּה אֱהַב אוֹתִי כָּךְ וְתַעֲשֶׂה מִצְווֹתַי, אַף-עַל-פִּי שֶׁאֵין אַתָּה יוֹדֵעַ הַשֵּׂכֶל שֶׁל הַמִּצְוָה, וַעֲבֹד אוֹתִי פָּשׁוּט בְּלֹא חָכְמוֹת, וּכְשֶׁתַּעֲבֹד אוֹתִי כַּמָּה זְמַנִּים, אֲזַי אַאֲמִין לְךָ וַאֲגַלֶּה לְךָ טַעַם וְשֵׂכֶל שֶׁל כָּל דָּבָר וְדָבָר וַאֲקָרֵב אוֹתְךָ בְּכָל מִינֵי הִתְקָרְבוּת, כִּי הַזְּמַן הָרַב שֶׁעֲבַדְתָּ אוֹתִי מִקֹּדֶם הוּא בְּטוּחוֹת, שֶׁלֹּא תַּעֲזֹב אוֹתִי [הֵן אֱמֶת].

ווען א מענטש הייבט אן צו דינען דעם אייבערשטן, זאגט אים דער אייבערשטער: "איך ווייס אז יעצט ווילסטו מיר דינען, אבער פון וואו ווייס איך אז מארגן וועסטו מיר נישט איבערלאזן? פארוואס זאל איך דיר מקרב זיין נאר לויט דיין יעצטיגן רצון און דיר מגלה זיין אלע סודות?" נאר דער וועג איז, אז צום ערשט דארף דער מענטש דינען דעם אייבערשטן און טון זיינע מצוות אפילו ער פילט נישט און פארשטייט נישט, און אים דינען פשוט אן קיין חכמות. און אז עס וועט אריבערגיין א לאנגע צייט וואס דו וועסט מיר אזוי דינען, דאן וועל איך דיר גלייבן און איך וועל דיר מגלה זיין דעם טעם און שכל פון יעדע זאך, און דיר מקרב זיין מיט אלע מיני התקרבות, טאקע ווייל דו האסט מיר געדינט אזוי לאנג אן צו שפירן, און האסט מיר נישט פארלאזט.

דאס איז אויך אמת ווען איינער קומט אן צו אידישקייט. דער וועג אריין איז פול מיט שטיינדלעך און נסיונות. א גיורת גייט דורך א תקופה פון איינזאמקייט און אסאך בלבולים און שוועריקייטן. איך האב זיך אסאך מחזק געווען אין יענע טעג אז "דער אייבערשטער, די תורה און אידישקייט זענען פערפעקט; מענטשן זענען נישט!" און איך דאנק דעם אייבערשטן אז איך האב זיך געקענט דערהאלטן.

## געב אויף! גייסט נישט האבן קיין קינדער

חוץ די געוועהנליכע שוועריקייטן פון זיך איינגלידערן און געוואוינען צו א נייע לעבנסשטייגער, האט אונז דער גוטער באשעפער צוגעגעבן אן אייגנארטיגן נסיון; מיר האבן נישט זוכה געווען צו קיין קינדער. פופצן יאר האבן מיר געווארט אויף קינדער. דאס זענען געווען זייער שווערע און ווייטאגליכע יארן. דורכאויס די יארן האב איך זיך געלערנט אסאך פאכן און באקומען דעגריס אין אסאך נושאים, אבער איך זאג אלעמאל אז מיין פי.עיטש.די. (PHD) אין אמונה האב איך ערייכט אין יענע יארן ווען מיר האבן געווארט אויף קינדער.

מיר זענען געגאנגען צו פילע דאקטוירים, אבער קיינער האט אונז נישט געקענט העלפן. ווען מיר זענען געווען ביים לעצטן דאקטער, א גאר גרויסער ספעציעליסט וואס האט אפגעקאסט ממון ודמים, האט ער מיר אריינגעקוקט אין די אויגן און געזאגט: ״אסתר, איך שפיר ווי עס איז א שאד צו ווארפן געלט אין מיסט. דו וועסט שוין קיין קינדער נישט האבן. געב אויף.״

איך בין ארויס פון דאקטער'ס אפיס צושאקלט, אבער מיט אן אייזערנער עקשנות. איך בין אנגעקומען אהיים און אנגעהויבן צו וויינען און וויינען אן א אויפהער. איך האב נישט געקענט און נישט געוואלט אננעמען די גזירה פון א בשר ודם. איך האב געוואוסט ביי מיר הונדערט פראצענט אז א דאקטער גיט נישט קיין קינדער, נאר דער אייבערשטער גיט קינדער.

איך בין נישט געווען גרייט זיך מבטל צו זיין צום דאקטער'ס פסק. איך האב געטראכט צו זיך: ״עס קען נישט זיין. איך בין דאך געבוירן צו זיין א מאמע. איך וויל געבן דאס וואס א מאמע געבט פאר א קינד; איך האב דאך אזוי ליב צו געבן פון זיך.״

איך האב געוויינט און געוויינט ביז איך בין איינגעשלאפן. איך האב זיך אויפגעוועקט דעם נעקסטן טאג מיט געשוואלענע רויטע אויגן.

איך האב זיך אפגעוואשן און אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן. איך האב אים געזאגט: ״אייבערשטער, עס טוט זייער וויי, עס ציפט שרעקליך. אבער אויב דאס איז מיין גורל און דאס איז וואס דו ווילסט, בין איך עס מקבל און איך וועל פרובירן אויסצופירן מיין תפקיד דאס בעסטע וואס איך קען. אבער איך בעט פון דיר דריי זאכן: די ערשטע זאך איז, אז איך וויל אלעמאל שפירן ווי דו ביסט ביי מיר, נעבן מיר און ארום מיר. איך וויל פילן דיין האנט יעדן טאג פון מיין לעבן. איך וויל אלעמאל פילן און געדענקן אז דו און איך זענען אין דעם נסיון צוזאמען, אז עס איז 'עמו אנכי בצרה.'

צווייטנס, בעט איך דיר אייבערשטער, מאך מיר פריילעך. עס איז אוממעגליך אריבערצוגיין דעם נסיון אויב איך שפיר נישט קיין שמחה, און איך אלס א בשר ודם קען נישט אליין זיין פריילעך אן דיין הילף.

און די דריטע זאך בעט איך דיר אייבערשטער: מיר ווייסן אין די אידישע היסטאריע אז נאר פאר צוויי מענטשן האסטו געהייסן אויפהערן מתפלל זיין. דו האסט געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל מער נישט מתפלל זיין אריינצוגיין אין ארץ ישראל, און דו האסט געזאגט פאר ירמיהו הנביא אז ער זאל נישט מתפלל זיין. מילא, ווילאנג איך הער נישט פון דיר א בת קול אז איך זאל אויפהערן מתפלל זיין פאר קינדער, וועל איך נישט אויפהערן. מיין גאנץ לעבן וועל איך בעטן פאר קינדער, חוץ אויב דו וועסט מיר הייסן אויפהערן.״

עס זענען אריבער פילע יארן. מיר זענען מער נישט געגאנגען צו קיין דאקטוירים, נאר צום רופא חולי עמו ישראל.

## קינדערלאז איז צווייט-קלאסיג?

עס איז געווען א תקופה פון פיל צער און ווייטאג. איך געדענק אז עס איז געווען איין זאך וואס האט מיר זייער געשטערט: די גמרא זאגט אז עס זענען פאראן דריי מענטשן וואס זענען גערעכנט ווי טויט - א בלינדער, אן ארימאן, און א מענטש אן קינדער. יעדעס מאל וואס איך האב דאס געהערט, האט עס מיר געשטאכן; איך האב זיך געפילט אזוי צווייט-קלאסיג.

איין מאל בין איך געווען ביי א שיעור און די רעדנערין האט נאכגעזאגט די גמרא. נאטירליך האבן זיך פילע קעפ אויסגעדרייט צו מיר מיט רחמנות. איך האב געפילט די ״נעבעכ'ס״ און די רחמנות'דיגע בליקן, און איך בין געווארן רויט פאר בושה און צער.

> **איך האב אים געזאגט: ״איך בין יעצט אזוי פארשעמט, אז איך וויל אויסנוצן די צייט און דיר געבן א ברכה.״**



נאך דעם שיעור האט די רעדנערין מיר געפרעגט: "איך האף אז עס האט דיר נישט ווי געטון וואס איך האב געזאגט?" איך האב געוואלט שרייען "יא, יא, יא!", אבער איך האב ארויפגעלייגט א פלעסטיק שמייכל און געזאגט מיט א פאלשע קלאסישקייט: "נע, זארג דיך נישט."

איך בין אהיימגעקומען און אנשטאט צו באגריסן מיין מאן, האב איך אויסגעבראכן אין א געוויין און אים דערציילט וואס עס איז אריבער. איך האב אים געזאגט: "איך בין יעצט אזוי פארשעמט, אז איך וויל אויסנוצן די צייט און דיר געבן א ברכה."

מיין מאן האט מיר דעמאלטס געזאגט אז ער מיינט אז איך לערן נישט אפ גוט די גמרא. די גמרא זאגט אז אויב עס איז חלילה נגזר געווארן אויף א מענטש טויט, טוישט עס דער אייבערשטער אויף איינע פון די דריי זאכן: ארימקייט, בלינדקייט, אדער אן קיין קינדער. דאס איז אייגנטליך א גרויסער חסד פונעם באשעפער, ווייל אנשטאט דער אייבערשטער זאל אוועקנעמען דעם מענטש און ער זאל מער נישט זוכה זיין צו טון מצוות און קונה זיין עולם הבא, טוישט דער אייבערשטער אויף דעם גזר דין, און דער מענטש קען נאך טון מצוות ומעשים טובים און בויען זיין חלק לעולם הבא.

ווען איך האב דאס געהערט, האט עס געטוישט מיין גאנצע בליק און איך האב זיך זייער בארואיגט.

נאך א זאך וואס פלעגט מיר מאכן אסאך חלישות הדעת איז געוועזן ווען איך האב געלערנט וועגן די הייליגע אמהות אז זיי זענען געוועזן עקרות, און חז"ל זאגן אז דער אייבערשטער האט זיי נישט געגעבן קיין קינדער ווייל "הקב"ה מתאווה לתפילתן של צדיקים" - דער אייבערשטער גלוסט און האט ליב די תפילות פון צדיקים. אין מיין צער האב איך געזאגט פארן אייבערשטן: "אייבערשטער, איך בעט דיר, לאמיר טרעפן אנדערע זאכן וואס דו האסט ליב, דער צער איז דאך שרעקליך!"

דאן האט מיר דער אייבערשטער אריינגעשיינט אין מח אז איך פארשטיי עס נישט ריכטיג. דער אייבערשטער האט אריינגעלייגט אין די די-ען-עי פון אונזערע אבות, אז מיט תפילה קענען מיר טוישן די טבע! מיט תפילה קענען מיר מאכן נסים! אונזערע הייליגע אמהות זענען געוועזן עקרות, זיי האבן נישט געקענט האבן קיין קינדער, און דאך האבן זיי געהאט קינדער, כדי אלע אידן אין אלע דורות זאלן געדענקען און האבן אמונה אין אונזער כח התפילה. און ווען איך רעד צו פרויען דערמאן איך זיי אז מיר פרויען האבן דאך "תשעה קבין שיחה", ניין מאס רייד, וואס מיר דארפן אויסנוצן אויף התבודדות ותפילה. מיר האבן אזא שטארקע כח אין אונזער מויל, און מיט תפילה קענען מיר און זענען מיר משנה טבע.

דעריבער, וואס איז שייך זיך צו זארגן? ווער גיט קינדער? ווער גיט א שידוך? ווער גיט פרנסה? ווער גיט שלום בית? אלעס איז נאר דער אייבערשטער. קיין בשר ודם קען דיר נישט העלפן און נישט שאדן מאכן. ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין... אין שום מציאות מבלעדיך יתברך כלל...

## אין די ניו יארקער סובוועי

איין טאג, פארנדיג צו די ארבעט דורך די טונקעלע ניו יארקער סובוועי, האב איך געליינט א בוך מיט'ן נאמען "IN THE FOREST HILLS" (אין די בערג פון די וועלדער). איך האב געליינט און געליינט, ביז איך בין אנגעקומען צו א שטיקל וואס רעדט פון התבודדות - פון אויסשמועסן אלעס מיט'ן אייבערשטן. איך האב גענומען דאס בוך, עס געלייגט אויף מיין פנים כאילו עס איז א סידור, און מיטגעשריגן אן א קול (אזוויי דער רבי שרייבט אין שיחות הר"ן ט"ז): "אייבערשטער, וואס מיינט התבודדות? וואס זאל איך דיר זאגן? דו ווייסט דאך ממילא אלעס..."

איך האב נישט געוואוסט וואס צו זאגן און וויאזוי צו זאגן, אבער איך האב יענע מינוט געשפירט ווי עפעס אין מיין הארץ האט זיך געעפנט.

דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה זינט איך בין געווארן א איד, אז יעדע זאך וואס איך האב געהערט אדער געזען האב איך געזוכט וויאזוי עס אויסצופירן לעובדא למעשה, (טאקע אזוויי דער הייליגער רבי האט געוואלט).

מילא, ווען איך האב עפעס געהערט אדער געליינט, האב איך געוואוסט אז דאס איז פאר מיר א פערזענליכע בת קול פונעם אייבערשטן. נישט אלעמאל האב איך עס געקענט אויספירן גלייך, אבער איך האב דאס אריינגענומען אין קאפ און געטראכט אז איין טאג וועל איך אנקומען דערצו.

## איך האב סעלף עסטים?

עס האט גענומען אפאר יאר, וואס אינצווישן האבן מיר ווייטער געווארט אויף קינדער, און איין טאג בין איך געווען ביי א קורס וואס האט געלערנט איבער די גרויסקייט און די תועלת פון "טראכטן פאזיטיוו".

איין שיעור איז געווען איבער "סעלף עסטים און זעלבסט-ווירדע". באמת האב איך געטראכט אז איך קען פארפאסן דעם קלאס, ווייל עס איז מיר נישט געווען וויכטיג. איך האב ב"ה א געזונטע זעלבסטזיכערקייט; געגלויבט דעם אייבערשטן, איך פיר אן גרויסע געשעפטן, איך בין דער פינאנציעלער אנפירער פון "חי לייפליין", און דורכאויס אלע יארן האט מיר 'קאנפידענץ' נישט געפעלט. איך האב ב"ה א שיין לעבן און איך שפיר זייער צופרידן



און זיכער, דעריבער האב איך געקלערט צו מיר: "דער שיעור איז נישט פאר מיר".

אבער דאך בין איך למעשה יא אנגעקומען. די רעדנערין האט געגעבן עטליכע סימנים צו זען אויב מען ליידט פון א מאנגל אין זעלבסט-שאץ, און זי האט געזאגט די פאלגנדע פונקטן: (איך זאג נישט א מיינונג אויב די זאכן זענען גערעכט אדער נישט... איך דערצייל פשוט מיין מעשה...)

1) עס פאסט דיר נישט צו נעמען געלט פאר דיין ארבעט אדער פאר דעם וואס דו טוסט פאר אנדערע. 2) דו קענסט נישט זאגן "ניין" פאר א צווייטן. 3) עס איז דיר שווער צו מאכן באשלוסן אליין, און דו פילסט אז דו דארפסט אז יעדער ארום דיר זאל מסכים זיין צו דיינע באשלוסן. 4) עס איז דיר שווער אנצונעמען ווען א צווייטער געבט דיר עפעס (עס פאלט דיר שווער צו נעמען טובות). 5) עס קומט דיר אן שווער אנצונעמען א קאמפלימענט; אויב איינער געבט דיר א גוט ווארט, ווערסטו פרובירן עס אוועקצומאכן. למשל, אויב איינער זאגט: "דיין קלייד איז הערליך," ווערסטו ענטפערן: "אה, עס איז א ביליגע זאך, איך האב עס געטראפן ממש אומזיסט..." אנשטאט פשוט צו זאגן "יישר כח."

איך האב זיך צוגעהערט און איך בין געווען שאקירט זיך צו טרעפן אין אירע ביישפילן. איך האב קיינמאל נישט געוואוסט אז איך לייד פון א מאנגל אין זעלבסט-זיכערקייט.

נאכן שיעור האב איך אסאך אריינגעטראכט. איך האב געטראכט צו זיך אזוי: אויב איך האב נישט זעלבסט זיכערקייט, דארף איך דאס אויפבויען. וויאזוי קען איך בויען? מיר ווייסן אז נאר דער אייבערשטער קען מאכן א "יש מאין" - מאכן א זאך פון גארנישט, אבער מיר מענטשן קענען נאר מאכן עפעס פון "א זאך" און בויען ווייטער אויף דעם.

ממילא, אויב איך וויל ווערן א בעסערע מענטש, דארף איך טרעפן "א זאך" אין מיר, ווייל פון 'גארנישט' איז נישט שייך צו בויען...(איך האב דעמאלסט נאך נישט געוואוסט פון רבינ'ס תורה אין ליקוטי מוהר"ן רפ"ב איבער נקודות טובות) און אנהייבן בויען אויף דעם.

## מיין שטערקסטע נקודה

האב איך געטראכט צו זיך: "וואס איז מיין שטערקסטע און שענסטע זאך, וואס איז מיין 'נקודה טובה'?"

און איך האב געוואוסט דעם ענטפער: "מיין שטערקסטע און שענסטע זאך איז אז איך בין א טאכטער פונעם אייבערשטן, ער האט מיר זייער זייער ליב און איך האב אים זייער ליב." דאס איז

**אינדערפרי זעץ איך זיך אוועק מיט א קאווע - "איך האב קאווע-צייט מיט'ן אייבערשטן".**

עפעס וואס קיין שום מצב אין די וועלט וועט נישט קענען מבטל זיין.

אבער וויאזוי קען איך דאס מאכן שענער און בעסער? מיין מח האט מיר צוריקגעפירט צו יענעם נאכמיטאג אין די ניו יארקער סובוויי (באן סטאנציע), און איך האב זיך דערמאנט פון התבודדות. אין יענע מינוט האב איך געוואוסט דעם סוד וויאזוי צו ווערן א "בעסערער מענטש", א "געזונטערער מענטש" און אוודאי א "ערליכער איד" - התבודדות. איך האב אבער געטראכט צו זיך: "דער ברסלב'ער רבי זאגט אז מען זאל נעמען א שעה א טאג און אויסרעדן דאס הארץ; וויאזוי שטופ איך אריין אין מיין פארנומענעם סדר היום א שעה א טאג?"

אבער מיט אסאך תפילה און עקשנות האב איך ב"ה אנגעהויבן מאכן יעדן טאג התבודדות, אבער באמת.

דאס האט געטוישט מיין גאנצע מהות, מיין גאנצע לעבן און מיין גאנצע עסק פון ווארטן אויף קינדער.

יעדן אינדערפרי זעץ איך זיך אוועק מיט א קאווע - "איך האב קאווע-צייט מיט'ן אייבערשטן". איך האב איין באשטימטן פלאץ וואו איך דערצייל אים אלעס. איך בין זייער אפן מיט'ן אייבערשטן; איך דערצייל אים אלע מיינע זארגן און דאגות, איך דערצייל אים מיינע חלומות און אלעס וואס איך דארף אלס און וויל טון. איך בעט אים פאר סייעתא דשמיא, עס איז נישטא קיין זאך אויף מיין הארץ וואס איך שמועס נישט אויס מיט אים.



איך זאג פאר מיינע חבר'טעס אז ביי זעקס אזייגער אינדערפרי (איך שטיי אויף פרי) זענען מיינע זארגן שוין פארווישט, און פון דאן אן בין איך "נאר פרייליך" (ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט).

איך ווייס מיט א זויבערע און לויטערע אמונה אז נאר דער אייבערשטער איז דער בעל הבית פון מיין טאג, און נאר דער אייבערשטער גיט הצלחה, חן און סייעתא דשמיא.

געלויבט דעם אייבערשטן אז איך האב אן אויסטערלישע הצלחה למעלה מן הטבע. פארוואס ערלויב איך זיך עס צו שרייבן אין אן ארטיקל? איך וויל דאך נישט עס זאל שאטן קיין עין הרע... נאר די סיבה איז ווייל מיין גאנצע הצלחה קומט נאר פון דעם וואס איך פארברענג מיינע יארן מיט די הייליגע זאך פון התבודדות, און דאס איז עפעס וואס דו קענסט אויך נאכמאכן. אויך דו קענסט זיך היינט אוועקזעצן פאר אפאר מינוט און אויסדערציילן אלעס וואס גייט אויף דיר אריבער.

איך ווייס אז ברסלב'ער חסידים איבער די וועלט גייען צומאל אריבער גאר שווערע מניעות. דארפן מיר זיך צוכאפן צו די עצה פון רבי'ן און דאס אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן, און אים בעטן אויף חן און סייעתא דשמיא, אז דער רבי זאל נישט זיין פארשעמט און עס זאל שוין זיין "והשיב לב אבות על בנים".

## ווער איז דיין בעל הבית?

לעצטנס בין איך געווען ביי א מסיבה מיט מיין מאן. דארטן האט

מיין מאן געטראפן מיין ארבעטסגעבער (מיין אמת'ער בעל הבית איז דער אייבערשטער). איך האב געזאגט פאר מיין מאן אז "ער איז מיין בעל הבית." מיין מאן איז געגאנגען מיט אים שמועסן און זיך באקאנט מאכן, אזוי שמועסנדיג פון מיין ארבעט רופט זיך אן מיין בעל הבית צו מיין מאן: "דו און איך ווייסן אז איר בעל הבית איז נאר דער אייבערשטער, איך בין אפשר בלויז דער מענעדזשער..."

מיינע גוי'אישע מיטארבעטער האבן א ווערטל, זיי זאגן מיר: "דו ביסט אפיציעל די 'טשיף פיינענשעל אפיסער' (הויפט פינאנץ פירער), אבער באמת ביסטו די 'טשיף פעיט אפיסער' (הויפט אמונה פירער)!"

און דער אמת איז אז עס איז טאקע אזוי. דער אייבערשטער איז מיין בעל הבית און איך שמועס אלעס אויס מיט אים. איך 'אפדעיט' אים כסדר מיט מיין הלך ילך, און אלע אנדערע מענטשן ארום מיר זענען פשוט 'פראפס' (צוגעהערן).

איינער האט מיר אמאל געפרעגט: "מיט וואס ביסטו זוכה אז דו זעסט אומנאטורליכע סייעתא דשמיא און הצלחה?"

האב איך געענטפערט אז איך קלער אז דער איינציגסטער זכות איז, אז דער אייבערשטער גיט מיר די געלעגנהייט און איך נעם עס! דער אייבערשטער איז אונז אלע מזכה מיט זכותים און געלעגנהייטן אין יעדע זאך, פון חסד ביז מזכה את הרבים און אלע אנדערע מצוות. מיר דארפן פשוט נעמען דעם זכות, אים דאנקען, און זיך אויסשמועסן מיט אים. די וועלט איז פול מיט געלעגנהייטן פאר מצוות און מעשים טובים, קליינע און גרעסערע: א שמייכל פאר א קינד, כיבוד אב ואם, התגברות אין צניעות, אויסהערן א צווייטן... וכו'. מיר דארפן נאר זען און באמערקן, און ווי מען זאגט אין ענגליש "סטעפ אפ טו איט". (נעם עס!)

## א חלום

צוריק צו מיין געשיכטע, דערווייל ווארטן מיר נאך געהאלפן צו ווערן מיט קינדער. איין נאכט האב איך געהאט אן אינטערעסאנטן חלום. איך זע ווי מיין מאן און איך שפאצירן ארויס פון אונזער הויז, און איך באמערק אין די וואנט א נעסט מיט א ווייסע טויבעלע אינעווייניג. אין מיין חלום פרעג איך מיין מאן אויב מיר דארפן מקיים זיין די מצוה פון שילוח הקן. מיין מאן זאגט מיר: "יא, אוודאי." פרעג איך ווייטער מיין מאן אויב מיר דארפן מאכן א ברכה, אבער מיין מאן האט נישט געוואוסט און ער זאגט מיר: "לאמיר גיין פרעגן הרב גורניש זצ"ל (אונזער רב)."

אין חלום האבן מיר אנגעהויבן גיין און גיין, ביז מיר זענען אנגעקומען צום רב. מיר האבן אים געפרעגט אויב מען דארף מאכן א ברכה, און דער רב האט אונז געזאגט אז יא. דערנאך האבן דער רב מיט די רביצין אונז אנגעהויבן באגלייטן צוריק צו אונזער הויז. אונטער אונז האבן שפאצירט טויזנטער מענטשן מיט בענקלעך אין די הענט, וואס זענען געקומען מיטהאלטן דעם מעמד.

אלע האבן זיך אויסגעזעצט, און איך האב גענומען א צווייג און עס איבערגעגעבן פאר מיין מאן (דאס אלעס איז אין חלום). מיין מאן האט דאס איבערגענומען, געמאכט די ברכה, און געגעבן א קלאפ אויפן נעסט צו פארטרייבן די מאמע פייגל.

דערנאך האט ער ארויסגענומען דאס איי און עס איבערגעגעבן פארן רב. דער רב האט דאס איבערגעגעבן מען זאל מיר עס אהינגעבן, און איך האב דאס איבערגענומען און אריינגעלייגט אין מיין טאש.

...און איך האב זיך אויפגעוועקט! איך האב געדענקט דעם חלום מיט א מורא'דיגע קלארקייט, כאילו איך האב עס טאקע מיטגעלעבט.

מיר זענען שנעל אריבער צו אונזער רב, וועלכער האט אונז געזאגט אז עס איז כאילו מיר האבן מקיים געווען די מצוה, אזויווי מען זעט טאקע צומאל אז א חלום האט אן אמת'ע קראפט. מיר זעען ביי שלמה המלך אז מען האט אים געפרעגט אין הימל אויב ער וויל אריכות ימים, עשירות אדער חכמה, האט שלמה המלך געענטפערט: "ונתת לעבדך לב שמע לשפט את עמך להבין בין טוב לרע" - איך וויל חכמה צו קענען משפט'ן אידישע קינדער. ווי דער נביא דערציילט, איז שלמה המלך אויפגעשטאנען און גלייך געזען אז ער פארשטייט שיחת חיות ועופות (די שפראך פון חיות און פייגלער).

דער רב האט זיך נאר געוואונדערט אויף איין זאך. ער האט אונז געזאגט אז די סארט ווייסע טויבן לייגן געווענליך צוויי אייער אויפאמאל, און ווען די טויבן ווערן געבוירן האבן זיי חתונה צווישן זיך און ברענגען נאך טויבן. דער רב האט אונז געזאגט אז דערריבער איז דא א מנהג ביי געוויסע קהילות ירושלים אז ביי א חתונה סערווירט מען טויבן פלייש, וואס ווייזט אויף ליבשאפט.

דער רב האט זיך געוואונדערט צי דאס וואס איך האב אין חלום נאר געזען איין איי, הייסט אויך יוצא געווען די מצוה. ער האט ארויסגענומען א גמרא, נאכגעקוקט, און אונז געזאגט אז יא, מען איז יוצא די מצוה אפילו מיט איין איי אויך.

אויך האט ער אונז געזאגט אז מיר זאלן זיך משתדל זיין טאקע צו טון שילוח הקן. מיר האבן געפרעגט דעם רב וויאזוי עס איז שייך, און ער האט אונז פארבינדן מיט א איד וואס געבט זיך אפ מיט די זאכן; ער געפינט נעסטן אין הפקר'דיגע פלעצער, און אזוי וועלן מיר

קענען פאקטיש מקיים זיין די מצוה. מיר האבן אים גערופן, אבער ווען ער איז געווען אוועיליבעל זענען מיר פונקט נישט געווען, און אזוי אויך פארקערט. א לאנגע צייט זענען מיר געווען פארנומען זיך 'נאכצולויפן', ביז מיר זענען פארנומען געווארן מיט אנדערע זאכן און די מעשה מיט'ן חלום איז פארבייגעלאפן... ווי א חלום!

## די פייגל קומט מיר רופן

נאך אפאר איינזאמע יאר איז אריבער אויף אונז. אפאר יאר שפעטער, אחרון של פסח אינדערפרי, בין איך געווען אויפ'ן וועג פון מיין שטוב אין פלעטבוש צו די שול פון אונזער רב, הרב גורניש זצ"ל.

איך בין אריבערגעגאנגען פארנט פון די בארימטע "קליינס אייז קרים" געשעפט. פלוצלינג קומט א גרויסע ווייסע טויב צו פליען ממש אריין אין מיין פנים, אזוי נאנט אז איך האב געשפירט די לופט פון אירע פליגלען קעגן מיין פנים. איך האב זיך דערשראקן און געגעבן א שפרינג צוריק, אבער דאס פייגעלע איז דארט געבליבן און האט אנגעהויבן שפאצירן פאר מיר.

איך האב אנגעהויבן נאכצוגיין די טויב. זי איז געגאנגען און געגאנגען, ביז זי איז אנגעקומען צו אן עיר קאנדישאן ביי קליינס אייז קרים.

איך האב א קוק געגעבן און געזען אז אויפ'ן עיר קאנדישאן איז געווען א נעסט פון ווייסע טויבעלעך - די זעלבע סארט ווי אין מיין חלום - א יקר המציאות אין ברוקלין.

איך האב קוים אויסגעווארט אויף מוצאי יום טוב אריינצוגיין צום רב און אים דערציילן די מורא'דיגע איבערלעבעניש. מוצאי פסח איז דער רב געווען זייער פארנומען מיט'ן צוריקקויפן די חמץ וכדומה, אבער ווי נאר איך בין אריינגעקומען און אים דערציילט די מעשה, איז ער געווארן זייער איבערגענומען.

"לאמיר גיין באקוקן דאס פלאץ," האט ער געזאגט. מיר זענען דאן ארויס און דער רב האט באטראכט דאס פלאץ. "עס איז א שטח הפקר, מען קען רואיג מקיים זיין די מצוה," האט דער רב געמאלדן מיט עקסטאז.

דעם קומענדיגן טאג זענען מיר געקומען – מיין מאן און איך, און דער רב מיט די רביצין – גרייט מקיים צו זיין די מצוה. מיין מאן האט מיטגעברענגט א לייטער מיט א בעזעם, און איך האב אים דערלאנגט א צווייג (גענוי ווי אין מיין חלום). דער רב האט אים פונקטליך מסביר געווען וואס צו טון. ער האט געמאכט די ברכה מיט התעוררות און מקיים געווען די מצוה. מיין מאן האט ארויסגענומען פונעם נעסט "איין איי!" דער רב האט זיך גע'חידוש'ט און געזאגט פאר מיין מאן אז ער זאל גוט קוקן אויב ער זעט נישט נאך אן איי, אבער ניין, עס איז נאר געווען איין איי. מיין מאן האט דאס איבערגעגעבן פאר'ן רב, וועלכער האט דאס ווייטער געגעבן פאר מיר, און איך האב דאס אריינגעלייגט אין טאש, פונקט ווי אין מיין חלום.

די רביצין האט א כאפ געטון מיין האנט און מיט א שטיקעדיג קול מיר געזאגט: "אסתר, זיי מתפלל!"

איך בין געשטאנען דארט אין פלעטבוש אויפ'ן גאס – מיין מאן, איך, דער רב און די רביצין – און איך האב זיך נישט געקענט קאנטראלירן. איך האב געשפירט אזוי נאנט צום אייבערשטן. איך האב אויסגעבראכן אין א געוויין און געזאגט: "אייבערשטער, דו ביסט דאך לויטער גוטס. דו טוסט מיט מיר נאר חסד יעדן טאג, מיין גאנץ לעבן איז ארומגענומען מיט דיין רחמנות. אבער איך בעט דיר פון די טיפעניש פון מיין הארץ, אויב וועסטו רחמנות האבן אויף מיר און אוועקנעמען די גזירה פון אונז און מיר געבן די זכיה צו זיין א שותף אין דיין מעשה בראשית און ברענגען קינדער, זאג איך דיר צו אז איך וועל טון אלעס וואס איך קען אז זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע און הייליגע אידן."

עלעף חדשים שפעטער איז געקומען אונזער ישועה! ב"ה מיר האבן זוכה געווען צו האלזן א לעכטיגע צווילינג, ווייניגער ווי א יאר נאך אונזער מצוה און הארציגע תפילה (וואס איז אוודאי געווען אין צוגאב צו אלע אונזערע תפילות.) זיי זאלן וואקסן און שטייגן צו זיין ערליכע אידן!

## נאר דער אייבערשטער געבט קינדער

מיר אידן האבן אזא גרויסער באשעפער. עס איז א שאד זיך אונטערצווארפן אונטער די טבע. איך זאג כסדר אז איך בין נישט מסכים צו לעבן אין א וועלט פון "סטאטיסטיקס" און טבע. איך וואוין אין א וועלט פון נסים און וואונדער, ווייל דארט איז מיין טאטע'ס הויז. דארט וואוינט מיין גרויסער טאטע, און איך וויל זיין מיט אים. אז א איד ווייסט און גלייבט מיט'ן גאנצן הארץ אז נאר דער אייבערשטער קען און וועט העלפן, וועט ער טאקע העלפן.

איך בין קיינמאל נישט געווען קינדערלאז; דער אייבערשטער האט נאר געווארט אויף נאך אביסל תפילות, און צו זען נאך אביסל צו וועמען איך וועל גיין, און דאן איז די ישועה געקומען.

איך זאג כסדר פאר מענטשן וואס רופן מיך פאר חיזוק, אז פונעם אייבערשטן קומט נישט קיין שלעכטס (כי מפי עליון לא תצא הרעות), און דער אייבערשטער וויל גיסן און געבן שפע. ער בעט




נאר: "טאכטער'ל, ברייטער אויס דיין גלעזל, איך וויל אריינגיסן." מיר דארפן נאר אויסשפרייטן דאס גלאז, עפענען די צינורות (די פייפס) און זיך פארלאזן נאר אויף אים; דורך אמונה ברענגט מען נסים.

## מען פארט קיין אומאן

איך וועל מיטטיילן מיט די חשוב'ע ליינער איין מעשה, איינס פון טויזנטער.

יעדע וואך שבת לערן איך פאר איינע פון דעם רבי'נס ספרים פאר א קופקע פרויען פון מיין געגנט. מיט אפאר יאר צוריק האב איך פארגעלייגט א ספר און איין וואך בין איך אנגעקומען צו א קאפיטל ווי עס שטייט אז עס איז גוט צו ברענגען די קינדער צום רבי'ן איידער זיי ווערן זיבן יאר אלט.

ווי נאר איך האב דאס געענדיגט ליינען, בין איך אריינגעלאפן צו מיין מאן מיט התרגשות און אים געוויזן וואס איך האב יעצט געלערנט. אונזערע צווילינג האבן געדארפט ווערן זיבן יאר אלט פונקט אין א חודש ארום.

מיין מאן געט א קוק אויף מיר און זאגט: "עס ווייזט אויס אז דו האסט נישט געהערט די נייעס; רוסלאנד האט יעצט געשיקט צוויי הונדערט טויזנט סאלדאטן צו די גרעניץ פון אוקריינע."

דאס איז געווען אויסער דעם וואס עס איז דאן געווען די קאוויד תקופה, און ארויסצופארן פון לאנד איז געווען זייער שווער; מען האט געדארפט נעמען שאטס (וואקסינען) וכדומה.

איך האב געזאגט פאר מיין מאן אז איך שפיר ווי דאס איז א רמז מן השמים. דער אייבערשטער וואלט געקענט מאכן אז איך זאל פארלערנען פונקט דעם קאפיטל אין פיר וואכן ארום, ווען עס וואלט שוין ממילא נישט געווען וואס צו טון. אבער אז איך האב עס געלערנט דוקא יעצט, איז עס א סימן אז דער רבי רופט אונז מיט אונזערע קינדער.

מיין מאן איז נישט געווען אזוי ענטוזיאסטיש און איבערגענומען פון מיין התרגשות, אבער איך האב זיך נישט גע'עקש'נט.

ווי איך האב שוין געשריבן פריער, איז דער אייבערשטער מיין בעל הבית, און וואס איך דארף רעד איך צו אים. איך האב קיינמאל נישט געבעטן פון מיין בעל הבית א העכערונג אין געהאלט; אויב איך האב געדארפט א העכערונג, האב איך געבעטן נאר פונעם אייבערשטן און ער האט מיר געהאלפן. אזוי טו איך אויך אין מיין לעבן אין שטוב, ווען עס קומט זאכן וואס איך וויל אדער פארשטיי אנדערש ווי מיין מאן.

## התבודדות ברענגט שלום בית

איך ווייס אז איך קען ווערן א בולדאזער און אונטערגראבן און פארפירן צו מיין מאן אז דאס וויל איך און דאס זאל זיין, אבער עס איז נישט די וועג וואס דער אייבערשטער האט ליב. דער אייבערשטער וויל דאך ליבשאפט און שלום בית. דעריבער, ווען איך וויל עפעס פועל'ן ביי מיין מאן, גיי איך אנשטאט דעם און איך פויעל ביים אויבערשטן. איך דערצייל אים פארוואס איך שפיר אז עס איז ריכטיג און וויכטיג, און איך בעט אים אז ער זאל ווייך מאכן דאס הארץ פון מיין מאן, אדער אויב איך בין נישט ריכטיג, זאל ער מיר טוישן און אויב זענען מיינע געפילן יא ריכטיג זאלן מיינע רצונות און שאיפות צושטאנד קומען.

אזוי האב איך אויך דא געטון. איך האב גערעדט צום אייבערשטן און אים דערציילט אז איך גלייב אז דאס וואס עס האט פונקט יעצט פאסירט איז פון הימל, און איך וויל זייער טראגן די קינדער פאר די זיבן צום הייליגן רבי'ן.

אפאר טעג שפעטער איז מיין מאן געגאנגען אין א געשעפט עפעס איינקויפן. ער האט געשמועסט מיט'ן בעל הבית, וואס האט אים 'פונקט' דערציילט אז ער איז אויך דער בעל הבית פון א האטעל אין אומאן.

אויף דעם ארויף האט מיין מאן דערציילט אז ער האט געהאט א קלער צו טראגן די קינדער, און יענער זאגט אים אז ער פלאנט "פונקט" יעצט א נסיעה און אז מיר קענען זיך מיטכאפן.

למעשה האבן מיר געדארפט פארן אליינס ווייל זיי האבן געטוישט דעם דאטום פון די נסיעה, אבער יענער האט אונז אלעס אויסגעשטעלט און צוגעגרייט וואס מיר האבן נאר געדארפט.

איך האב געטראכט צו מיר אז אויב איך פאר צום הייליגן רבי'נ'ס ציון, וויל איך לערנען א ספר פון רבי'ן, ווייל עס שטייט "שפתותיו דובבות בקבר", די ליפן פונעם צדיק שעפטשען אינעם קבר, ווען מען זאגט נאך זיינע תורות.

איך האב באשטעלט דאס בוך, ספר "A BIT MORE WISDOM" (ליקוטי עצות.)

די קומענדיגע וואך זונטאג האבן מיר געדארפט אפמאכן וואס מיר טוען ווייטער. איך האב נאך געדארפט מאכן א נייע פאספארט (עס איז שוין געווען כמעט עקספייערט).

## דער רבי רופט אונז

מיין מאן זיצט ביים טיש און גייט נאך די נייעס פון אוקריינע, און איך ברענג אים א קאווע. אזוויי איך זעץ זיך אראפ, הער איך ווי דער בעל קלינגט ביים טיר. איך גיי עפענען און איך זע א פעקל פון אמאזאן. איך נעם עס איבער און ברענג עס אריין צום טיש. ווי נאר איך האב עס געעפנט, האב איך געזען אז מיין ספר איז אנגעקומען. איך האב עס גענומען אין האנט און אדורכגעבלעטערט.

מיינע אויגן האבן זיך אפגעשטעלט ביי א בלאט וואו דער טיטל איז געווען "מניעות" (OBSTACLES), דארט זע איך ווי עס שטייט בערך אזוי: אז ווען א מענטש זעט אז ער האט מניעות, זאל ער נישט מיינען אז דער אייבערשטער זוכט אים אוועקצושטופן דערפון, בפרט ווען א מענטש וויל פארן צו א קבר פון א צדיק. די מניעות זענען כדי להגדיל את החשק, עס מאכט א גרעסערן חשק אנצוקומען צו די קדושה.

מיין מאן האט דאס געזען און ער זאגט מיר: "דער אייבערשטער שיקט אונז א 'וואטסאפ'! ער שיקט אונז א מעסעדזש גלייך פון הימל, צו אונזער טיש, בשעת מיר מאכן די החלטה! אוודאי גייען מיר!"

און איך האב געזאגט שטילערהייט: "שכח אייבערשטער." ווי דער רבי זאגט, אז וואס מען קען פועל'ן מיט בייזן, קען מען בעסער און שנעלער פועל'ן מיט גוטנס.

עס זענען געווען ניסים וויאזוי מיר זענען אנגעקומען אין אזא מצב מלחמה און מצב קאוויד, מיט צוויי יונגע קינדער, צום רבי'נ'ס ציון. איך האב נאך געהאט די זכיה צו נעמען די קינדער אויף א שבת ביים רבי'ן.

אויך האבן מיר זיי גענומען צו רבי נתן, צום בעל שם הקדוש און צום הייליגן בארדיטשובער רב. איך האב געזאגט פאר מיינע קינדער אז דאס איז מיין לעבנס-מתנה פאר זיי; איך טראג זיי ארום צו קברי צדיקים אפצונעמען "ברכות און ישועות" פון די הייליגע צדיקים, אז זיי זאלן זוכה זיין צו זיין נאנט צו צדיקים זייער גאנצע לעבן.

## א לימוד פון א באטערפליי

לעצטנס האב איך זיך אביסל ארײנגעטון איבער די געוואלדיגע נפלאות הבורא פון א פלאטערל (באטערפליי). עס איז וואונדערליך צו זען וויאזוי א באטערפליי ווערט באשאפן. צוערשט איז עס ווי א ווארים, א קאטערפילער. נאך א שטיק צייט ווערט די גאנצע קאטערפילער ממש אינגאנצן אויס - עס ווערט ממש ווי א פליסיגקייט - מען זעט עס נישט. ערשט נאכדעם וואס עס גייט אריבער אפאר טעג און עס זעט אויס ווי די גאנצע זאך איז פארלוירן, דאן ווערט עס א בריאה חדשה, א נייע באשעפעניש, עס ווערט א הערליכע באטערפליי.

(און אינטערעסאנטע נ.ב. וואס איך האב באמערקט: דער פראצעס וואס עס נעמט פאר א קאטערפילער צו ווערן א באטערפליי דויערט בערך 40 טעג. דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע זאגט אונז אז אויסצוארבעטן א מדה דויערט אויך פערציג טעג. מיר קענען זיך לערנען פון די נפלאות הבורא פונעם פלאטערל... עס דויערט פערציג טעג זיך צו טוישן... (און צומאל עטליכע מאל פערציג!))

ווען איך האב געליינט וועגן די נפלאות הבורא, האב איך געטראכט אז דאס איז דעם רבינ'ס לימוד. דער הייליגער רבי האט אונז דאך געלערנט אז א איד קען זיך און דארף זיך באנייען יעדע מינוט און יעדע סעקונדע, נישט נאר יעדן טאג. א איד קוקט נישט אויף וואס איז געווען, נאר אויף וואס עס גייט זיין.

אסאך מענטשן פרעגן מיר וואס מען טוט מיט טראומא און זיי ווילן וויסן עצות און חיזוק. אבער באמת ביי א איד איז נישט שייך די ענין פון טראומא, זיכער נישט מיט דעם רבינ'ס לימודים. דער רבי דערמאנט אונז אז יעדן טאג איז א פרישע זאך, א פרישע התחלה, א פרישע יצירה. יעדן טאג, יעדע מינוט, קען א מענטש ווערן אויס, ווי דער הייליגער רבי זאגט: "ונפשי כעפר לכל תהיה" - א מענטש דארף שטרעבן צו זיין בטל ומבוטל, ער זאל ווערן אויס, דאן קומט ער צו שיינע זאכן און דעמאלטס קען ער אנהויבן בליען.

וואס איז טראומא? פארוואס קוקן אויפן עבר? הייב אן א נייע באשעפעניש, לאז אפ דעם קאטערפילער אין דיר און ווער א באטערפליי! דו וועסט נאך באקומען פליגלען און פליען ווייט ווייט. עס איז א שאד צו 'קריכן' אין אלטע ווייטאגן טאג און נאכט. מיט די עצה פון התבודדות באקומט יעדער מענטש פליגלען און קען אנקומען צו שיינע און ווייטע ערטער.

טראכט קיינמאל נישט אז דו ביסט דערנאך, טראכט אז דו ביסט אינמיטן "זיך טוישן" צו ווערן א בעסערע און שענערע זאך. קוק נאר ארויף צום אייבערשטן און זאג אים: "אייבערשטער, דו ביסט דאך כולו טוב, דו ביסט מלא רחמים. מיין גאנצע לעבן איז איין שטיק חסד ה'. העלף מיר טאטע. וואס גייט מיר אן וואס אנדערע טראכטן אויף מיר? וואס גייט מיר אן אויב אנדערע האבן מיר ליב? דו טאטע האסט מיר ליב, דו טאטע הערסט מיר אויס! און נאר דאס דארף איך און וויל איך."

איין זאך בעט איך נאר פונעם אייבערשטן, "אחת שאלתי מאת ה', אותה אבקש... שבתי בבית ה' ; כל ימי חיי, לחזות בנועם ה, ולבקר בהיכלו". אייבערשטער, אלעס קענסטו מיר אוועקנעמען, אלעס קען איך סובל זיין - דער אייבערשטער זאל אונז חלילה נישט אויספרואוון - אבער נאר איין זאל. נעם נישט אוועק פון מיר די הייליגע אמונה, די נאנטקייט, און דעם קשר וואס מען איז זוכה צו באקומען דורך התבודדות.

## עפילאג:

אונזער שמועס האט זיך אביסל פריצייטיג געענדיגט צוליב א וויכטיגע טעלעפאן קאל וואס אסתר האט באקומען. אסתר האט מיר געזאגט אז זי האט נאך אסאך צו דערציילן און מיטצוטיילן מיט די חשוב'ע ליינער פון "אינדערהיים", אי"ה ביי א קומענדיגע געלעגנהייט.

איך האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאן און עס פארמאכט. אסתר האט מיר פריש אויפגעוועקט צו התבודדות. איך האב געהאלטן דעם טעלעפאן פארמאכט פאר א לאנגע ווײלע ווייל איך בין געווען פארנומען; איך האב גערעדט צום אייבערשטן.

די גרויסקייט און שיינקייט פון התבודדות איז אז יעדער איינער קען זוכה זיין דערצו. יעדער קען דאס נאכמאכן.

אין א שמועס מיט א חבר'טע זאגט זי מיר: "איך בין נאכנישט אויף די מדרגה צו מאכן התבודדות." אבער דער אמת איז אז עס איז נישט קיין מדריגה, עס איז א זכות... וואס קומט מיט אסאך תפילה. "אייבערשטער, איך וויל זוכה זיין דיך צו שפירן מיט אן אמת. איך וויל דיך זען און שפירן יעדע מינוט פון טאג."

ווי דער ראש ישיבה דערמאנט אונז כסדר: "עס גייט נישט אין איין טאג." אבער מיט תפילה, סבלנות און עקשנות (יא, ביידע... סבלנות אז עס גייט נישט אין איין טאג, אבער עקשנות אנצוהאלטן מיט תפילה) וועלן מיר אלע זוכה זיין צו "ולדבקה בו" (זיין באהאפטן צום אייבערשטן), ווי דער הייליגער רבי האט געזאגט: " "דע, שעיקר התחברות ודבקות להשם יתברך הוא על ידי התפילה". דורך תפילה ווערט מען באהאפטן צום אייבערשטן.

דער אייבערשטער זאל אונז אלע געבן די זכי' צו לעבן ווי ערליכע אידן, זיך פרייען מיט תורה און מצוות און גיין אין די וועגן פון צדיקים כל ימי חיי.

ש. טראכטער



# וואס טוט מען מיטן "אבער"?

"יאזוי געט מען זיך אן עצה מיט די אלע בלבולים און חלישות הדעת?" פרעגט מיך מיין חבר'טע. "יעדן טאג פון פריש,ממש דער מח ווירבלט און דרייט זיך דערפון."

איך ווייס פון וואס זי רעדט. איך ווייס עס גאר גוט. צוזאמען זענען מיר זיך מחזק אז מיר דארפן כסדר קוקן אויף וואס מיר האבן יא אין די האנט, און מיר דארפן זיך דערמאנען וויאזוי מיר האבן אויסגעזען איידער מיר האבן אנגעהויבן הערן די שיינע דיבורים. מיר זענען זיך מחזק אז יא, מיר געפינען זיך אויף א גוטן פלאץ.

"אבער..."

דאס איינע ווארט טראגט אזא שטארקע געוויכט אונטער זיך. ביי יעדן איינעם איז דער "אבער" עפעס אנדערש. נאכמער, ביי יעדן מענטש אין יעדע תקופה איז דא אן אנדערע "אבער."

"איך וויל באמת שיקן מיינע קינדער אין די מוסדות, אבער..."

"איך וואלט אזוי שטארק געוואלט מאכן ביליגע שמחות, אבער..."

"איך האלט באמת אז דאס איז ריכטיג, אבער..."

און אונטער דעם "אבער" ליגן אסאך ספיקות, בלבולים און צעמישעניש.

"אפשר האב איך נישט אזויפיל אמונת חכמים? אפשר גלייב איך נישט גענוג אין דעם רבי'ן'ס ווערטער?" וואונדערט זיך

מיין חבר'טע הויך.

ווען די מחשבות קומען אריין – צומאל איין מאל א חודש, צומאל איינמאל א וואך, צומאל איינמאל א טאג, און צומאל אפילו איינמאל א שעה אדער מער – שפירט מען ווי עס נעמט איבער דאס גאנצע וועזן. צומאל שפירט מען א קעלט וואס לויפט דורך די ביינער. פיזיש!

מיר האבן גערעדט נאך אביסל און מיין חבר'טע זאגט מיר: "עס זענען דא געוויסע זאכן וואס איך האב זייער שטארק אנגענומען און אין דעם האב איך נישט קיין בלבולים, למשל התבודדות. אפילו עס איז דא דערויף א שטארקע יצר הרע און איך פארגעס זייער אפט צו מאכן התבודדות, אבער אין דעם האב איך נישט קיין שפאלט אין די אמונה; איך האב נישט קיין חלישות הדעת צי התבודדות איז אמת און ריכטיג. אבער ווען עס קומט צו אנדערע זאכן, ווען איך וואונדער זיך צי איך בין אינעם ריכטיגן פלאץ, וואס און וויאזוי איך וויל די עתיד פון מיינע קינדער (ווי למשל זיי אריינשטעלן אין די מוסדות), דא ווער איך אזוי אנגעפולט מיט ספיקות. עס פעלט מיר קלארקייט."

מיר האבן גערעדט עטליכע מינוט (אביסל מער...), זיך מחזק געווען און אראפגעלייגט. און דאן, ווי נאר איך האב אראפגעלייגט, האט מיר אויפגעבליצט א בליץ אין מח.

איך האב איר שנעל צוריקגערופן און איר געזאגט: "דו ווייסט, עס איז מיר בייגעפאלן אז מיר זענען בכלל נישט צעמישט. עס פעלט נישט 'קלארקייט', עס פעלט פשוט 'שטארקייט'."

מיר ווייסן אז א שאלת חכם איז חצי תשובה – אז א חכם פרעגט א שאלה, זעט מען שוין דערין א האלבע תירוץ... קומט אויס אז פון די שאלה פון מיין חבר'טע זעט מען שוין די ענטפער. אויף התבודדות איז נישט דא קיין חלישות הדעת, נאר ווען עס קומט צו די "אנדערע" זאכן.

איך האב אנגעהויבן אריינקלערן: וואס זענען טאקע די "אנדערע זאכן"?

עס איז טאקע אינטערסאנט פארוואס התבודדות שטערט אונז נישט ווען מיר ווערן מקורב. דאס זעלבע איז למשל מיט רעדן שיין אינדערהיים, ארבעטן אויף שלום בית, אדער מכבד זיין עלטערן; אויף די אלע זאכן האבן מיר נישט קיין שפאלט און קיין חלישות הדעת.

איז אפשר דא א סברה אז די אלע

"איך וויל באמת שיקן מיינע קינדער אין די מוסדות, אבער..."

"איך וואלט אזוי שטארק געוואלט מאכן ביליגע שמחות, אבער..."

"איך האלט באמת אז דאס איז ריכטיג, אבער..."

זאכן וואס ברענגען אונז בלבולים און חלישות הדעת זענען זאכן וואס "עס איז אונז שווער צו דערהערן ווייל מיר האבן נאכנישט די שטארקייט צו טון זאכן וואס זענען אנדערש...", און נישט ווייל מיר האבן נישט קיין קלארקייט?

איך נעם א משל פון מוסדות, ווייל דאס איז געווען די נושא פון אונזער שמועס, אבער דו קענסט עס אויסטייטשן אויף סיי וועלכע זאך עס דרייט זיך דיר אין מח.

עס איז נישט אז איך האב א ספק אויב דאס איז ריכטיג, נאר איך האב א ספק – אדער בעסער געזאגט, איך ווייס – אז איך האב נאכנישט די שטארקייט צו טון א זאך וואס איז אנדערש אדער נישט אנגענומען ביי מיינע ארומיגע. דעריבער טוט מיין מח נאטורליך טרעפן חסרונות, ריכטיגע סברות, בלבולים און חלישות הדעת, אפילו ברוחניות, כדי מיר מסביר צו זיין און אליינס מבלבל זיין אז איך ווייס אפילו נישט אויב איך וויל דאס.

באמת איז דאס א טאקטיק פונעם יצר הרע אונז צו נעמען אויף א רייד, ווייל ווען דער מח איז נישט קלאר, קען מען ניטאמאל מאכן תפילה והתבודדות דערויף.

אבער אז מען קלערט אריין אינעם אמת, זעט מען אז מען איז בכלל נישט צעמישט; מען האט פשוט נישט די שטארקייט צו טון דאס וואס דו ווייסט ביי דיר אין הארץ אז עס איז ריכטיג. דעריבער טרעפט מען אלע פראבלעמען, כדי דאס געוויסן זאל רואיג שלאפן און מען זאל קענען אנגיין מיט'ן באקוועמען סדר היום און פארטיג!

און וואס איז אויב איך שפיר "טאקע" אז איך בין צעמישט? איך ווייס "טאקע" נישט? נו, אויף דעם ווייסן מיר דאך שוין אונזער סוד און יסוד: אז מיר דארפן נאר גיין ווידער און ווידער צום אייבערשטן און בעטן: "אייבערשטער, ינחנו בדרך האמת, פיר מיר אויפ'ן ריכטיגן וועג. ווייז מיר דעם אמת, ברענג מיר צום אמת, און באלייכט מיינע אויגן צום אמת."

אז א מענטש הייבט אן גיין התבודדות, ווערט אים קלאר און ליכטיג צו וויסן וואס איז ריכטיג, און דאס איז סיי וועלכע וועג. איינמאל א מענטש ווייסט וואס איז ריכטיג, קען ער מאכן ריכטיגע תפילות: "אייבערשטער, גיב מיר דעם כח, געב מיר א שטארקן מח און א שטארק הארץ צו טון וואס איז ריכטיג און וואס איז רצון ה', און נישט קוקן אויף אנדערע." און אויב פון התבודדות ווערט מען נישט קלאר... גייט מען ווידער התבודדות.

א תפילה פון א איד גייט נישט לאיבוד. עס איז זייער חשוב אויבן אין הימל א תפילה פון א אידישע מאמע וואס בעט, "אייבערשטער איך אליינס ווייס נישט וואס איז ריכטיג. איך ווייס איין זאך, אז איך וויל זוכה זיין צו ערליכע און הייליגע קינדער. און איך בעט דיר אייבערשטער, איך שפיר זייער צעמישט, אבער דו ווייסט דאך יא דעם אמת. ברענג מיר דעריבער צום אמת, צום אמת'ן אמת, באלייכט מיר די אויגן און פיר מיר אויפ'ן גוטן וועג."

אז מען גייט מיט תפילה והתבודדות, דאן "יו קענט גא ראנג." (קענסט נישט גיין אויף א נישט ריכטיגע וועג.)

"איך האב זיך שוין מתבודד געווען." ענטפערן מיר צו זיך אביסל צו אפט צו זיך אליינס.

דער ראש ישיבה שליט"א האט לעצטנס געזאגט: "התבודדות איז נישט קיין מעדיצין וואס מען קען נעמען איין טאג פיר דאזעס און דריי טאג קיין איין דאזע." מען דארף דאס טון (נעמען) יעדן טאג בערך די זעלבע. מען קען זיך נישט 'אווערדאזן' איין טאג און נאכדעם זאגן 'איך האב שוין געמאכט התבודדות'. עס ארבעט נישט אזוי. איין טאג און נאך איינס, איין וואך און נאך איינס, איין חודש און נאך איינס... און ווייטער און ווייטער... יעדן טאג אביסל, און צוביסלעך רייניגט זיך אויס דער מח און דאס הארץ, און די תפילות ווערן מער לויטער.

ווי מער התבודדות א מענטש מאכט, אלס ריינער ווערט זיין הארץ, אלס מער נעמט ער אריין דעם אייבערשטן אין זיך; און ווי מער אייבערשטער, אלס ווייניגער פלאץ בלייבט פאר "יענעם" און פאר "מענטשן". און אז א מענטש איז זוכה צו לעבן "פאר דיר, פאר דיר... נאר פאר דיר... (אייבערשטער)", דאן קען מען זוכה זיין צו מאכן ריכטיגע און הייליגע החלטות וואס זענען געוואנדן נאר אין די תורה און אין דעת הצדיקים.

ריכטיג, עס איז דא צומאל חלישות הדעת ווען דער מענטש דרייט זיך טאקע ארום פארלוירן און צעמישט און וואונדערט זיך וועלכע וועג איז "עבודת השם", און דער הייליגער רבי זאגט אונז שוין אין חיי מוהר"ן אז אזוי גייט עס אין עבודת ה'. מיר זעען ביי משה רבינו, אז דער אייבערשטער האט אים נישט געזאגט אויב ער זאל צולייגן א טאג צום יו"ט שבועות אדער נישט, אזוי אויך האט אים דער אייבערשטער נישט געזאגט אויב ער זאל צוברעכן די לוחות אדער נישט. משה רבינו האט אליינס געדארפט זען וואס איז טאקע רצון השם, וועלכע וועג איז ריכטיג. און דאס, זאגט דער רבי איז דער וועג אין עבודת ה'. דער מענטש ווייסט באמת נישט וואס איז ריכטיג און וועלכע וועג ער דארף גיין. און דער הייליגער רבי שרייבט אז דאס איז די גרעסטע יסורים וואס איז נאר פארהאן. דאס נישט וויסן, ריכטיג אדער נישט ריכטיג, נאכמער צומאל ווייסט אפילו נישט דער מענטש נאכ'ן טון אויב ער האט געטון ריכטיג אדער נישט.

איז וואס איז אונזער עצה? דעם רבינ'ס טערעפי, התבודדות, התבודדות, התבודדות!

אבער ווען א מענטש איז זיך מתבודד, ווערט מען קלאר וויפיל איז טאקע בלבולים און חלישות הדעת און וויפיל פראצענט פון די מחשבות קומען נישט וויל עס פעלט דיר 'קלארקייט', נאר עס פעלט דיר 'שטארקייט'. וויפיל זאכן דרייט מיר אין מח, ווייל מיין מח טראכט נאך וואס אנדערע טראכטן אויף מיר?

איז קומט די שאלה... אפשר בין איך נישט שטארק ווייל עס פעלט מיר תמימות, אדער אמונת חכמים? אפשר איז דאס טאקע מיין פראבלעם? אפשר טראסט איך נישט? וויאזוי קען איך זוכה זיין צו באקומען א שטארקע מח, א גראדע תמימות און א ריינע הארץ?

דאס אלעס באקומט מען נאר דורך תפילה און התבודדות. אלע פון אונז דארפן חיזוק דערין, יעדער איינער אויף זיין אופן. יעדער טרעפט זיך צומאל אין א מצב וואס פאדערט א געוויסע מאס שטארקייט צו טון וואס איז ריכטיג, מער ווי קלארקייט. און אז מען מישט נישט אויס די צוויי, שפירט מען זיך אנגעפילט מיט פיל מער ישוב הדעת און מען האט דעם מח און כח מתפלל צו זיין ריכטיג.

דורך תפילה והתבודדות איז מען זוכה ארויסצונעמען אייגענע נגיעות, אייגענע געפילן און מיט די צייט איז מען זוכה צו שפירן און הערן דעם דבר ה'. דאס איז לאו דוקא אין די נושא פון "זוכן א וועג אין עבודת ה'", דאס איז נישט דוקא נאר ווען עס קומט צו "התקרבות", נאר אין יעדן פרט אין לעבן, ווען א מענטש איז צעמישט אויב ער דארף קלארקייט אדער שטארקייט, וועט ער דורך התבודדות זוכה זיין "זיך אליינס צו טרעפן", און באקומען קלארקייט, אויב ער דארף בכלל קלארקייט, אדער גאר שטארקייט!!

לאמיר בעטן אז מיר זאלן זיך אליין נישט נארן און זיין א "מכיר את מקומו", איינזען מיין אמת'ע פלאץ און זיך קענען מתבודד זיין ריכטיג. מיר זאלן זוכה זיין צו בעטן דעם אייבערשטן צו טון וואס איז ריכטיג, צו זיין ערליכע אידן און זוכה זיין צו בנים ובני בנים עוסקים בתורה. און ווי מיר בעטן אין די הייליגע תפילה פונעם של"ה הקדוש, "אַתָּה ה' יוֹדֵעַ כָּל תַּעֲלוּמוֹת, וּלְפָנֶיךָ נִגְלוּ מַצְפּוּנֵי לִבִּי, כִּי כַוָּנָתִי בְּכָל אֵלֶּה לְמַעַן שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְהַקָּדוֹשׁ וּלְמַעַן תּוֹרָתְךָ הַקְּדוֹשָׁה." דו ווייסט דאך אייבערשטער, אלע באהאלטענע זאכן (מחשבות), און פאר דיר איז אפן די באהעלטענישט פון מיין הארץ, אז די כוונה פון די אלע זאכן (וואס איך בעט) איז נאר פאר דיין גרויסן און הייליגן נאמען און נאר פאר דיין הייליגע תורה." דאס מיינט אז אלעס וואס מיר זענען מתפלל און אלעס וואס מיר ווילן איז נאר כדי צו טון דיין הייליגן רצון.

דער אייבערשטער זאל אונז געבן די זכי' אז מיר זאלן קענען גיין בדרך התורה מיט שמחה, קלארקייט און שטארקייט!

מ. פאפענהיים

# אלעס איז איר צו פארדאנקען



רחל איז אריינגעקומען אין איר הייזקע און אריינגעפאלן אין דעם ערשטן בענקל אינגאנצן אויסגעשעפט; פיזיש האט זי היינט געארבעט גאר שווער, און גייסטיש האט זי זיך געפילט אויסגעליידיגט און טיף באליידיגט. זי האט זיך ארומגעקוקט אין איר הייזל. יא, די ארעמקייט שרייט ארויס פון יעדן ווינקל, אבער אלעס איז ריין און צאמגענומען, יעדע זאך אויף איר באשטימטן פלאץ. צי מיינט דען דאס אז ווייל זי קען זיך עס נישט ערלויבן, פארשטייט זי שוין נישט צו שיינע זאכן אדער צו שיינע בלומען?

היינט ביי די ארבעט האט איר בעל הבית'טע געברענגט א גערטנער איינצופלאנצן אן עפל בוים און צוצולייגן שיינע ביימעלעך ארום דעם גאנצן גארטן. זי, רחל, איז געזעצן אין הויף איינגעבויגן איבער די קניען און געוואשן און אויסגעריבן די וועש.

ווען זי האט באמערקט אז זיי ווילן איינפלאנצן דעם עפל בוים אינעם רעכטן ווינקל, האט זי זיך אנגערופן: "אבער דארט קומען דאך כמעט נישט אן קיין זון שטראלן!"

זי האט נישט מער ווי געוואלט זיי איינשפארן עגמת נפש, וויסנדיג אז דער בוים וועט דארט נישט קענען געהעריג בליען. אבער אלישבע, די בעל הבית'טע, האט איר אנגעקוקט מיט שפאט: "וואס טראכסטו? דער גערטנער ווייסט נישט וואס ער טוט?! איך האב דאך אראפגעברענגט א גוטן גערטנער וואס טוט א פאכמאנישע ארבעט."

רחל האט זיך געפילט געטראפן. אלס מיידל, ביי איר טאטן אין פאלאץ, פלעגט זי אליין אויסשטעלן יעדן פרילינג וועלכע בלומען מען זאל איינפלאנצן פארן קומענדיגן זומער.

יעדע יאר איז זי אויפגעקומען מיט א נייעם געניאלן איינפאל און אן אינטערעסאנטן אויסשטעל. אפילו אין די

ערשטע יארן נאך די חתונה, ווען זיי האבן קוים געהאט אויף וואס צו לעבן, האט זי זיך געטראפן צייט און פון גארנישט האט זי איינגעפלאנצט אינטערעסאנטע סארט ביימעלעך און געוויקסן.

דאס איז אבער געווען נאר אזוי לאנג ווי איר מאן איז נאך געווען מיט איר; זינט ער איז מער נישטא און זי דארף זיך אליין שפייזן, האט זי נישט קיין צייט צו אטעמען.

אלישבע איז נאך פון די גוטע הארנטעס, זי צאלט פונקטליך און לייגט כמעט אלעמאל צו א טיפ. זי וואלט זיך היינט געקענט ערלויבן צו קויפן אביסל לינזן און קאכן א גוטע זופ צו איר טרוקן ברויט, אבער די שפאט און דער אפענער זלזול וואס אלישבע האט איר היינט ארויסגעוויזן, האט איר אינגאנצן צובראכן.

כאטש עס איז ווייט נישט ווי ביי רינה; מארגן דארף זי ארבעטן ביי רינה, און דארטן פילט זי זיך ממש ווי א מצורע. רינה פלעגט זיך אפט וואונדערן וויאזוי עס קען זיין אז אזא ארעמע פרוי פארשטייט אזוי גוט צו אלע זיידענע און פלושענע קליידער.

ביי רחל פלעגן די שאלות ברענגען טרערן יעדע נאכט. יעדע נאכט ווען זי לייגט זיך שלאפן אויף די פשוט'ע שטרוי-זעק, קומט איר ארויף אין זכרון די זיידענע בעטגעוואנט און די פוכענע דעקעס וואס זי האט געהאט ביי איר טאטן אינדערהיים. אין די גליקליכע יארן ווען איר מאן איז נאך געווען מיט איר, האט זי עס נישט אזוי געפילט, כאטש די שטרוי פלעגט איר דעמאלטס אויך שטעכן.

אבער זינט זי איז אליין, פילט זיך די שטרוי צומאל ממש ווי שפילקעס. ווען רינה האט אויסגעפינען וועמענס טאכטער זי איז, האט זי איר אפגעזאגט פון די ארבעט, און איר געזאגט אפן און גראד: "א טאכטער וואס שטויסט אין די מסורה פון אירע עלטערן, איז נישט ווערד אפילו די פאר גראשן פון וואשן וועש"...

נאך עטליכע וואכן האט איר רינה צוריקגערופן צו די ארבעט, וויבאלד זי האט נישט געטראפן קיין צווייטע... ווען רחל וואלט נישט געהונגערט אין יענע וואכן, וואלט איר כבוד איר נישט געלאזט צוריקגיין ארבעטן דארט. אבער זי האט געמוזט האבן דאס געלט צו קענען קויפן אביסל ברויט פאר אירע הונגעריגע קינדער, האט זי געלייגט די בושות אין א זייט. רינה האט איר נאך אנגעזאגט: "דו קומסט ארבעטן, אבער נאר מיט די וועש; קיין ווארט זאלסטו נישט רעדן צו מיינע קינדער אדער דינסטן"... און אזוי גייט די ארבעט דארט וואך נאך וואך; מען טוישט נישט אויס קיין ווארט מיט איר, און מען אטעמט אפ ווען זי ענדיגט.

וואס קען זי טון? זי מוז אנקומען צו די רייכע פרויען, ווייל נאר זיי קענען זיך ערלויבן צו דינגען הילף. און ווען זי זעט דעם רייכן הלוך ילך, קומט איר שטענדיג ארויף איר טאטנ'ס הויז. קיינער איז נישט אזוי רייך ווי איר טאטע; זי זעט שטענדיג אז ביי איר טאטן אין הויז איז אלעס געווען שענער און בעסער.

דער גערטנער היינט ביי אלישבע'ס הויז האט איר אויסגעזען יונג און אומערפארן. אפגערעדט אז דער גארטן



קומט אפילו נישט צו צו א פערטל פון די שיינקייט פון איר טאטנ'ס גארטן, אבער די ביימעלעך וואס ער האט איינגעפלאנצט האבן איר געשמיסן אין פנים; פונקט אזא ביימל האט זי אמאל איינגעפלאנצט אויף אן אייזל. ס'איז געווען אזוי קונסטליך, אז ס'האט אויסגעקוקט ווי ס'וואקסט ארויס פונעם אייזל'ס רוקן.

יעדער האט גערעדט דערפון, יעדער האט עס געמוזט קומען זען, און יעדער האט עס באוואונדערט. און דערנאך? דערנאך האט זיך יעדער צוגעוואוינט צו דעם און... שוין... עס איז פארגעסן געווארן אין א ווינקל פונעם מארק.

דאס איז דאך געווען איינע פון די זאכן וואס האט צוגעברענגט איר מאן טאקע אוועקצופארן לערנען. ווען ער האט געזען ווי א זאך וואס איז געווען אזוי אינטערעסאנט און האט אזוי געצויגן יעדנ'ס בליקן ווערט פארגעסן, האט ער געטראכט אז מען ווערט זיך דאך זיכער צוגעוואוינען אים צו זען מיט אן "אלף בינה" אין די הענט.

צוועלף יאר זענען שוין אריבער זינט דעמאלט... שוין צוועלף יאר וואס זי לעבט אזוי אליין. יעדן טאג דארף זי זיך פארמעסטן פונדאסניי און ארבעטן שווער זיך צו דערהאלטן ביים לעבן.

ווען עקיבא איז אוועקגעפארן איז זי געבליבן אליין מיט פיצלעך קינדער. די גרעסערע האט זי געמוטיגט אויפצושטעלן זייערע שטובער ווען די צייט איז געקומען, כדי ווען דער טאטע וועט אהיימקומען זאל אים אפווארטן הויפנס נחת. דאס דעמאלטס'דיגע פיצי בעיבי איז אבער יעצט א צוועלף-יעריג מיידל פאר שידוכים, וואס געדענקט איר טאטן בכלל נישט.

פונווען זי איז אביסל אונטערגעוואקסן, פארדינגט זי זיך אלס דינסט מיידל אין א וואוילע שטוב, וואו זי באקומט כאטש צו דער זעט. נעכטן איז די פרוי ביי וועמען זי ארבעט אריבערגעקומען צו רחל איר אנטראגן א שידוך פאר איר טאכטער:

**יעדע נאכט ווען זי לייגט זיך שלאפן אויף די פשוט'ע שטרוי-זעק, קומט איר ארויף אין זכרון די זיידענע בעטגעוואנט און די פוכענע דעקעס וואס זי האט געהאט ביי איר טאטן אינדערהיים.**

א וואוילער בחור, אויך פון אן ארעמע שטוב ווי זיי, וואס וויל אפילו ממשיך זיין צו לערנען נאך די חתונה. פאר רחל זעט עס אויס ווי א גוטע זאך, זי וויל אבער אביסל ווארטן, וויבאלד די צוועלף יאר ענדיגן זיך שוין און איר מאן דארף שוין אט אט אהיימקומען. זי וואלט געוואלט האבן זיין צושטימונג צום שידוך; אפשר וועלן זיי כאטש זייער יונגסטע קינד פירן אינאיינעם אונטער די חופה?

זי גרייט דעם טיש און זעצט זיך עסן איר טרוקן ברויט מיט וואסער. דעם "טיפ" וואס זי האט היינט באקומען וועט זי אוועקלייגן - אפשר היינט, אדער אפשר מארגן, וועט שוין איר מאן זיין דא. דעמאלט וועט זי קענען קויפן עפעס בעסערע עסן און צוגרייטן א גוטע סעודה נאך די לאנגע יארן וואס ער האט זיכער שווער געהארעוועט צו לערנען.

פלוצים הערן זיך טריט אינדרויסן. זי טרייסלט זיך אויף, אבער ניין, דאס זענען שווערע און פאמעליכע טריט. טראץ די לאנגע יארן וואס זענען שוין אריבער, איז זי זיכער אז דאס איז נישט איר מאן, נאר מסתמא עפעס א דורכגייער.

א קלאפ הערט זיך אויף דער טיר. מאדנע, ארעמעלייט קלאפן דא געווענליך נישט אן; מען זעט שוין פונדרויסן אז דא האט מען נישט וואס צו באקומען. זי גייט עפענען, און אן ארעמער דורכגייער שטייט ביים טיר, בלאס און שוואך. ער שעפשעט שטיל: "אפשר - האט - איר - עפעס צו עסן?"

"זיכער!" - ענטפערט זי - "קומט אריין!" ס'זעט אויס ווי ער גייט באלד אויסגיין... זי וועט אים געבן א שטיקל ברויט, ער זאל דא נישט אוועק'חלש'ן, און נאכדעם וועט זי אים אנווייזן וואו ס'איז די הכנסת אורחים שטיבל דא אין שטעטל. זי לאזט אפן די טיר ס'זאל נישט זיין קיין יחוד, און ער זעצט זיך אראפ אויפן בענקל וואס זי רוקט אים אונטער, און נעמט זיך קייען דאס ברויט.

נאכן עסן א רעפטל און טרינקען אביסל וואסער, באקומען זיינע ליפן צוריק אביסל קאליר; ס'זעט אויס ווי ער קומט צו זיך. זי גיט אים אנווייזונגען וויאזוי אנצוקומען צום הכנסת אורחים, וואו ער וועט האפנטליך באקומען עפעס בעסערס צו עסן.

ער באדאנקט זיך און שטעלט זיך אויף מיט שווערע טריט. "אך!" - קרעכצט ער - "איך גיי שוין אזא לאנגן וועג, שוין עטליכע טעג וואס איך בין אונטערוועגנס פון דער שטאט סורא..."

"פון סורא?!" - שפרינגט זי אויף - "וואו עס געפינט זיך די גרויסע ישיבה?"

"יא, יא," שאקלט ער מיטן קאפ.

"אפשר קענט איר פון דארט מיין מאן?" - דער מענטש זעט טאקע נישט

אויס ווי קיין תלמיד חכם, אבער דאך... אפשר וועט זי הערן עפעס א גריס... עפעס א צייכן אז ער לעבט...

"ס'קען זיין אז איך קען דיין מאן," ענטפערט ער, "זאג נאר, וויאזוי הייסט ער?"

צי הערט זי טריט אינדרויסן? די לעצטע פאר טעג, זינט די אפגעשמועסטע צוועלף יאר ענדיגן זיך, הערט זי נאר טריט... די אויסגעבענקטע געלאסענע טריט פון איר מאן... ניין, ס'איז שטיל אינדרויסן, זי האט זיך נאר געדאכט...

"אה... מיין מאן איז ר' עקיבא..."

"ווער? עקיבא?!" דער מענטש עפנט אויף גרויסע אויגן און קוקט זיך ארום אויפן ארעמען הייזל. "עקיבא איז דיין מאן?! אזוי האט ער דיר איבערגעלאזט? אן קיין פרוטה פאר די נשמה?! און דו רעדסט זיך נאך איין אז ער גייט אמאל אהיימקומען? א שאד אויף דיינע האפענונגען, ער איז פשוט אנטלאפן מיט'ן תירוץ אז ער גייט לערנען... ער האט דאך נישט געקענט קיין צורת האות! איך האלט אז דו דארפסט משלים זיין מיט'ן מציאות און נישט דמיונ'ען אז דיין מאן זיצט און לערנט, אדער אז ער גייט נאך אמאל לערנען... נעבעך, קוק ווי דו מוטשעסט זיך דא אומזיסט."

עס ווערט איר שווארץ פאר די אויגן; די גאנצע איינזאמקייט און פיין פון די לעצטע יארן קומט איר ארויף.

גאר מעגליך אז דער מענטש דא איז גערעכט... איר מאן האט דאך גארנישט געקענט... און נישט נאר דאס, נאר ווען ער פלעגט נאר זען א תלמיד חכם, האט ער געשפירט ווי זיין בלוט קאכט אויף און ער האט אים געוואלט צורייסן לעבעדיגערהייט. איז טאקע די גאנצע פלאגעניש אומזיסט?

"רחל!" - הערט זי אן אינעווייניגסטע קול - "רחל! יעדע זאך וואס דו הערסט אדער דו זעעסט ביי דיין מאן וואס ברענגט

## "פון סורא?!" – שפרינגט צי אויף – "וואו עס געפינט זיך די גרויסע ישיבה?" "יא, יא," שאקלט ער מיטן קאפ. "אפשר קענט איר פון דארט מיין מאן?"

דיר דערצו אים אראפצוקוקן, אים אונטערצושעצן, אדער אים צו האלטן פאר א גארנישט, זאלסטו וויסן אז דאס איז פונעם יצר הרע. דער יצר הרע לאקערט אויף יעדן מאן און יעדע ווייב צו צושטערן זייער שלום בית; ווייל איינמאל עס איז נישטא קיין שלום, קען ער זייער גרינג אריינכאפן דעם מענטש אין זיין זאק און אים אראפווארפן אין ביטערע עבירות רח"ל."

אבער ס'מאכט דאך סענס וואס ער זאגט! מיין מאן האט דאך אפילו קיין אלף-בית נישט געקענט! וואס עפעס האב איך זיך איינגערעדט אז ביי די פערציג יאר גייט ער זיך נעמען לערנען?

ס'קען זיין אז דער ארעמאן דא איז גערעכט, אבער איך געדענק אויך ווי שטארק ער האט יא געוואלט לערנען, און ווילאנג איך ווייס נישט אויף זיכער, גיי איך נישט אננעמען וואס ער זאגט.

"ניין! איך גלייב אים נישט!" מיט אן אנטשלאסענע שטארקייט וואס זי האט אפילו נישט געוואוסט אז זי האט אין זיך, ענטפערט זי אים רואיג: "אויב איז נישט אמת וואס איר זאגט מיר דא, און מיין מאן זיצט יא און לערנט - און אויב ער הערט מיר יעצט - וואלט איך אים געזאגט אז ער קען בלייבן אין ישיבה פאר נאך גאנצע צוועלף יאר!!!"

ר' עקיבא איז געשטאנען אינדרויסן און געהערט דעם שמועס. יא, ער איז אהיימגעקומען, א בענקעדיגער טאטע וואס ווארט שוין צו טרעפן זיין ווייב און קינדער, נאך צוועלף יאר פון זיצן אפגעשיידט פון די וועלט און אנהייבן פון אלף-בית.

ער איז שוין ווייט נישט געווען דער אמאליגער עם הארץ. ער האט געזען זיין הייזל פון דרויסן, ער האט געזען די ארעמקייט און די איינזאמקייט, און ער האט געהערט זיין ווייב'ס קול. זי נעמט נישט אן די לשון הרע'ס, וואס מען רעדט אויף אים; און נישט נאר דאס, נאר זי גלייבט נאך אז ער קען און ווייטער שטייגן העכער און העכער...

יא! ער האט טאקע נאך אסאך צו לערנען, און צו לערנען פאר אנדערע!

ער האט זיך אויסגעדרייט און איז צוריקגעפארן אין ישיבה... רחל איז געבליבן אליין, דער ארעמאן איז פארשוואונדן... און זי האט בכלל נישט געוואוסט אז איר מאן האט איר געהערט רעדן.

עס גייען אריבער די טעג און איר מאן קומט נישט אהיים. צי איז יענער ארעמאן געווען גערעכט? איר מאמע האט דאך אזוי געוויינט ווען זי האט נישט געוואלט הערן פון קיין אנדער שידוך... אלע אירע חבר'טעס האבן געלאכט פון איר, אדער איר פשוט נישט געגלייבט. א מיידל וואס אלע טויערן פון גליק זענען אפן פאר

איר, זי קען זוכה זיין צו תורה וגדולה, די בעסטע שידוכים און דעם גרעסטן נדן - אלעס וואס זי וויל נאר קען זי באקומען - זאל זי וועלן חתונה האבן מיט א ארעמען פאסטוך? א עם הארץ?

איר טאטע האט אונטערגעשיקט מענטשן זי זאלן רעדן מיט איר, ווער עס האט נאר געטראכט אז מען וועט קענען פועל'ן ביי איר אפצולאזן דעם שידוך. ווען ער האט געזען אז ס'העלפט נישט, האט ער פשוט אפגעהאקט מיט איר; ער האט איר מער נישט געוואלט קענען און בכלל נישט וויסן אז זי עקזיסטירט.

זי האט דעמאלט נאר געזען דעם ריינעם ווילן פון איר מאן, זיינע באהאלטענע כוחות וואס ער אליין האט נישט געטראכט אז ער האט, אדער האט זי זיך אפשר סתם איינגערעדט? איז עס געווען א יונגע ווילדע שריט? איז זי געבליבן אליין, אויסגעשפילט פון אלע וועלטן?

לאנגע צוועלף פיינפולע יארן זענען אריבער, און אין שטאט פארשפרייט זיך א שמועה: א גרויסער הייליגער תנא קומט באזוכן! ער קומט מיט פיר און צוואנציג טויזנט תלמידים וואס ווילן אים נישט אפלאזן פאר א מינוט, און דורשטיגן צו הערן יעדע ווארט וואס ער רעדט.

רחל שפירט אז זי האט יעצט א געלעגנהייט; זי וועט אריינגיין צום צדיק און זיך אויסרעדן איר ביטער הארץ. זי וועט אים פרעגן און בעטן א עצה וואס זי זאל ווייטער טון אין איר איינזאמען לעבן.

די שכנות זאגן איר גלייך אז ס'איז נישט מעגליך אנצוקומען צו אים, וויבאלד דער הייליגער תנא איז א גאנצע צייט ארומגענומען מיט תלמידים וואס ווילן הערן יעדע ווארט און מיטהאלטן יעדע ריר.

זי לאזט זיך נישט נאך, זי פרעגט זיך בעסער נאך, און זי הערט אז דער תנא האט אן אויסגערעכנטן סדר היום; עס זענען דא עטליכע שעה א טאג וואס ער נעמט אויף מענטשן. זיינע תלמידים מאכן אפ פאראויס ווער עס זאל אריינגיין, יעדע מינוט איז טייער, און עס קאסט אסאך געלט. צי איז טאקע דער טויער פארשפארט פאר איר?

דער לאנג-אויסגעווארטער טאג קומט אן. די גאנצע שטאט - מענער, פרויען און קינדער - גייען אנטקעגן די ריזיגע ישיבה אנגעטאן מיט בגדי שבת און מיט בלומען אין די הענט.

רחל טוט אן איר אויסגעריבענע שבת'דיגע קלייד, וואס איר מאן האט איר נאך געקויפט דעם לעצטן פסח וואס ער איז געווען מיט איר. זי גייט נאך די מאסן און פרובירט נאך אלץ צו זוכן א וועג; זי מוז אריינגיין צום צדיק! זי קען עס שוין נישט אויסהאלטן! פיר-און-צוואנציג יאר פון פיין און לייד פאר גארנישט? זי מוז האבן א ברכה און א עצה פונעם צדיק!

דער הייליגער תנא איז שוין דא. זי הערט פרויען רעדן אז ער איז אריין אין זיין צוגעגרייטן אכסניא זיך אפצורוהן פונעם וועג, און נאכדעם וועט ער אויספירן דעם ציל פון זיין רייזע.

וועלכע ציל? פארוואס איז ער געקומען? זי ווייסט נישט און עס גייט איר נישט אן. זי וויל נאר אויסניצן די געלעגנהייט און אנפרעגן וואס די תורה זאגט אז א פרוי אין איר מצב דארף טון.

זי שטופט זיך דורך די מאסן, זי שטייט שוין פאר די תלמידים; איינער האלט א פארמעט און קוקט דורך די ליסטע פון מענטשן וואס ווילן זיך טרעפן מיטן תנא. ער רופט זיך אן צו זיין חבר: "נאך צוויי שעה וועט אונזער רבי אויפשטיין און קענען אויפנעמען מענטשן".

זי שטופט זיך נענטער, זי שטייט שוין אנטקעגן זיי - הייליגע תלמידים, גרויסע צדיקים, יעדער איינער א גאון פאר זיך. "איך וויל אריינגיין!" - רופט זי אויס הויך - "איך מוז אריינגיין צום צדיק!"

די תלמידים שענקען איר נישט קיין בליק. "ווער איז זי?" פרעגן זיי זיך, און זי הערט ווי איינער ענטפערט זיי פון אונטער איר: "זי איז נעבעך שוין יארן אליין, איר מאן האט איר אפגעלאזט... אנטלאפן פון איר... ער איז געווען א גרויסער עם הארץ, א פראסטער פאסטוך... נעבעך..."

"נישטא וואס צו טראכטן פון אריינגיין," ענטפערט איר איינער אפ, "דער הייליגער תנא מוז זיך אפרוען פונעם וועג, און נאכדעם האט ער וויכטיגערע זאכן וואס ער דארף אינזינען האבן פארן כלל".

ניין! זי גייט נישט אויפגעבן, ס'איז די לעצטע האפענונג אין איר שווערן לעבן. "איך מוז אריינגיין!" - ברעכט זי אויס אין א געוויין - "האט רחמנות אויף מיר! איך מוז האבן א ברכה פונעם צדיק!"

די תלמידים ווערן נערוועז: "נעמט איר אוועק. דער תנא האט וויכטיגערס וואס צו טון מיט זיין צייט".

זי לאזט זיך נישט, איר געוויין ווערט שטערקער: "האט רחמנות אויף מיר! לאזט מיר! נאר איין מינוט!"

די טיר עפנט זיך פלוצלונג, און דער הייליגער תנא שטייט דארט. זיין דרימל איז געווארן איבערגעהאקט; ער הערט א באקאנט קול... א קול וואס דערוועקט אין אים די טיפסטע בענקעדיגע געפילן... די תלמידים בלייבן שטיין פארפרוירן אויפן פלאץ, און איינער פרובירט זיך צו פארענטפערן: "זי... זי... זי וויל אריינגיין"...

דער הייליגער און גרויסער תנא רבי עקיבא ווארפט איין בליק, און טרערן נעמען זיך גיסן פון זיינע אויגן...

"מיינע טייערע תלמידים! לאזט איר! עס קומט זיך איר! ווייל מיין גאנצע תורה, און אייער גאנצע תורה, איז צו פארדאנקען פאר אט די ארעמע פרוי!"

**שלי, ושלכם – שלה הוא!!!**

# רעצעפּי פון אינדערהיים




2 tbsp vanilla sugar
4 tbsp coffee
6 tbsp sugar

Diluted in about 1/2 cup of boiling water. Mix and add to a full bottle of milk. Best when served slushy (Put in freezer for a few hours before serving). Enjoy!

נאך גארנישט אליינס געמאכט מילכיגס לכבוד יום טוב? קענסט נאך יעצט ארייננכאפן דאס צו מאכן אפילו אום יום טוב!




# וואו טרעפט מען דאס גליק?

די ליידיגער לאך אין דער ערד איז שוין געווען אינגאנצן פארדעקט מיט ערד, שאוול נאך שאוול. נאכדעם וואס מען האט געלייגט די נפטרת אין איר חלקה, האט דער עולם זיך ביסלעכווייז אנגעהויבן צעגיין.

פלוצלינג האט זיך געהערט א קראצעריי פון א ווייטן ווינקל ביים עק פונעם בית החיים. יעדער איז אויפגעשפרונגען. ווער קען דאס זיין? ווער שפאנט דארט יעצט? ווען מען האט גוט געקוקט, האט מען דערזען צוויי פיגורן, אינגאנצן איינגעבויגן, ביידע שלעפן א קליינעם זאק אויף די פלייצעס און נעמען קליינע, שוואכע טריט איבערן פעלד. איינע פון זיי האט אויסגעזען ווי זי האלט אט ביים אונטערברעכן.

און אט אזוי איז זי צוריקגעקומען; דאס מאל האט זי אבער אויסגעזען ווי אן אויסגעלאזטע באלאן, ווי מען וואלט ארויסגעצויגן פון איר די גאנצע לופט.

אבער פארוואס דערצייל איך אייך דאס? איר האט איר דאך נאך נישט געקענט ווען זי איז געווען ווי אן אויפגעבלאזענער, לופטיגער באלאן, אין אירע גוטע צייטן, ווען זי איז געווען באקאנט און ארויפגעקוקט ביי אלעמען.

**אין נעמי'ס ווערטער:**

דאס לעבן איז געווען א חלום – שיין, העל און געשמאק. מיר האבן געלעבט אין א וועלט פון עשירות, כבוד און גלאנץ. מיר האבן געהאט

אלעס וואס מען דארף, און יעדער האט אונז מקנא געווען.

אונזער פאלאץ איז געשטאנען הויעך און שטאלץ; עס האט ארויסגעשטארט פון אלע אנדערע הייזער אין די גאס. אונזערע קארס זענען געווען די בעסטע, און מיר זענען געגאנגען מיט די קעפ הויך, א קאפ העכער פון יעדן איינעם. סוף כל סוף זענען מיר געווען "די" משפחה – די רייכסטע אין שטאט, ביי וועמען יעדער פלעגט קלאפן אין טיר פאר זייערע צדקה צוועקן.

ווען די אינפלאציע האט זיך אנגעהויבן, האט אלימלך עס מער נישט געקענט אויסהאלטן. נאך ענדלאזע בקשות פאר הילף וואס האבן נישט געהאט קיין שיעור – נאכן שפייזן די הונגעריגע און אויסצאלן די חובות פאר פילע משפחות – האט אלימלך עס איינגאנצן פארלוירן.

"מיר מופן!" האט ער אויסגערופן איין אוונט ווען ער איז געווען אונטער גרויס דרוק, נאכדעם וואס מען האט אים א גאנצן טאג געפלאגט פאר שטיצע.

ווען אלימלך האט עפעס געזאגט, האט ער עס געמיינט. גארנישט האט געהאלפן; קיין טרערן האבן אים נישט געקענט אפשטעלן, און מיינע פרואוון צו רעדן צום שכל האבן עס נאר ערגער געמאכט.

אין א קורצע צייט האבן מיר איינגעפאקט וואס מיר האבן נאר געקענט. די שליסלעך, די סעיפס, עטליכע ווערטפולע חפצים, מאכי און חילי – און מיר זענען געווען "גאן", נעלם געווארן.

**נעמי דערציילט ווייטער:**

ווי נאר מיר האבן איבערגעלאזט אונזער היימלאנד אן קיין רחמנות, אנטלאפן און איגנארירט אונזערע ברידער אין נויט און אונזער הייליגע שליחות צו העלפן אנדערע, האבן מיר זיך פליצלינג געפונען זינקענדיג אין א טיפן זומף.

אלעס האט אנגעהויבן גיין "down hill" – מיטן פיטום אראפ.

היינט, אין הינזוכט, זע איך עס קלאר; דעמאלטס האבן מיר עס נאכנישט געכאפט.

ווען מיר זענען אנגעקומען צו דעם גרויסן טומל'דיגן צענטער אין דעם מיטל-מזרח געגנט, אונזער נייע שטאט, איז אלימלך גלייך געגאנגען זוכן א הויז. ער האט אונז געפונען א שיינעם הויז אויף א פיינעם פראפערטי, מיט א פינף-סטאר לוקסוס סטאנדארט - פונקט ווי אונזער שטייגער ביז אהין. די שיינע געשטאלט פון אינדרויסן האט אפילו נישט אנגעהויבן צו דערציילן פונעם רייכקייט וואס האט זיך געפונען אינעווייניג: טייערע עגיפטישע קארפעטס פון וואנט צו וואנט, און ריזיגע פענצטער וואס האבן ארויסגעקוקט אויף א פריוואטן פאנד מיט ווייסע שוואנען. בלומען אין אלע קאלירן זענען געווען אויסגעשטעלט איבערן גאנצן שטח, ממש אן אואזיס פון רואיגקייט.

דאס אלץ האט אבער נישט געקענט פריילעך מאכן מיין הארץ. מיין הארץ איז געווארן צעריסן ווען מיר זענען ארויס פון אונזער הייליגע ירושלים, דאס הארץ פון יעדן איד.

מיר האבן פרובירט זיך איינצוגעוואוינען. מאכי און חילי זענען געווען יונג און האבן זיך שנעל מסדר; זיי זענען געגאנגען אין די פוסטריט פון דעם נייעם לעבן וואס אלימלך האט געוואלט בויען. אבער אויף אלימלך'ן האב איך יא געקענט זען אויפן שטערן דאס וואס ער האט פרובירט צו באהאלטן מיט זיין געמאכטע שמחה. די קנייטשן זענען געווארן מער און טיפער, און ביז א קורצע צייט האט זיין געזונט-צושטאנד אנגעהויבן גיין בארג-אראפ.

ביסלעכווייז האט דער שטאלצער אלימלך פארלוירן זיין גאנצע סטאטוס. ער איז מער נישט געווען דער רייכער און חשוב'ער אלימלך; ער איז יעצט געווען דער "לוזער", דער וואס איז אנטלאפן פון זיין פאלק מיט זיין געלט, און אזוי ארום פארלוירן זיין גאנצע הצלחה.

ער האט נאאיוו געגלייבט אז עס קומט זיך אים ווייל ער האט שווער געארבעט דערפאר, און ווען איך האב אים פרובירט צו דערמאנען פון וואו די הצלחה קומט באמת, האט ער נישט געוואלט הערן. ער האט געטענה'ט אז די זון וועט נאך שיינען און די וואלקענעס וועלן פארבייגיין. אבער עס איז נישט אזוי געווען.

ער האט נישט געקענט טאלערירן זיין נייע רעאליטעט און די שולד געפילן פון איגנארירן די ארעמעלייט. נאך א קורצע צייט איז זיין נשמה אויסגעגאנגען, און איך בין געבליבן א צובראכענע אלמנה אין א פרעמד לאנד מיט צוויי יתומים.

מחלון און כליון האבן זיך צוגעפאסט צו די סביבה און געוואלט מאכן א לעבן פאר זיך. זיי זענען געווארן סוקסעספול און שטארק, און אין א קורצע צייט האבן זיי חתונה געהאט מיט ארטיגע פרויען - פרויען וואס האבן געדינט עבודה זרה און געגלויבט אין זאכן

*זיי האבן מיר נישט געוואלט אויסהערן. מיין הארץ איז צעבראכן געווארן אויף נאך מער שטיקער. וויפיל צער קען איין מענטש אויסהאלטן?!*

וואס זענען ביי אונז פארבאטן.

זיי האבן מיר נישט געוואלט אויסהערן. מיין הארץ איז צעבראכן געווארן אויף נאך מער שטיקער. וויפיל צער קען איין מענטש אויסהאלטן?!

דאס לעבן שטורעמט ווייטער, ווי א שטורעם-ווינט וואס טרייבט א שיף אן רחמנות. טאג נאך טאג האב איך צוגעזען מיינע זין און זייערע פרויען לעבן דאס "היי לייף" אינדרויסן – דאס לעבן וואס יעדער מיינט אז "עס לאכט זיך". אבער איך האב דורכגעזען ביזן אמת. זיי זענען געווען אזוי ליידיג! זיי האבן נישט געהאט קיין אמת'ע שמחה אדער סיפוק, ווייל א איד געפינט נאר שמחה אין די מצוות און אין אמונה און בטחון אין השם יתברך, צו וויסן אז עס איז דא א פלאן פאר אלעס. אבער זיי זענען געווען יונג און זענען נאכגעשלעפט געווארן מיט די ווינט פון זייער גאנצע וועלט: די חברים.

די פרויען זענען געווען גוטע פרויען – ערפי צו מאכי; רותי צו חילי. זיי זענען אויך געווען גוט צו מיר, און מיר האבן געלעבט צוזאמען ווי איין משפחה. מיר האבן געגעסן צוזאמען און געפארן אויף שיינע טריפס, אבער דער פיין און ווייטאג אין מיין הארץ איז נישט אוועק פאר קיין איין סעקונדע.

**נעמי ענדיגט צו:**

אין גאנץ א קורצע צייט האב איך פארלוירן ביידע מיינע זין, זייער פלוצלינג. און אזוי בין איך געבליבן אינגאנצן אליין. מיין מאן איז שוין לאנג נישט געווען צווישן די לעבעדיגע, און כאטש איך האב פרובירט אויפצובויען א לעבן פאר זיך דא אין מואב, האב איך יעצט גארנישט געהאט. איך בין געווען צעבראכן און דערשלאגן.

איך האב ביי מיר געוואוסט אז איך מוז צוריקגיין קיין ירושלים. דאס איז דאס איינציגסטע ארט וואו מיין נשמה קען געפינען אביסל טרייסט און א נחמה.

איך האב געלאזט וויסן פאר מיינע שנורן, ערפה און רות, אז איך פלאן צוריקצוגיין, און ביידע האבן געוואלט מיטקומען מיט מיר. בשעת איך האב זיך געפאקט, האב איך זיי געבעטן זיי זאלן זיך איבערקלערן. "איר זענט נאך יונג," האב איך געזאגט, "איר קומט פון חשובע משפחות אין מואב, און איר קענט אנהייבן א נייע לעבן דא אין אייער היים. פארוואס זאלט איר מיטקומען מיט מיר צו א פאלק וואס וועט אייך נישט אננעמען? איר וועט נאר ליידן בושות דערפון."

דאך האבן זיי אנגעהויבן גיין מיט מיר צופוס – אזוי זענען מיר געגאנגען: ערפה, רות און איך. נאך א שטיק צייט אבער, האט ערפה טאקע געטוישט איר מיינונג; מיר האבן זיך געקושט און געזעגנט, אבער רות האט זיך נישט געלאזט אפרעדן.

"דיין פאלק איז מיין פאלק, און דיין גאט איז מיין גאט," האט זי געזאגט. זי האט נישט געוואלט הערן פון גארנישט. "איך וויל גיין מיט דיר," האט זי זיך שטארק גע'עקשנ'ט. זי איז מיטגעגאנגען מיט מיר, שלעפנדיג זיך צופוס דורך די היץ און די סכנות, ביז מיר זענען אנגעקומען צוריק קיין ירושלים.

...

און אזוי איז נעמי צוריק אנגעקומען קיין ירושלים מיט א יונג מואב'יש מיידל ביי איר זייט.

רות האָט זיך שפעטער מגייר געווען, און בזכות איר צניעות האָט זי זוכה געווען חתונה צו האָבן מיט בועז. פון איר איז אַרויסגעקומען אונזער רועה נאמן, דוד המלך – און די גאנצע מלכות בית דוד.

דוד האָט איבערגעלאָזט פאַר אונז אַ מתנה: אַ דירעקטן קשר וואָס יעדער איד קען ניצן צוצוקומען צום באַשעפער אין יעדן מצב – דאָס תהילים'ל. אונזער שטעקן זיך אָנצולענען, ווי דער הייליגער רבי רופט עס אָן. לאָמיר עס עפענען און זיך געפינען אין די הייליגע ווערטער וואָס זענען געשריבן געוואָרן פאַר יעדן איד אין סיי וועלכן מצב. אַז מיר פלעכטן אַריין אביסל דאַנק און אייגענע בקשות אין דער אייגענער שפּראַך, וועלן מיר זיכער פועל'ן שיינע זאַכן.

מיר קוקן שוין אַרויס, מיט וואַרימע תפילות אויף די ליפּן, זוכה צו זיין צו דער גאולה שלימה ווען מיר וועלן שוין אָט אויסגעלייזט ווערן דורך משיח בן דוד, בב"א.


אשת



ש. טראכטער

# חבר

מאמי, דו הערסט ווי שיין חיים'ל קען די אקדמות?"

די מאמע הערט זיך צו מיט טרערן אין די אויגן און שעפט נחת.

...

"מיין רבי האט געזאגט א טעם פארוואס מען עסט מילכיגס, ווייל מוהרא"ש זאגט אז..."

טאטע און מאמע הערן מיט אינטערעס און זאגן: "שכח אייבערשטער."

...

"וואו איז משה?" וואונדערט זיך די מאמע.

"משה איז אינדערוויסן."

א בליק ארויס און די מאמע זעט א סצענע וואס צונעמט איר דאס הארץ. משה'לע, קוים אכט יאר אלט, זיצט אין פעלד; זיינע אויגן קוקן ארויף צום הימל בשעת זיינע ליפן שעפטשען.

שפעטער פרעגט די מאמע: "משה'לע, וואס האסטו געטון אינדערוויסן?"

"איך בין געגאנגען התבודדות," ענטפערט משה'לע מיט א לויטערע תמימות.

"וואס האסטו געזאגט פארן אייבערשטן?"

"אז איך וויל אזוי שטארק זיין אן ערליכער איד. מיין רבי האט היינט דערציילט אז דער הייליגער רבי האט געזאגט, אז צו אלע זיינע מדריגות איז ער צוגעקומען נאר ווייל ער האט אסאך גערעדט צום אייבערשטן."

...

"יצחק?"

"נא???"

א בליק אריין אין ספרים שטוב און דער טאטע צעשמייכלט זיך. יצחק, עלף יאר אלט, האלט שוין באלד ביים מסיים זיין די זעקסטע מאל משניות, און דאס איז אלעס אויף זיין אייגענע צייט אן קיין שום פרעשור.

"מיין רבי האט געזאגט אז דער ראש ישיבה זאגט..."

...

"טאטי, איך מעג גיין אין כולל בוקר?"

אפרים האט קוים בר מצוה געהאט און זיין הארץ פלאקערט שוין פארן אייבערשטן. אונזער צדיק 'וויל' גיין לערנען; דאס איז אן קיין פראגראם און אן קיין משגיח, נאר פון זיך אליינס. שכח אייבערשטער, דעם דרך הלימוד מאכט אים 'הינגעריג' פאר נאך תורה.

וויפיל מאל דאנקען טאטעס און מאמעס שטילערהייט פאר דעם נס אז אונזערע קינדער וואקסן אויף מיט אזעלכע הייליגע שאיפות? פאר רוב פון אונז איז דאס עפעס וואס מיר האבן זיך אמאל נאר געקענט דמיונ'ען אין א חלום.

דער ראש ישיבה שליט"א האט באוויזן א נס מיט אונז. עס זענען געווען אזויפיל טייערע און ערליכע אידן וואס זענען געזעצן ביי מוהרא"ש און געטון די עצות פונעם הייליגן רבי'ן, אבער זיי האבן

דער ראש ישיבה אין חדר



נישט געהאט קיין מוסדות פאר זייערע קינדער. וואס עס האט פאסירט נאכדעם איז א גרויסער ווייטאג: די קינדער האבן זיך געשעמט מיט אומאן, געשעמט מיט'ן רבי'ן, און זיכער מיט מוהרא"ש. דעריבער האט זיך געשאפן א ווייטאגליך בילד פון א טאטע וואס גייט התבודדות יעדן טאג, לערנט "דרך הלימוד", איז מעביר סדרה פונקטליך ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, און לערנט דעם רבי'נס ספרים, אבער דאס קינד וויל אפילו נישט הערן פונעםווארט "ברסלב".

וואס קען שוין זיין א גרעסערער פארלוסט ווי ווען א טאטע האלט אין האנט א טייערן אוצר און וויל דאס אזוי שטארק איבערגעבן פאר זיינע קינדער, אבער זיי ווילן עס בשום אופן נישט נעמען?

דער ראש ישיבה שליט"א האט געמאכט א דורכבראך פאר אונז: "מוסדות היכל הקודש, נתייסד על ידי מוהרא"ש זי"ע בנשיאות הראש ישיבה שליט"א".

מיר האבן א מוסד וואס איז מחנך אונזערע קינדער מיט'ן זעלבן גייסט און חיות וואס מיר לעבן. שכח אייבערשטער אז דער ראש ישיבה שליט"א גיט אוועק זיין גאנץ לעבן אריינצוברענגען די הייליגע רבינ'ס עצות פאר אונז, מיט'ן שכל פון מוהרא"ש. שטעלט זיך פאר ווען אלעס וואס מיר ווייסן און אטעמען וואלט נישט אריבער צום נעקסטן דור. ווי דער הייליגער רבי האט געוואלט: "אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון."

מה דאך וואס די הייליגע דרשות פונעם ראש ישיבה שליט"א טוען מיט מיר אלס אן ערוואקסענער מענטש, קענט איר זיך פארשטעלן וואספארא צדיקים עס וואקסן אונטער ווען מען פיטערט זיי שוין פון געבורט אן מיט די הייליגע לימודים? שטעלט זיך פאר וואס עס וואקסט אויס פון א קינד וואס גייט שלאפן מיט מעשה'לעך פאר קינדערלעך, גייט אין חדר צו א מלמד וואס האלט שוין נאך "דרך הלימוד" און איז זיך מתבודד אויף יעדן קינד, קומט אהיים צו א שטוב וואו טאטע און מאמע האבן דעם שכל זיך מבטל צו זיין צום צדיק, און שמועסט מיט שכנים און חברים וואס רעדן די זעלבע שפראך, ווי: "אומאן", "ראש ישיבה", "מיין טאטע איז ביים שיעור", "מיין ברודער מאכט נאך א סיום משניות!" וכו' וכו'...

מודה אני לפניך על כל החסד אשר עשית עמדי. אונזער מויל טאר נישט אויפהערן דאנקען און לויבן דעם אייבערשטן אויף דעם גרויסן חסד אז מיר זענען זוכה אז אונזערע קינדער ווערן נתחנך אין אזא הייליג פלאץ.

אין די זעלבע צייט, א ווארט צו אלע תלמידי היכל הקודש איבער די וועלט וואס זענען נאכנישט זוכה אז זייערע קינדער זאלן באקומען דעם הייליגן, ריינעם און אומשאצבארן חינוך: עס לוינט נישט צו ווערן צובראכן, נאר מיר דארפן געדענקען אז מיט תפילה איז מען זוכה צו יעדע זאך; דאס איז אונזער שטערקסטע געווער. עס זענען דא זאכן וואס פארלאנגען מער תפילות ווי אנדערע זאכן, און אויב מיר וועלן מאכן איין תפילה און נאך איינס, וועלן מיר ענדגילטיג זוכה זיין דערצו: "הייליגער באשעפער, געב מיר קינדער, ערליכע קינדער וואס זאלן נתחנך ווערן אויפן דרך פון צדיקים. געב מיר די זכיה, אייבערשטער, אז מיינע קינדער זאלן באקומען דעם חינוך וואס דער ראש ישיבה געבט פאר די קינדער."

מיר ווייסן אלע אז נאר א דאנק אונזערע טייערע מלמדים, וועלכע זענען די געטרייע שליחים פונעם ראש ישיבה שליט"א, איז מוסדות היכל הקודש צושטאנד קומען.

אפטמאל זענען מיר א "מאמענט פון נחת" ווען אונזערע קינדער לעבן מיט די עצות, זינגען אזוי הארציג ניגוני התבודדות ותשובה, און מיר שטוינען און דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געטרייע מלמדים וואס מיר זענען זוכה צו האבן. צומאל געדענקען מיר, און (מער) צומאל פארגעסן מיר צו באדאנקען די געטרייע מלמדים (און טיטשערס) פון אונזערע קינדער.

צי ווייסן מיר באמת צו שאצן און שעצן וואס א מלמד לייגט אלץ אריין? צו זענען מיר געגוג מכיר טובה? צו ווייסן מיר וואס די "ווייב פונעם מלמד" געט אלץ אוועק פאר די הצלחה און תורה פון אונזערע קינדער?

לכבוד שבועות, ווען אידן איבער די גאנצע וועלט בעטן זיך ביים אייבערשטן "והאר עינינו בתורתך... ודבק לבנו במצוותיך...", איז דאס א פאסיגע צייט צו הערן פון די טייערע אידישע פרויען וועמענס מענער זענען "עוסקים עם הציבור" און געבן אוועק זייערע טעג און יארן פארן תכלית און עתיד פון אונזערע קינדער.

ווען איך האב גערעדט מיט די טייערע פרויען, האב איך צום ערשטן מאל געכאפט: "די מלמדים מיט זייערע משפחות זענען אמת'ע עסקנים פאר כלל ישראל." אנדערש ווי ווען א מאן ארבעט אין אן אפיס, איז די ארבעט פון זיין א מלמד - ספעציעל אין היכל הקודש - אן ארבעט פון פיר און צוואנציג שעה ארום דעם זייגער, צוועלף חדשים א יאר.

ליינט מיט הנאה!

נ.ב. באמת וואלטן מיר געדארפט אנרופן אלע טייערע ווייבער פון אונזערע חשוב'ע מלמדים, סיי פון ארץ הקודש און סיי פון חוץ לארץ, נאר היות די צייט האט נישט ערלויבט, האבן מיר נאר אריינגעלייגט עטליכע.

מיר שטעלן אייך פאר:

ש. ל. פליישמאן - קרית ברסלב (מו"ה יואל משה עזרא פליישמאן הי"ו)

ה. סאמעט - קרית ברסלב (מו"ה יחזקאל סאמעט הי"ו)

ש. שניצלער - קרית ברסלב (מו"ה שלום שניצלער הי"ו)

ח. ר. ראנד - קרית ברסלב (מו"ה אשר ראנד הי"ו)

ח. שניצלער - קרית ברסלב

(מגיד שיעור מו"ה יוסף שניצלער הי"ו)

**א. שטיינבערג - בארא פארק** (מגיד שיעור מו"ה ישראל שמעון שטיינבערג הי"ו)

**ה. סאקס - טברי'** (מו"ה יוסף סאקס הי"ו)

## וואס מיינט "א ווייב פון א מלמד?"

**ש. ל. פליישמאן:** אשת חבר כחבר. דער מלמד בויט א מלוכה פארן אייבערשטן, זיין ווייב האט א גלייכע שותפות. א ווייב פון א מלמד איז זייער א טייערע פרוי, יא, נאר מיטן זיין א ווייב פון א מלמד.

דער ראש ישיבה שליט"א רעדט אלץ וויפיל א מלמד גיבט זיך אוועק זיינע כוחות, זיינע קישקעס, זיין מח. מיט דעם אז זי איז מעודד און מחזק, איז זי די "behind the scenes power pack" פון אלע הייליגע זאכן וואס מען טוט אין חדר. זי נעמט קרעדיט אויף די שמייכלעך מיט וואס איר מאן לעבט אויף זיינע תלמידים, אויף די מידות טובות און יראת שמים וואס ער לייגט אריין, און אזוי ווייטער.

עס פעלט שווער? שכח אייבערשטער פאר די זכיה. און ווען מען איז נאר א מענטש און עס פעלט שווער, דער מאן איז פארנומען פיזיש עפעס פון חדר אדער במוח. יא, א מלמד'ס קאפ און מוח איז כסדר מיט זיינע תלמידים. תלמידים קרויים בנים. דארף מען בעטן דעם אייבערשטן צו האבן כוחות פאר די גוטע ברכות. פונקט ווי קינדער זענען א ברכה, נאך א בעיבי, נאך א ברכה, און מען דארף בעטן דעם אייבערשטן צו האבן כוח פאר די ברכות, אזוי איז אויך מיט א מלמד.

**ה. סאמעט:** איך דאנק און לויב דעם אייבערשטן פאר די מורא'דיגע זכיה אז מיין מאן'ס טעג און יארן גייען אריבער מיט די הייליגע ארבעט פון זיין א מלמד. איך בין זייער דאנקבאר צום אייבערשטן אז מיין מאן איז פארנומען א גאנצן טאג מיט הייליגע זאכן.

זיין א ווייב פון א מלמד מיינט צו זיין א שותף אין די הייליגע ארבעט וואס נעמט ארום דעם גאנצן "מאן". א ווייב פון א מלמד פילט אז איר מאן ארבעט "א גאנצן טאג", ער האט נישט קיין 'אף'. ביי לאנטש איז ער פארנומען מיט א קינד, נאך חדר רעדט ער מיט'ן טאטן פון יענעם קינד, און פארנאכטס איז ער פארנומען אויסצוארבעטן א מהלך פאר א דריטן קינד, און אזוי ווייטער. א ווייב פון א מלמד ווייסט אז איר מאן איז כסדר פארנומען ארום דעם חדר, זיינע תלמידים און די לימודים, און אז זיין גאנצער סדר היום דרייט זיך ארום דעם 'חדר'.

מיין מאן זאגט אלעמאל אז זיינע תלמידים זענען ממש ווי זיינע אייגענע קינדער, און ער פירט זיך טאקע אזוי. אויב עס פעלט עפעס אויס צו קויפן פאר'ן קלאס, ווי צום ביישפיל א זייגער פאר די קלאס צימער, אדער עפעס אנדערש, קויפט ער עס אליין. איך האב אים איינמאל געפרעגט: "פארוואס בעטסטו נישט אין אפיס?" אבער ער שפירט אז פונקט ווי אינדערהיים טוט ער וואס מען דארף, אזוי איז אויך ביי אים אין קלאס. שכח אייבערשטער.

**ח. שניצלער:** עס איז א געוואלדיגע זכיה אויף וועלכע איך דאנק דעם אייבערשטן. די תלמידים פון מיין מאן זענען ווי זיינע קינדער, און דאס מיינט אז ער איז מתפלל פאר זיי פונקט ווי מען איז מתפלל פאר אייגענע קינדער. מיין מאן פארברענגט זיינע טעג צווישן די ווענט פון ישיבה, וואו ער האט די זכיה איבערצוגעבן פאר'ן קומענדיגן דור דעם רבינ'ס לימודים, און דאס איז א געוואלדיגער זכות פאר מיר. בשעת איך בין די זעלבע פרוי ווי א צווייטער און איך טו די זעלבעווירטשאפט, דאפעלט זיך מיינע זכותים ווייל מיין מאן איז עוסק בתורה.

**ח.ר.ראנד:** די ווייב פון א מלמד מיינט אין איין ווארט: "גליקלעך!" ריכטיג, מיין מאן איז זייער זייער אויסגעמוטשעט סוף טאג, און צומאל קען איך נישט פארברענגען אזויפיל ווי אנדערע יונגע ווייבלעך, אבער איך דאנק דעם אייבערשטן אז זיינע כוחות גייען פאר גוטע זאכן.

**ה. סאקס:** איך פערזענליך שפיר פשוט ווי איך האב געלאנדעט אין גן עדן. איידער מיין מאן איז געווארן א מלמד, איז ער געווען א משגיח פאר די עדה אויף די עופות (טשיקן). זיין ארבעט האט נישט געהאט קיין באשטימטע שעות. צומאל האט ער געדארפט ארויספארן אינמיטן די נאכט, און צומאל האט ער געארבעט ביז שפעט ביינאכט. אנדערע טעג האט ער בכלל נישט געהאט קיין ארבעט, און אנדערע טעג האט ער געארבעט פון זעקס נאכמיטאג ביז פיר פארטאגס. אפגערעדט אז ער האט געדארפט ארבעטן חול המועד. דאס האט נאטירליך זייער צושטערט דעם סדר היום.







ר' יואל משה פליישמאן אין כתה

ווי נאר מיין מאן איז געווארן א מלמד, האט ער באקומען א באשטימטע סדר היום, און נאך בעסער, א סדר היום וואס פילט אים אן מיט סיפוק און געשמאק.

יעצט איז ער טאקע פארנומען א גאנצן טאג מיט די מלומדות, און זיין קאפ, מחשבה און הארץ ליגן אין די תלמידים, און ער דארף אויפשטיין גאר פרי ווייל ער וויל זיך נאך מתבודד זיין און לערנען זיינע שיעורים איידער ער גייט אין חדר, דאך איז עס א גן עדן.

**ש. שניצלער:** א ווייב פון א מלמד מיינט אז איר מאן ארבעט א הייליגע ארבעט, און דער אייבערשטער איז זיין בעל הבית. דאס מיינט אז מיר קענען נישט באשליסן יעצט אוועקצופארן, נעמען 'אף' אדער זיך גרינג מאכן... ווען מען ארבעט פאר א בעל הבית, א בשר ודם, אין א קאמפעני איז עס אן אנדערע מעשה. חוץ פון דעם וואס א געהעריגער ארבעטער באקומט באצאלטע וואקאציע טעג, און ער האט געווענליך זונטאג 'אף'. א מלמד אבער ארבעט "אלעמאל". אפילו שבת, ווען ער איז נישט פיזיש אין חדר, איז זיין הארץ, זיין נשמה און זיין מח ווייטער ביי די קינדער אין חדר.

די ווייב פון א מלמד דארף פארשטיין אז זי האט א גרויסע משפחה - די גאנצע קלאס פון איר מאן. דאס איז ביי איר מאן ממש ווי די אייגענע קינדער, ווי די גמרא זאגט "כאילו ילדו". זיין גאנצער קאפ און מחשבה דרייען זיך ארום די תלמידים.

אפילו ווען ער גייט אמאל איינקויפן אין גראסערי, לויפט דעם מלמד'ס מח: "דאס קען איך נעמען פאר די קינדער, און דאס וועט מיר העלפן גוט מסביר צו זיין די גמרא... וכו'."

דער גאנצער סדר היום דרייט זיך ארום דעם חדר. מען גייט שלאפן פרי, ווייל מען דארף שוין אויפשטיין... און א ברסלב'ער מלמד האט א שווערן סדר היום. דער ראש ישיבה שליט"א רעדט אזויפיל און פארלאנגט אסאך פון די מלמדים, ב"ה. א ברסלב'ער מלמד קען נישט סתם אזוי אויפשטיין און אריינגיין אין קלאס; ער קומט שוין אן אין חדר נאך זיין סדר פון שיעורים כסדרן, נאך התבודדות, און פארשטייט זיך נאך שחרית.

דאס מיינט אז מען מוז זיך לייגן פרי, כדי צו קענען אויפשטיין פרי מיט א ישוב הדעת.

זיין א ווייב פון א מלמד מיינט אויך אוועקצוגעבן אסאך פריוואטע צייט מיט'ן מאן, ווייל אפילו נאך די חדר שעה'ן איז ער כסדר פארנומען מיט די עלטערן פון די תלמידים. איך דאנק און לויב פאר די זכיה וואס איך האב, כאטש עס איז ווייט נישט אזוי גרינג.

## וואס זענען די אייגנארטיגע טשעלענדזשעס פון א ווייב פון א מלמד?

**ה. סאמעט:** א מלמד ארבעט א גאנץ יאר. דער איינציגסטער טאג כמעט וואס מיין מאן ארבעט נישט איז ערב פסח בדיקות חמץ. פאר א מאמע פון א שטוב מיט קינדער, ספעציעל אז מען וואוינט אין א שטעטל און מען דארף ערלעדיגן קליידער, שיך און זאכן פאר יום טוב, איז דאס א שטיקל שוועריגקייט. אזויווי אין שטעטל קען מען נישט פשוט "צוגיין" צום געשעפט און פאר יעדע זאך דארף מען א קאר, בין איך אנגעוויזן אין מיין מאן.

ממילא ווערן זייער אסאך זאכן אפגעשטופט אויף "איין טאג..."

אבער ב"ה, איך זע א מורא'דיגע סייעתא דשמיא. דער אייבערשטער העלפט יעדעס מאל אויף אזעלכע שיינע וועגן. דער הייליגער רבי זאגט: "ביי וועמען ער נעמט, געט ער", און איך שפיר עס בחוש.

אנדערע פארן ארום צו די געשעפטן, זיי קוקן, טראכטן און שפעקולירן, און

פארן צוריק נאכאמאל און נאכאמאל. אבער ב״ה, ווען איך גיי, טרעף איך גלייך אלעס וואס איך דארף. איך פאר ארויס איין טאג און ב״ה איך ערלעדיג אלעס אויף איינמאל. געלויבט דעם אייבערשטן אז עס פעלט נישט קיין שום זאך פאר מיר אדער פאר די קינדער; אלע האבן אלעס וואס זיי דארפן.

איין טאג האב איך געטראכט צו זיך, אז איך וואונדער מיך צי אנדערע מענער זענען אויך אזוי אויסגעמוטשעט ווי מיין מאן איז סוף טאג נאכ'ן פארברענגען אין חדר.

איין מאל איז איינער פון מיינע קינדער געווען צוגאסט ביי א חבר, און ער האט מיר שפעטער דערציילט: ״ווען זייער טאטע קומט אהיים, איז ער אזוי מיד אז ער פעלט גלייך איין אין א שלאף אויף די קאוטש (סאפע).״

איך האב דאן געטראכט צו זיך: ״יעדער איז אויסגעמוטשעט סוף טאג; שכח אייבערשטער אז מיין מאן'ס כוחות גייען אויס אויף זאכן וואס בלייבן.״

**ה. סאקס:** איך הער פון אנדערע ווייבער פון די מלמדים אז פאר זיי איז זייער שווער דער פאקט אז היכל הקודש האט חדר ממש ביז בדיקות חמץ. ביי אונז אין ארץ ישראל איז דאס נישט קיין איינגעפירטע זאך; אלע ענדיגן שוין ו' ניסן. מילא איז דאס זייער שווער פאר א מאמע פון קליינע קינדער וואס איז אנגעוויזן אויף די הילף פון איר מאן, נאכדערצו ווען די גאסן זענען פול מיט קינדערלעך וואס האבן שוין אלע בין הזמנים. ב״ה פאר מיר איז עס נישט נוגע, ווייל איך האב א שטוב מיט מיידלעך, אבער וואס טוט טאקע א יונג ווייבל מיט פיצלעך קינדער וואס ווארט אז דער טאטע זאל צולייגן א פלייצע? איך ווייס טאקע נישט.

**ח. שניצלער:** ברוך ה' אז דער זכות פון האבן א מאן א מגיד שיעור, נאכדערצו ביים רבי'ן, וועגט איבער די אלע טעכנישע שוועריגקייטן. למשל, דאס וואס איך קען קיינמאל נישט צוקומען צו מיין מאן אינמיטן טאג; ווען מען פארט אריין אין שטאט צום ראש ישיבה, איז דאס אן ארבעט וואס נעמט אויף א לאנגע צייט, סיי דאס מסדר צו זיין, שאפן וועגן, רופן און קאנפירמען מיט יעדן איינעם, און עס קאסט אויך אפ אסאך כוחות אויפן קומענדיגן טאג. אויך האלט די ארבעט פארנומען מיין מאן צומאל אין זייטיגע צייטן, אבער דער ריווח פון האבן א מאן וואס זיצט בין כותלי הישיבה וועגט פיל מער איבער, און דאס מאכט די גאנצע אטמאספער אין שטוב תורה'דיג.

**ח.ר. ראנד:** איך קוק עס אן ווי א שותפות. דאס איז עפעס וואס 'מיר' ווילן ביידע; עס איז 'אונזער' זכות. פונקט ווי ווען א מאן איז זייער פארנומען ווייל ער עפנט א נייע ביזנעס, און ער דארף צוליב דעם וועקפארן, איז די ווייב נישט ברוגז – אזוי אויך שפיר איך אז 'דאס איז אונזער ביזנעס'. מיר בויען יעצט אויף אונזער עשירות, ממילא איז מיין מאן פארנומען דערמיט, אבער איך 'וויל' עס. איך דאנק און לויב אז איך האב די זכיה אז מיין מאן איז משמש דעם רבי'ן.

ב״ה אז מיין מאן איז א מלמד; טאקע דערפאר קען איך אסאך מאל נישט פארן צו שמחות, ווייל ער דארף זיך לייגן פרי כדי צו קענען אויפשטיין פרי און זיין אויסגערוהט פאר די תלמידים. אבער דאס איז קליין געלט קעגן די ריווח.

**ש. שניצלער:** אזויווי דער גאנצער סדר

**ר' יחזקאל סאמעט מיט די קינדער**







היום דרייט זיך ארום דעם חדר, ווערט אונזער לעבן אין א געוויסן זין א רשות הרבים. מיר זענען נישט פריי אויסצושטעלן אונזער סדר היום לויט אונזער גוסטע, נאר אלעס דארף שטימען מיט'ן 'חדר'.

ב"ה, איך דאנק און לויב דעם אייבערשטן אויף די זכיה. עס איז זיכער אז אזא זכות קומט מיט א טייערן פרייז: פון איין זייט געבן מיר אוועק זייער אסאך צייט פון פארברענגען און שמועסן - א מלמד איז פארנומען פון מוצאי שבת, ווען ער גרייט זיך שוין אן פאר די וואך, ביז ערב שבת ווען ער קומט אהיים אויסגעשעפט פון א גאנצע וואך - אבער פון די צווייטע זייט באקומען מיר אזוי סאך; מיר לייגן אוועק אייביגע רווחים. זיין א מלמד איז א רוחניות'דיגע אחריות וואס נעמט איבער דאס גאנצע לעבן פונעם מלמד און זיין שטוב.

**א מלמד איז דאך נישט סתם אן "ארבעט" וואס קען ווערן באצאלט; עס איז "והקרן קיימת לו לעולם הבא". וויאזוי שטימט עס אבער אינעם טאג-טעגליכן לעבן?**

**ש. ל. פליישמאן:** ס'איז יא א באצאלטע ארבעט, דער אייבערשטער באצאלט.

אן אינטערעסאנטע מעשה וואס האט פאסירט מיט מיין זיידע עליו השלום, ר' שלמה גבריאל פליישמאן עליו השלום. נאך די צווייטע וועלט מלחמה איז ער געווען א מלמד פאר די שארית הפליטה, יונגע יתומים. ער אליין איז געווען אן אוד מוצל מאש, פארלוירן זיין גאנצע משפחה רחמנא ליצלן אין די נאצישע גיהנום, און געבליבן איינער אליין, אן עלנדע צווייגל פון א גרויסע הערליכע בוים.

זיין מוט האט ער אבער נישט פארלוירן. ער האט זיך געזעצט לערנען מיט קינדער פון אלע יארגענג, דאס הייסט, ער איז געווען אן אלף בית, עברי מלמד, א חומש מלמד, משניות, גמרא, וכו'. איין שעה האט ער געלערנט מיט איין יארגאנג, און נאכדעם גענומען די נעקסטע יארגאנג און געלערנט מיט זיי וואס זיי דארפן קענען. אזוי א גאנצן טאג. דערווייל וואס ער האט געלערנט מיט די אנדערע עידזש, האבן די אנדערע קינדער געהאט לאנטש, זיי האבן געקענט עסן, שפילן. אבער ער? ער האט נישט גענומען קיין ברעיק. ער האט געהארעוועט און געאקערט מיט די שעפעלעך אָן אַן אפשטעל.

ווען ער פלעגט פארציילן פון יענע תקופה, האט ער געזאגט אז ער האט געזאגט פארן אייבערשטן, "באשעפער, איך ארבעט מיט דיינע קינדער אווערטיים, גיב מיר אויך אווערטיים - א לאנגע לעבן." און ער האט טאקע מאריך ימים געווען ביז די 94 יאר. דער חיזוק זאל זיין א זכות פאר אים, ר' שלמה גבריאל בן ר' יעקב קאפל ז"ל.

**ח. שניצלער:** עס שטימט טאקע נישט, ב"ה. דער אמת איז אבער, אז נישט די ארבעט אליין ברענגט דאס געלט. איך קוק זיך ארום און זע אז מענטשן ארום מיר ארבעטן זייער שווער ביז שפעט ביינאכט און זיי האבן אויך נישט קיין געלט; אויך זיי קענען זיך נישט אלעמאל ערלויבן וואס זיי ווילן. דא אין עולם הזה מוטשעט זיך יעדער; וואויל איז דעם וואס מוטשעט זיך פאר זאכן וואס בלייבן אייביג.

אבער גראדע... מיין מאן מאכט זייער שיין... נאר ער לייגט דאס אוועק פאר סעיווינגס - פאר יענע וועלט!

איך דערמאן זיך א שיינע מעשה וואס איך האב געהאט יארן צוריק. עס איז געווען פאר פסח און מיר האבן זיך געריסט צו מאכן די ערשטע סדר אינדערהיים. איך האב זייער געוואלט האבן א שיינע "היסב בעט סעט" א איינציגע סארט מצה טאש, אפיקומן האלטער און קישן. אבער עס האט געקאסט אסאך געלט און מיר האבן זיך עס ב"ה נישט געקענט ערלויבן.

מיר האבן אבער תפילה! איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך וויל זייער שטארק א שיינע סעט לכבוד פסח. איך האב אפילו געוואוסט וועלכע סארט איך גלייך. א געוויסע סעט מיט שיינע שטיינער, אבער איך האב פארשטאנען אז עס איז צו טייער. נו, אבער תפילה קאסט נישט קיין געלט!

אפאר טעג פאר פסח איז מיין מאן אריין אין ספרים געשעפט זען וויפיל די 'ביליגסטע' מצה טאש וועט אונז קאסטן. דאס האט ער דאך געמוזט האבן. ער האט זיך נאכגעפרעגט אויף די פרייזן און געזען אז אפילו דאס איז געווען מער ווי אונזערע יכולות. ער האט זיך באדאנקט און איז ארויס פון געשעפט מיט ליידיגע הענט.

מיר האבן נאך אביסל תפילה געטאן... די קומענדיגע טאג איז אנגעקומען צו אונז א הערליכע מתנה פון איינער פון די עלטערן פון אונזערע תלמידים.

איך גלייב איר האט צוגעטראפן... א הערליכע סעט, פונקט די וואס איך האב זיך אויסגע'משל'ט אין חלום!!

**ה. סאקס:** עס איז זייער אינטערעסאנט, אבער די נומערן שטימען טאקע נישט. ווען מיין מאן האט געארבעט אלס משגיח האט ער געמאכט כמעט דאפלט, און עס פלעגט זיך אפטמאל שפירן א צמצום; היינט אבער, אפילו עס קומט אריין אזויפיל ווייניגער, זעט מען די ברכה פון רב"ן אין שטוב. איך געדענק נאך דעם ערשטן יאר האב איך זיך מתבונן געווען און געזען מיט שטוינונג און הודאה וויאזוי אויף אלעס וואס מען האט געדארפט איז ב"ה געווען מיט א שפע.

איך וועל נישט זאגן אז איך שפיר אלעמאל ווי דער "גביר" פון שטאט, אבער ערגער ווי פריער איז עס זיכער נישט! איך האב ממש נישט געקענט גלייבן וויאזוי מיר האבן ב"ה געקענט אריינברענגען דעם פסח מיט א שפע און זיך אפילו ערלויבן שיינע זאכן. ב"ה עס קומט אריין די ברכה.

עס איז ממש ווי דער ראש ישיבה שליט"א דערמאנט אונז כסדר, אז מען ארבעט נאר פאר די עבירות און פרנסה קומט פון הימל. עס איז נישט קיין נפקא מיני וויפיל מען מאכט, שפע איז פון הימל.

**ה. סאמעט:** מיין מאן זאגט כסדר אז ער גייט נישט אין חדר פאר געלט; ער גייט אין חדר ווייל ער וויל דעם זכות. געלט איז פון הימל. מען קען מאכן אסאך געלט און עס קומט נישט אריין קיין סימן ברכה דערין, און פארקערט אויך: א מאן קען זיין א מלמד און מען זעט א ברכה אין דעם וואס מען האט - מען האט אלעס.

ב"ה מיין מאן איז א מלמד, און מיר האבן זיך געקענט ערלויבן קויפן אונזער אייגענע דירה שנעלער ווי אנדערע אין מיין משפחה וואס האבן גרויסע ביזנעסער.

איך קוק זיך ארום צווישן באקאנטע און משפחה וואו דער מאן און די ווייב ארבעטן ביידע, און איך זע אז געלט און השפעות קומען פונעם אייבערשטן. מענטשן פרעגן מיר: "וויאזוי קען דאס זיין?" איך ווייס נישט; עס איז נסים. דער אייבערשטער מאכט נסים. אז מען טוט פאר'ן אייבערשטנ'ס קינדער, העלפט דער אייבערשטער.

איך וועל מיטטיילן איין מעשה וואו איך האב געזען א געוואלדיגע השגחה פרטיות. עס איז געווען פאר פסח און איך האב געדארפט קויפן שיך פאר די קינדער. אזויווי מיין מאן איז אהיימגעקומען פון חדר שפעט, האבן מיר נישט געקענט ארויספארן פאר זעקס אזייגער. מיר האבן געדארפט אנקומען קיין מאנסי, און די געשעפט האט זיך געדארפט שליסן זיבן אזייגער. איך האב אנגערופן די געשעפט און געפרעגט אויב זיי וואלטן געקענטווארטן א פאר מינוט אויף אונז.

ברוך השם זיי האבן מסכים געווען. די געשעפט איז שוין געווען אפיציעל געשלאסן, און אזוי האבן מיר געהאט 'אייגענע' צייט מיט'ן סעילסמאן, וואס האט זיך אפגעגעבן מיט אונז ביז 8:30.

עקסטער האב איך אויך געדארפט פארדרעכטן מיין וועקיום קלינער. איך האב אנגערופן דעם געשעפטסמאן, וועלכער האט מיר געזאגט אז ער שליסט שוין דאס געשעפט, אבער ער האט מיר געגעבן זיין סעלפאן נומער און מיר געזאגט אז איך זאל אים רופן ווען איך קום אן און ער וועט קומען צום געשעפט.

ער איז טאקע געקומען אפנעמען מיין וועקיום קלינער, און מיר נאך געזאגט אז "פונקט" מארגן קומט ער ארויס צו די קאנטרי, קיין גיבערס (וויזניץ), און ער וועט מיר צוריקברענגען מיין פאראכטענע וועקיום קלינער.

אזוי האבן מיר געזען, און מיר זענען כסדר, אסאך סייעתא דשמיא.

איידער מיר האבן געמופט אין שטעטל בין איך געווען אביסל באזארגט וויאזוי מיר וועלן זיך קענען דעקן אונזער דירה געלט אויב מיין מאן וועט זיין א מלמד. אבער ברוך השם, מיר זעען סייעתא דשמיא יעדן טאג באזונדער.

**ח.ר. ראנד:** איך האב גערעדט מיט א חבר'טע וואס איר מאן האט א הויך-באצאלטע ארבעט. זי האט זיך אפגערעדט אז זיי האבן נישט קיין געלט, ווייל איר מאן מאכט אזוי "ווייניג" געלט. די געהאלט וואס איר מאן פארדינט איז דריי מאל אזוי סאך ווי מיין מאן!



ר' שלום שניצלער אין כתה



ר' אשר ראנד ביי א סיום אלץ בחור אין ישיבה

איך האב געטראכט צו מיר: איר מאן מאכט דאך אזויפיל געלט און זי שפירט ווי זי האט גארנישט און קען זיך גארנישט ערלויבן, בשעת איך האב ב"ה אלעס און עס פעלט מיר גארנישט. קען זיין אז איך דארף פשוט וויניגער, איך ווייס נישט; אבער וואס איך דארף, געט מיר דער אייבערשטער.

מיר זענען ב"ה אסאך סייעתא דשמיא. זייט אונזער חתונה מוטשען מיר זיך צו טרעפן א קאר פאר מיין מאן. ווי נאר מיין מאן האט אנגענומען די מלמדות האבן זאכן זיך אנגעהויבן רוקן און מיר האבן עס געקענט ב"ה מסדר זיין. אזוי זענען מיר כסדר ווי דער אייבערשטער העלפט.

## וואס איז אייך מחזק?

**ש. ל. פליישמאן:** ס'איז זיכער זייער א גוטע זאך ווען מען טרעפט די ווייב פונעם מלמד זיך צו באדאנקען, און פארן מלמד אליין מעג מען זיך אפילו דערמאנען אפאר יאר נאכדעם, זיך דעמאלט אויך באדאנקען. אסאך מענטשן טראכטן קיצוני, עקסטרעם, סאו איך דארף אלעמאל כורעים ומשתחוים זיין פארן מלמד פון מיין קינד ווייל ער האט זיך אזוי אוועקגעגעבן? אדער גייט מען עקסטרעם די אנדערע וועג? ס'איז א מלמד פון פאריאר, ס'זאל זיין כאילו איך געדענק שוין נישט, איך באמערק אים נישט, און מ'וואקט ווייטער.

ניין, נעם א מיטל וועג, און ווארף אריין א גוט ווארט ווען דו טרעפסט אים, ווארף אריין, "איך געדענק נאך ביז היינט ווי גוט, פונטל פונטל וכו'". אויך, זיי מחנך דיין קינד צו די שיינע מדה פון הכרת הטוב, און הייס אים באגריסן זיין מלמד, און זיין פאריעריגע פאריעריגע מלמד.

**ה. סאמעט:** איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיין מאן דרייט זיך אין א הייליג מקום, ער איז נישט אויסגעשטעלט צו די נסיונות פון די גאס. אויך זאגט מיר מיין מאן אז צו זיין א מלמד איז א מורא'דיגע זכיה, סיי ווייל דאס איז ארבעט וואס מען נעמט מיט אהיים, און סיי ווייל אז מען ארבעט אין די מוסדות היכל הקודש איז מען א גאנצן טאג מקושר צום ראש ישיבה שליט"א.

איינער וואס ארבעט נישט אין די מוסד, "אטעמט" נישט די שיעורים און די לימודים א גאנצע וואך, און איז דעריבער אויסגעהינגערט סוף וואך צו הערן א ווארט פונעם ראש ישיבה. שכח אייבערשטער אז מיין מאן זעטיגט זיך און איז זוכה צו זעטיגן אנדערע מיט די הייליגע לימודים פונעם רבי'ן און די שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א. וואס קען זיין שענער פון דעם?

**ה. סאקס:** איך בין ב"ה מחוזק! איך קוק אויף וואס איך האב געהאט פריער. אזויווי דער ראש ישיבה שליט"א זאגט צומאל אז עס איז א נס אז ער איז געווען אין אנדערע חבורות פון ברסלב איידער ער איז אנגעקומען צו מוהרא"ש זי"ע, ווייל אזוי קען מען אים נישט אפנארן אז "דארט" איז דער אמת'ער אמת. אזוי אויך דאנק איך דעם אייבערשטן אז איך בין זוכה צו זען דעם חילוק. מיין מאן לעבט ב"ה! עס איז מיר א זכיה אז מיין מאן לעבט מיט די תורה און מיטן חומש. עס איז אזויפיל אנדערש ווי אנדערע ארבעט, ווייל מען לעבט מיט די חגים וזמנים.

**ח.ר. ראנד:** איך בין זיך מחזק אז עס לוינט זיך צו מוטשען פאר הייליגע זאכן. איך דאנק דעם אייבערשטן אז אונזערע טעג און יארן גייען אריבער מיט אייביגע זאכן.

**ש. שניצלער:** איך דאנק דעם אייבערשטן אז די כוחות גייען אוועק פאר גוטע זאכן, פאר זאכן וואס בלייבן אויף אייביג. איך דאנק דעם אייבערשטן אז מיין מאן דרייט זיך אין א הייליגע סביבה וואו ער קען בלייבן אפגעהיטן און ערליך.

**ח. שניצלער:** מיין מאן זיצט מיט אידישע קינדער און לערנט די הייליגע תורה. איך דאנק און לויב דעם אייבערשטן אז די טעג גייען אריבער מיט אזעלכע תכלית'דיגע זאכן. וואס נאך דארף איך?

איך האב לעצטנס געליינט א שיינע מעשה וואס האט מיר שטארק מחזק געווען און קען אויך מחזק אנדערע וואס דער מאן איז זוכה צו מרביץ תורה זיין. עס איז געווען א איד ר' שבתי קרעשאוווער ז"ל, וואס איז געווען א תלמיד פון הייליגן דברי חיים זי"ע און שפעטער פון דעם באבוב'ער רב זי"ע. ער איז געווען א גרויסער עובד השם און איז געווען אוועק פון שטוב פאר לאנגע תקופות צו זיין ביי זיינע רבי'ס און זיך לערנען א וועג אין עבודת ה'. זיין געטרייע אשת חיל, האט

זיך קיינמאל נישט אפגערעדט נאר מחזק געווען איר מאן נאכצוגיין זיינע הייליגע שאיפות און זיין פארנומען מיט דאווענען און לערנען.

יארן שפעטער איז זי געווען אמאל מיט איר מאן ביים הייליגן באבוב'ער רב און זי האט געזאגט פאר'ן רבי'ן, "איך וויל זאגן פאר'ן רבי'ן אז די אלע יארן וואס מיין מאן אזי געווען אוועק פון שטוב און מיר נישט געקענט העלפן מיט'ן ערציען די קינדער, איז פאר מיר געווען ווייט נישט קיין גרינגע זאך. דעריבער וויל איך פרעגן דעם רבי'ן אויב איך וועל זוכה זיין צו באקומען א גלייכע טייל אין די גן עדן פון מיין מאן?"

דער באבוב'ער רב האט אויפגעהויבן פארוואונדערטע אויגן און געזאגט צום מאן, "עס איז מיר א חידוש אז 'דו' פרעגסט נישט די שאלה. די שאלה וואלט געדארפט זיין אויב דו וועסט זוכה זיין צו האבן א חלק אין "איר" גן עדן. זי, מיט איר מסירת נפש, דארף נישט צוקומען צו דיין טייל."

די מעשה האט מיר זייער מחזק געווען, און איך בין זיכער וועט מחזק זיין אנדערע. יא עס איז נישט אלעמאל גרינג, אבער די שכר איז גאר גרויס.

וואס קענט איר זאגן איבער די גריסן וואס מען הערט צוריק?

**ש. ל. פליישמאן:** איך געדענק נישט פון איין טאג אויפן צווייטן, קענסטו מיר רופן קום געבן א גוטע גריס וועל איך ביים קומענדיגן שמועס קענען נאכזאגן די היינטיגע גרוס?! אבער שכח אייבערשטער אז די בעסטע גריס איז אויף קול ברסלב, צו הערן ווי דער ראש ישיבה שליט"א זינגט, "אוי אוי מלמדים, אוי אוי מלמדים, וואויל איז ענקער חלק בזה ובבא".





ר' ישראל יוסף שניצלער אין א שמועס מיטן ראש ישיבה שליט"א



אין א שפאציר מיט די בחורים

**ה. סאמעט:** ווען איך באקום א שיינע גריס פון א מאמע אדער פון איינעם וואס שיקט א גריס, אפילו עס איז כלי שלישי, געב איך דאס איבער פאר מיין מאן און דאס גיט אים אזויפיל כח אנצוגיין.

א מלמד, ווי געשריבן, ארבעט נישט בלויז פאר זיין פעיראל, און מען זעט נישט שטענדיג די ארבעט וואס ער לייגט אריין. עס איז גאר א שווערע עבודה, און מען באקומט נישט אלעמאל דעם גוטן געפיל צוריק; מען ארבעט דאך מיט קינדער.

ממילא ווען איינער נעמט די מי און רופט מיר אן, אדער איינער דערציילט מיר א שיינע גריס, און אוודאי ווען א טאטע גייט צו צום מלמד און זאגט אים איבער א שיינע זאך, איז דאס ממש געזעלין (בענזין) און עס גיט כח ווייטער צו שטופען. דאס איז דער עכטער פעי-טשעק!

צומאל מוטשעט מען זיך מיט א קינד אין חדר, און ווען דער טאטע ברענגט א גריס אדער פרעגט אפילו נאר: "וואס מאכט מיין קינד?", גיט דאס פארן מלמד פרישע כוחות. ער שפירט נישט ווי: "איך האב 'אפגעדראפט' מיין קינד ביי דיר און פארטיג." דאס גיט פארן מלמד דעם געפיל אז מיר זענען אין א שותפות, און אז איינער איז מכיר טובה זיין שווערע ארבעט.

**ה. סאקס:** פארשטייט זיך אז ווען מען באקומט גוטע גריסן גיט עס גלייך כח, און איך וועל עס גלייך איבערגעבן. מען לייגט דאך אריין די גאנצע הארץ און נשמה, דעריבער טוט עס אזויפיל אויף ווען מען הערט צוריק שיינע זאכן.

**ח.ר. ראנד:** א גוט ווארט געט כח, פונקט אזוי אדער אפילו מער ווי עסן! ווען א טאטע זאגט פאר מיין מאן א שיינע זאך וואס זיין זון האט נאכגעזאגט, געט עס אים כח פאר עטליכע טעג. א מלמד ארבעט זייער שווער, סיי פיזיש און סיי גייסטיש; זיין גאנצע הארץ און נשמה לייגט ער אריין אין די קינדער, און א גוט ווארט שטופט אים און געט אים כח אנצוגיין ווייטער.

**ש. שניצלער:** ב"ה אין היכל הקודש זענען דא אסאך וואוילע מענטשן וואס רופן איבערגעבן גריסן. שבת אין שול קומען געוויסע צו צו מיין מאן אדער צו מיר און געבן איבער שיינע גריסן פון זייערע קינדער. עס איז זייער מחזק צו הערן פון

א מאמע וואספארא תכלית איר זון האט דאס יאר און ווי צופרידן דאס קינד איז. עס איז אויך שיין צוריקצוהערן א גריס ווען איינער זאגט: "מיין שוועסטער האט מיר דערציילט אז איר זון..."

עס מאכט נישט אויס אויף וועלכן אופן די גוטע גריס קומט אן, גוטע גריסן זענען אלעמאל זייער מחזק. מען שפירט אז די שווערע ארבעט ווערט אנערקענט, און אז מען באמערקט אז דא שטייט א מלמד וואס גיט אוועק זיין גאנצע הארץ פאר די קינדער.

**ח. שניצלער:** איך פריי זיך זייער שטארק צוריקצוהערן, עס מאכט מיר שפירן זייער גוט צו טרעפן מענטשן וואס באדאנקען זיך פאר מיין מאן'ס ארבעט. ב"ה אז מען קומט זאגן שיינע זאכן. ווען איך זע אז איינער רופט מיר און ברענגט מיר א גריס, געבט עס כח אויף ווייטער.

## וואס קענט איר מיטטיילן מיט אונזערע טייערע ליינער?

**ש. ל. פליישמאן: יעדע קינד איז א בן יחיד ביים מלמד.**

און אויך דארף מען האלטן פאר די אויגן, אזוי ווי דער מנהל האט געזאגט אין די "וואס טוט זיך אין חדר" אפטיילונג אויף קול ברסלב, אז מלמדים זענען אויך מענטשן, זיי זענען בשר ודם, זיי קענען אויך פארגעסן, פארזען, מאכן טעותים וכו', און מ'דארף זיי אויך דן זיין לכף זכות, פונקט ווי איר ווילט נישט אז מ'זאל אייך אפשטעמפלען אלס נאכלעסיגע מאמע אלס א נאכלעסיגע נאכגעלאזטע מאמע ווען איר פארגעסט צו שניידן אייער קינד'ס נעגל וכו'. בכלל איז גוט אויסצוהערן די "וואס טוט זיך אין חדר" אפטיילונג, צו קענען זיין דאנקבאר פאר די עבודת הקודש און ארבעטן בשותפות.

דער אייבערשטער זאל געבן כח פאר אלע מצדיקי הרבים ככוכבים און פאר זייערע משפחות צו קענען ווייטער אנגיין מיט הרחבת הדעת.

**ה. סאמעט:** צומאל וואונדער איך זיך אויב עלטערן וואס טוען נישט אין חינוך, ווייסן וואס דער מלמד פון זייער קינד לייגט אריין אין זיין ארבעט.

איידער דער מלמד זאגט א ווארט פאר א קינד, וועגט ער און מעסט ער אפ צי, ווען, און וויפיל ער זאל זאגן.

איך ווייס נישט וויאזוי עס גייט אין אנדערע חדרים, אבער עס איז זייער, זייער שווער צו זיין א מלמד אין ברסלב. דער ראש ישיבה שליט"א האט אן אייגנארטיגן וועג אין חינוך, און א ברסלב'ער מלמד קען נישט אויסגעבן זיינע נערוון אויף א קינד, אפילו עס קומט אים "באמת"...

א ברסלב'ער מלמד קען נאר טון איין זאך: נאכאמאל רעדן, נאכאמאל זיך מתבודד זיין, נאכאמאל האבן סבלנות און נאכאמאל טראכטן עצות וויאזוי צו כאפן דאס הארץ פון דעם קינד. און דאס איז זייער א שווערע ארבעט! ש'כח אייבערשטער.

און אן עקסטערע שיינע נקודה... איינער האט אנגעטראגן פאר מיין מאן אן ארבעט נאך חדר. יענער איז נישט קיין ברסלב'ער, אבער וואוינענדיג אין די געגנט האט ער זיך באקענט מיט די היכל הקודש אינגעלייט. ער פרעגט מיין מאן: "וויאזוי מאכט עס דער ראש ישיבה? מען קען זיין א מלמד, א פאראמעדיק, און טון נאך זאכן, און דאס אלעס מיט א פשוט'ן סעלפאן, און א סמארטפאון?"

מיין מאן זאגט מיר כסדר: "אז מען האט שכל און מען פאלגט



ר' ישראל שמעון שטיינבערג אין א שיעור פאר די בחורים





דעם ראש ישיבה אפילו מען פארשטייט נישט, און אפילו ווען מען דארף צומאל וועקלייגן דעם אייגענעם שכל, קומט מען אן צו שיינע זאכן."

**ה. סאקס:** מיין מאן פלעגט איבערגעבן דעם דף שיעור דא ביי אונז אין טבריה יעדע נאכט. ער האט אבער געזען אז דאס מאכט אים גיין שלאפן שפעט, און ער האט נישט דעם מח אזוי קלאר אינדערפרי פאר די תלמידים; אויך האט דאס געמאכט אז ער זאל נישט האבן קיין צייט צו גיין התבודדות פארן חדר. ער האט אנגעפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א דערוועגן, און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט אז ער זאל קוקן אויף זיך. דעריבער האט מיין מאן טאקע אזוי געטון און אויפגעגעבן דעם שיעור. ביי א מלמד זענען זיינע תלמידים די וויכטיגסטע און דאס שטייט העכער אלעס.

נאך אן אינטערסאנטע זאך וואס איך קען צולייגן איז, אז די חדר אין טבריה האט זיך אנגעהויבן ממש ווי אן "אבות ובנים"; עס איז געווען איין מלמד מיט איין תלמיד, און דאס זענען געווען מיין מאן מיט מיין זון! דער מנהל איז אראפגעקומען און מען האט עס געהעריג מסדר געווען; מען האט געדינגען א פלאץ, מען האט עס נישט געמאכט אינדערהיים אויף אן אומאפיציעלן אופן, נאר ווי א געהעריגע זאך. מענטשן האבן געלאכט, אבער מיר



**ר' יוסף סאקס פון טבריה**

זענען אנגעגאנגען.

שפעטער איז צוגעקומען נאך איין קינד, וואס די יארגאנג איז געווען היבש אפגערוקט פון מיין זון. און נאך אביסל שפעטער איז צוגעקומען נאך תלמידים ביז מען האט דאס איינגעטיילט אין כיתות. כרגע איז מיין מאן א מלמד פאר דריי קינדער. וואס איך וויל ארויסברענגען איז, אז מיין מאן לייגט אריין זיין הארץ און נשמה - וואס א צווייטער לייגט אריין אין דרייסיג קינדער - לייגט ער אריין אין בלויז דריי קינדער, און איינער פון די דריי איז זיין אייגענער זון!

...

מיין מאן איז דער שליח צו גיין יעדע וואך צום ציון פון רבי מאיר בעל הנס מזכיר זיין די תומכים וואס שטיצן די מוסדות. איינמאל ווען מיין מאן איז דארט געווען, האט ער געבעטן דעם אייבערשטן אז ער זאל באקומען א גריס פון אויבן אז ער טוט טאקע עפעס אויף (יעדן גייט דאך דורך א חלישות הדעת אמאל).

ווי נאר ער איז אריינגעקומען אין קאר, האט אים דער דרייווער (וואס איז א טאטע פון א קינד אין חדר) געזאגט אז ער האט אים פונקט געוואלט זאגן ווי שטארק ער איז נתפעל אז זיין זון איז לעצטנס אזוי מקפיד אויף זמן קריאת שמע (מיין מאן האט טאקע גערעדט צו די קינדער דערוועגן). מיין מאן האט זיך זייער דערפרייט מיט דעם גריס פון הימל!

**ח. שניצלער:** פונעם שטאנדפונקט פון א מאמע, שטיי איך אליין און שטוין צו זען וואס די מלמדים טוען מיט די קינדער. איך אליין ווייס דאך וואס קינדער מיינען; איך זע עס ביי מיר אינדערהיים, און עס איז מיר א וואונדער וויאזוי די מלמדים פון מיינע קינדער באווייזן עס!

איך דערמאן זיך א זיסע מעשה. אין די ערשטע יארן פון תלמוד תורה, ווען מיין מאן איז געווען א מלמד (איידער ער איז געווארן מגיד שיעור), איז נאכנישט געווען צוגעשטעלט קיין פרישטאג אין חדר. יעדעס קינד איז געקומען שוין אפגעגעסן פרישטאג.

איין טאג איז אנגעקומען א אינגל מיט א פעקל פון זיין מאמע. די מאמע האט אינזין געהאט דעם מלמד מיט א פיינע 'באנדאש' פרישטאג. די מאמע האט געטראכט אז אפשר וועט זיך דער מלמד מחי' זיין.

מיין מאן האט שוין געהאלטן נאך פרישטאג און ער האט דאס אראפגעלייגט אויפ'ן טיש. אינצווישן זעט מיין מאן אז איין קינד איז ספעציעל אומרואיג און ווילד.

מיין מאן איז צוגעגאנגען צום קינד און אים געפרעגט, "צדיק, האסט געגעסן פרישטאג?" (שכח ראש ישיבה פאר די חינוך שיעורים...)

דאס קינד האט טאקע געענטפערט אז נישט. נו, האט שוין דער אייבערשטער צוגעשטעלט דורך זיינע געטרייע שלוחים א פיינע פרישע פרישטאג פאר דאס הינגעריג קינד!

**ש. שניצלער:** א שיינע גריס וואס מיר האבן צוריקגעהערט איז געווען אז איינער האט אונז דערציילט אז זייערע קינדער האבן זיך "געקריגט" ביים שבת טיש ווער עס האט די בעסטע רבי. ביז איין קינד האט זיך אנגערופן אז "מיין רבי האט מיר עכט ליב." האט דער ברידער געפרעגט, "פון וואו ווייסטו?" און דער אינגל ענטפערט, "איך האב אפילו געהערט ווי ער זאגט פאר זיידי!" שכח אייבערשטער אז מיר לעבן מיט די לימודים פונעם ראש ישיבה וואס געט די שכל וויאזוי זיך אומצוגיין מיט קינדער און זיי בויען כסדר.

מיר ווילן זיך באדאנקען פאר די חשוב'ע פרויען פאר'ן אוועקגעבן פון זייער צייט אונז צו געבן א בליק פון די אנדערע זייט, וואס עס מיינט "א מלמד". דערביי טוען מיר אייך וואונטשן אז איר זאלט זוכה זיין צו זען אסאך אידיש נחת פון די אייגענע משפחה און עס זאל מקוים ווערן די ברכה פון רבי'ן אז "ביי ווען איך נעם, געב איך. ■

# אויפן וועג אהיים

צוזאמענבליים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## ס׳האט אזויפיל שיינע קאלירן

איך בין א קליין קינד,
פארשפילט און געזונט,
עס רופט צו מיר מיין מאמע׳ן,
"ווילסט קומען צוזאמען?
ארויס פון די דירה׳לע,
כאפן א שפאציר׳עלע?"

איך זעה די גרינע בלעטער,
ס׳איז א געשמאקע וועטער,
אויך די בלומען דארטן,
רופן מיר צום גארטן.
עס בלאזט א קילע ווינט,
איך לויף מיר ווי א קינד,
מיין מאמע אויף מיר קוקט,
ווי איך לויף אזוי ענטציקט.

מיט איר בליק זי היט,
איך "פייגעלע" וואס פליט,
רופט מיר מיט א הויך קול,
צו ווייט נישט גיין איך זאל,
איך באמערק פון דער ווייט,
עפעס וואקסט דארט ביי די זייט,
א מאדנע הויכע געוויקס,
פון רויט און געל א מיקס.

איך לויף צו דעם מיט גלוסט,
"מיין קינד, וואטש וואס דו טוסט!"
מיין מאמע שרייט מיט ציטער,

"עס קען זיך ענדיגן ביטער!
מיין קינד, טו מיר גלייבן,
איך בין אויף דעם א מבין,
די מאדנע הויכע געוויקס,
איז פאר דיר נישט קיין גליקס.

איך פיל מען מאכט מיר ענג,
פארוואס איז מיין מאמע
שטרענג?
"מאמע, איך בעט דיר ביטע,
ביסט דאך אזא גוטע,
געב מיר כאטש די ברירה,
איז עס דען אן עבירה?"

זי גייט מיט מיר צוזאמען,
מיט א בליק פון ליבשאפט יאמען,
"איך האב דיר ליב מיין קינד,
איך וויל היטן דיין געזונט,
אויב כאפסטו אן דעם שטאם,
קען עס זיין פאר דיר סם.

ס׳איז נישט גוט צו פראבירן,
טו עס נישט אנרירן,
הער און פאלג דיין מאמען,
עס קען דיר פארסמ׳ען,
זאלסט עס נאר נישט קאסטן,
איך בעט דיר, טו מיר טראסטן."

איך בין שוין געווארן גרויס,
איך ווייס ווי איין ווי אויס,
ס׳איז too much איך טראכט,
אזא עסק מען מאכט,
עס בליטשקעט אזוי שיין,
איך פארשטיי שוין אליין.

שוין אזויפיל שנים,
שרייען די רבנים,
ווארענען מיט שיינעם,
בעטן זיך און וויינען,
א סמארטפאון עס איז,
ווי פון א שלאנג א ביס.

מיר ווי קליינע קינדער,
הערן מיט בייז וואונדער,
מען קען שוין מיינען,
וואס דארפן זיי וויינען?
ממש אזוי ס׳איז סם?
זיי זענען מגזים סתם.

ס׳האט אזויפיל שיינע קאלירן,
איך וויל עס נאר אנרירן,
איך האב שטארקע קרעפטן,
ס׳איז נאר פאר געשעפטן,
איך האב א דיסציפלין,
פארשטיי, איך מוז בלייבן "in".

איך בין א קליין קינד,
פארשפילט און געזונט,
עס רופט צו מיר מיין מאמע'ן,
"ווילסט קומען צוזאמען?
ארויס פון די דירה'לע,
כאפן א שפאציר'עלע?"

איך זעה די גרינע בלעטער,
ס'איז א געשמאקע וועטער,
אויף די בלומען דארטן,
רופן מיר צום גארטן.
עס בלאזט א קילע ווינט,
איך לויף מיר ווי א קינד,
מיין מאמע אויף מיר קוקט,
ווי איך לויף אזוי ענטציקט.

מיט איר בליק זי היט,
איר "פייגעלע" וואס פליט,
רופט מיר מיט א הויך קול,
צו ווייט נישט גיין איך זאל,
איך באמערק פון דער ווייט,
עפעס וואקסט דארט ביי די זייט,
א מאדנע הויכע געוויקס,
פון רויט און געל א מיקס.

איך לויף צו דעם מיט גלוסט,
"מיין קינד, וואטש וואס דו טוסט!"
מיין מאמע שרייט מיט ציטער,
"עס קען זיך ענדיגן ביטער!
מיין קינד, טו מיר גלייבן,
איך בין אויף דעם א מבין,
די מאדנע הויכע געוויקס,
איז פאר דיר נישט קיין גליקס.

איך פיל מען מאכט מיר ענג,
פארוואס איז מיין מאמע שטרענג?
"מאמע, איך בעט דיר ביטע,
ביסט דאך אזא גוטע,
געב מיר כאטש די ברירה,
איז עס דען אן עבירה?"

זי גייט מיט מיר צוזאמען,
מיט א בליק פון ליבשאפט יאמען,
"איך האב דיר ליב מיין קינד,
איך וויל היטן דיין געזונט,
אויב כאפסטו אן דעם שטאם,
קען עס זיין פאר דיר סם.

ס'איז נישט גוט צו פראבירן,
טו עס נישט אנרירן,
הער און פאלג דיין מאמען,
עס קען דיר פארסמ'ען,
זאלסט עס נאר נישט קאסטן,
איך בעט דיר, טו מיר טראסטן."

איך בין שוין געווארן גרויס,
איך ווייס ווי איין ווי אויס,
ס'איז too much איך טראכט,
אזא עסק מען מאכט,
עס בליטשקעט אזוי שיין,
איך פארשטיי שוין אליין.

שוין אזויפיל שנים,
שרייען די רבנים,
ווארענען מיט שיינעם,
בעטן זיך און וויינען,
א סמארטפאון עס איז,
ווי פון א שלאנג א ביס.

מיר ווי קליינע קינדער,
הערן מיט בייז וואונדער,
מען קען שוין מיינען,
וואס דארפן זיי וויינען?
ממש אזוי ס'איז סם?
זיי זענען מגזים סתם.

ס'האט אזויפיל שיינע קאלירן,
איך וויל עס נאר אנרירן,
איך האב שטארקע קרעפטן,
ס'איז נאר פאר געשעפטן,
איך האב א דיסציפלין,
פארשטיי, איך מוז בלייבן "in".

דער צדיק שרייט מיט ציטער,
עס קען זיך ענדיגן ביטער,
מיין קינד, טו מיר גלייבן,
איך בין אויף דעם א מבין,
ס'איז פארקערט פון א גליקס,
עס איז א loaded ביקס.

עס קען אפשר זיין,
מ'זעט נאך נישט די סם,
ס'איז נאך שיין פון דרויסן,
מ'דערקענט נישט קיין פויזן,
אבער אין יארן ארום,
זיין מוח איז שוין קרום.

פארלוירן איז די תמימות,
ער שפירט נישט קיין נעימות,

ער מאכט פון קודש חול,
קוקט אויף מצוות ווי אן עול,
נאר א פאון אין די הענט,
און אינעווייניג פארברענט.

**נאר** א פאון אין די הענט,
און אינעווייניג פארברענט,
ער טראכט נישט פון שפעטער,
ער שאפט זיך א היתר.
רבי, איך בעט אייך ביטע,
איר זענט דאך אזא גוטע.

פאר מיר אין מיין פאל,
איז נאר דאס דער אויסוואל,
רבי, מאך מיר נישט ענג,
איך קען נישט אזוי שטרענג,
מיט א טאטש מיט'ן פינגער,
עס מאכט די לעבן גרינגער.

איך בין אזוי גערעטן,
מיר וועט עס נישט שאטן,
ער גייט מיט מיר צוזאמען,
מיט א בליק פון ליבשאפט יאמן.
איך זארג פאר דיר מיין קינד,
איך וויל היטן דיין געזונט.

ניין, טו עס נישט קאסטן,
איך בעט דיר טו מיר טראסטן.
פארוואס זאלסטו ליידן?
דו קענסט עס פארמיידן,
אינגאנצן אויסקרויזן,
אוועקשטיין פון די פויזן,
זיין שטארק ווי א גיבור,
לכתחילה אריבער.
פארוואס זאגט עס מיין רבי'ן,
ווייל ער זארגט פאר מיין לעבן,
קומט אראפ צו מיין דרגא,
בעט פון מיר, זיי פון די שטארקע.

ער האט נישט קיין אינטערעס,
זע, ער מיינט נאר דיין בעסט.
ווילסט פילן באלעבאטיש?
נישט אויסזען פארצייטיש?
Ahead און פארגעשריטן,
ערלעדיגן אין מינוטן,
פון דעסטוועגן אפילו,
זוך נישט אויף א קולא.

מ'רעדט דא פון א סכנה,
פון א שווערע קללה,
מ'איז נישט פאנאטיש,
ווען מ'האט עס נישט,
Backdate, פארטאמט,
ווילסט ווערן פארסמ'ט?

אדרבה,
אן דעם לעבט מען איינגענעם.
עס איז פונקט פארקערט,
דאס לעבן האט א ווערד,
מיט value ספעציעל,
געשמאק און אריגינעל.

מיט א בליק א ווייטן,
ער זעט די רעזולטאטן,
דער צדיק זעט די חורבן,
וויפיל זענען שוין געשטארבן.
פאלג וואס פון דיר ער בעט,
גלייב אז מער פון דיר ער זעט.

מ'רעדט נישט פון א פאון,
וואס האט בכלל נישט א צוים,
דאס איז שוין די אפגרונד פון ר"ל
די הארבסטע זינד.
א תירוץ פון ביזנעס פאר כפירה
און זנות.

**ווער נישט א נעגאטיווע,**
**האט געזאגט דער ראש ישיבה,**
**נעמט די סמארטפאון שיעור**
**exclusively פאר דיר,**
**טו קיינעם נישט פיקסן,**
**זע נישט יענעמ'ס געוויקסן.**
**קוק אויף זיי ווי נעבעך,**
**ס'איז פון גליק דער היפוך.**

א גאנצן טאג זיי ווישן,
א סקרין פון מרעין בישין,
האב אויף זיי רחמנות,
זיי זענען דאך אין גלות.

"באשעפער, טו אפהיטן",
בעט פאר אלע אידן.
מיט תפילה וועסטו אויפטון,
**דיינע דורות האב אינזין.**
העלף אלע וואס פון מיר שטאמען,
זאלן שטיין ווייט פון די סמ'ען.

**ונהיה אנחנו וצאצאינו,**
לעבן א לעבן מיט די עצות פון
רבינו.

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**

קינדער היים

א לעכטיגן יום טוב
טייערע קינדערהיים
קינדער!




# דער הייליגער בעל שם טוב

יארצייט פון די וואך

# יאָרצייט פון די וואך

דער הייליגער

## בעל שם טוב

זי"ע

יארצייט:
ז' - ח' סיון

**יוֹם** טוֹב שָׁבוּעוֹת גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם הַקָדוֹשׁ הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אוּנְז אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

**"רַאטֶעוֶועט...! רַאטֶעוֶועט...! דֶער רֶבִּי זָאל עֶפֶּעס טוּן, מֶען גֵייט אוּנְז כִּמְעַט הַרְגְ'עֶנֶען!"**

אַלֶע לִיגְן גֶעבִּינְדְן, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, דֶער תַּלְמִיד רֶבִּי צְבִי אוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל; אַ בַּאנְדֶע יַם רוֹיבֶּערְס הָאבְּן בַּאפַאלְן דִי שִׁיף פוּנֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי רוֹיבֶּערְס זֶענֶען נִישְׁט פָּשׁוּטְ'עֶ רוֹיבֶּערְס וָואס זוּכְן גֶעלְט, זֵיי זֶענֶען פוּן דִי בַּאקַאנְטֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע גְרוּפֶּע מֶענְטְשְׁן פְרֶעסֶערְס, זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען מֶענְטְשְׁן אוּן עֶסְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן; זֵיי זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיכֶע רוֹצְחִים.

דֶער תַּלְמִיד פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֵויינְט, עֶר זָאגְט: "רֶבִּי טוּט עֶפֶּעס, רֶבִּי מַאכְט אַ נֵס". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב בְּלַייבְּט שְׁטִיל, עֶר זָאגְט שְׁטִילֶערְהֵייט: "אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן, אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט", אָדְל צוּאֲוֵויינְט זִיךְ, זִי זָאגְט: "טַאטֶע, רַאטֶעוֶוע אוּנְז, דִי רוֹיבֶּערְס גֵייעֶן אוּנְז שֶׁחְטְ'ן אוּן אוּנְז אוֹיפְעֶסְן", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "אִיךְ גֶעדֶענְק גָארְנִישְׁט"; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב לִיגְט גֶעבִּינְדְן אוֹיף דֶער עֶרְד, עֶר זָאגְט גָארְנִישְׁט, עֶר קוּקְט אַרוֹיף צוּם הִימְל, עֶר גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "אֶפְשָׁר גֶעדֶענְקְסְטוּ עֶפֶּעס?" "אִיךְ גֶעדֶענְק נָאר דִי א' ב'" - עֶנְטְפֶערְט דֶער תַּלְמִיד, זָאגְט אִים דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב: "אוֹיבּ אַזוֹי, הוֹיבּ אָן זָאגְן אָן אוֹת נָאךְ אַן אוֹת, אִין אַ רַייעֶ פוּן דִי א' ב', אוּן אִיךְ וֶועל דִיר נָאכְזָאגְן".

"א... ב... ג... ד..." דֶער תַּלְמִיד שְׁרֵייט דִי אוֹתִיוֹת אוּן דֶער בַּעַל שֵׁם טָב זָאגְט נָאךְ אוֹת בַּיי אוֹת... "ח... ט... י..."; וֶוען מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי אוֹתִיוֹת הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם זִיךְ אַלֶעס דֶערְמַאנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זֵייעֶר שְׁטַארְק בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ נֵס, מֶען הָאט פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְט וִוי שִׁיפְּן פַּייפְן; דִי רוֹיבֶּערְס הָאבְּן זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זֶענֶען אַנְטְלָאפְן, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ גֶערַאטֶעוֶועט.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ פוּן דִי מַעֲשֶׂה אַז מֶען זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ בֶּעטְן - קֶען מֶען בֶּעטְן אוֹיף דִי א' ב'; צוּם בֵּיישְׁפִּיל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל הָאבְּן אֶ'מוּנָה אִין דִיר, בְּ'טָחוֹן אִין דִיר, גְ'לֵייבְּן אִין דִיר, דַ'אוֶונֶען צוּ דִיר, הָ'אפְן צוּ דִיר" - אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אַז מִיר וֶועלְן נָאכְגֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן צַדִיקִים אוּן אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע אִיד. אִיךְ וִויל לִיבּ הָאבְּן נָאר תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת" וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

### אַ גֶעזוּנְטֶער חָסִיד

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז בַּאקַאנְט גֶעוָוארְן, זֶענֶען גֶעוֶוען פִּילֶע מִתְנַגְדִים. דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן דֶער שְׁטָאט שְׂדֵה לָבָן זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע קֶעגְנֶערְס פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב אוּן זַיין נֵייעֶם דֶרֶךְ - דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן חֲסִידוּת.

דֶער רָב פוּן דֶער שְׁטָאט שְׂדֵה לָבָן, וָואס אִיז אַלֵיין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵד. עֶר הָאט בַּאפוֹילְן אַז אוֹיבּ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב וֶועט אָנְקוּמֶען אִין שְׁטָאט, זָאל מֶען אִים נִישְׁט גֶעבְּן קַיין אַכְסַנְיָא זִיךְ אָפְּצוּרוּעֶן, אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הַקָדוֹשׁ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׂדֵה לָבָן, הָאט אִים קַיין אֵיין אִיד נִישְׁט אַרַיינְגֶעלָאזְט צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט פָארְן וַוייטֶער צוּ אַ צְוֵוייטֶער שְׁטָאט.

נָאכְדֶעם וָואס דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַוֶועקְגֶעפָארְן, הָאבְּן אַ גְרוּפֶּע אִידְן גֶעקְלַאפְּט אִין דֶער טִיר פוּנֶעם רָבְ'ס הוֹיז. זֵיי הָאבְּן אִים גֶעוִויזְן אַ שְׁטִיקְל פְלֵיישׁ אוּן גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה צִי עֶס אִיז כָּשֵׁר. זֵיי הָאבְּן גֶעוַוארְט מִיט שְׁטִילְקַייט אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ בִּיז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט דֶעם עֶנְטְפֶער פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסְן רָב: "עֶס אִיז כָּשֵׁר". דִי מֶענְטְשְׁן זֶענֶען צוּפְרִידְן אַהֵיימְגֶעגַאנְגֶען.

בַּיינַאכְט הָאט זִיךְ דֶער רָב פַארְטִיפְט אִין אַ גֶעוִויסְן סֵפֶר. אִינְמִיטְן לֶערְנֶען הָאט

עֶר צוּ זַיין שְׁרֶעק גֶעטְרָאפְן אִין סֵפֶר אַ בַּאוַוייז אַז דִי זַאךְ אוֹיף וָואס דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעפְרֶעגְט אַ שְׁאֵלָה אִיז טְרֵפָה.

דֶער רָב אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אוֹיף דֶעם וָואס דוּרְךְ אִים זֶענֶען דִי שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן אַדוּרְכְגֶעפַאלְן מִיט אַ גָאר הַארְבֶּע עֲבֵירָה, מֵיינֶענְדִיג אַז עֶס אִיז כָּשֵׁר. דֶעם רָב הָאט עֶס מוֹרָא'דִיג שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט גֶעדוֹיעֶרְט לַאנְג בִּיז עֶר אִיז מַמָּשׁ קְרַאנְק גֶעוָוארְן פוּן גְרוֹיס צַעַר. זַיינֶע גֶעטְרֵייעֶ קִינְדֶער זֶענֶען אַרוּמְגֶעפָארְן צוּ דָאקְטוֹירִים, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט אִים נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶעלְפְן.

שְׁפֶּעטֶער הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַז נִישְׁט וַוייט פוּן דֶער שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיש וואוֹינְט אַ גְרוֹיסֶער מוּמְחֶה. מִיט אַ תְּפִלָּה אוֹיף דִי לִיפְּן הָאבְּן דִי בַּאזָארְגְטֶע קִינְדֶער אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זֵייעֶר שְׁוַואכְן פָּאטֶער אוֹיף אַ בַּאקְוֶועמֶען וָואגְן, וָואס זָאל זֵיי פִירְן צוּם הוֹיז פוּן יֶענֶעם מוּמְחֶה. וֶוער וֵוייסְט, אֶפְשָׁר אִיז עֶר דֶער רִיכְטִיגֶער שְׁלִיחַ וָואס וֶועט קֶענֶען אוֹיסְהֵיילְן דֶעם רָב?

פָּארְנְדִיג אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן זֵיי בַּאגֶעגְנְט אִידְן פוּן אַ קְלֵיין דַארְף. דִי דָארְפִישֶׁע אִידְן הָאבְּן גֶעקוּקְט מִיט רַחְמָנוּת אוֹיף דִי בְּרִידֶער אוּן אוֹיף זֵייעֶר טַאטְן, אוּן וֶוען זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז מֶען פִירְט דֶעם רָב צוּ דֶעם מוּמְחֶה, הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "עֶס אִיז דָאךְ בֶּעסֶער אִיר זָאלְט אַרַיינְפָארְן קַיין מֶעזֶעבִּיש וָואס גֶעפִינְט זִיךְ דָא נָאנְט, צוּם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב".

כָּאטְשׁ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע מִתְנַגְדִים צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב, הָאבְּן זֵיי דָאךְ בַּאשְׁלָאסְן אַהִין אַרַיינְצוּפָארְן, אֶפְשָׁר וֶועט עֶר זֵיי קֶענֶען הֶעלְפְן.

וִוי נָאר מֶען הָאט אוֹיסְגֶעדְרֵייט דִי פֶערְד אוּן וָואגְן צוּ פָארְן קַיין מֶעזֶעבִּישׁ, הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי בְּרִידֶער גֶעקֶערְט צוּ זַיין טַאטְן, וֶועלְנְדִיג אִים מַסְבִּיר זַיין אַז מֶען פָּארְט יֶעצְט קַיין מֶעזֶעבִּישׁ, אָבֶּער עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיסְרֶעדְן, וַוייל דָאס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען הָאט אִים גֶעמַאכְט פַארְלִירְן דָאס לָשׁוֹן.

עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט וִוי דִי הִימְלֶען הָאבְּן זִיךְ גֶעעֶפְנְט אוּן אַרָאפְּגֶעלָאזְט אוֹיפְן וָואגְן דֶעם טוֹי פוּן תְּחִיַּית הַמֵּתִים; דָאס בְּלַאסֶע פָּנִים פוּן זַיין טַאטְן אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעוָוארְן פוּל מִיט קָאלִיר, אוּן מִיט יֶעדְן טְרִיט וָואס דִי פֶערְד הָאבְּן גֶעמַאכְט נֶענְטֶער צוּ מֶעזֶעבִּישׁ, אִיז זַיין גֶעזוּנְט-צוּשְׁטַאנְד בֶּעסֶער גֶעוָוארְן.

דִי אַייז-קַאלְטֶע בַּאצִיאוּנְג וָואס דִי בְּרִידֶער הָאבְּן גֶעהַאט צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיפְצוּלָאזְן. וֶוען דֶער רָב אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט, אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעזוּנְט וִוי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, אוּן מִיט אַ נֵייעֶם גֶעפִיל פוּן אוּנְטֶערְטֶענִיגְקֵייט - נִישְׁט וִוי קֶעגְנֶערְס - זֶענֶען זֵיי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶענוּמֶען אַ סֵפֶר אוּן אִים גֶעוִויזְן אַז עֶר הָאט בֶּאֱמֶת גוּט גֶע'פַּסְקְ'נְט אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע דִי הֲלָכָה, נָאר פוּן הִימְל הָאט מֶען עֶס אַזוֹי גֶעפִירְט (עֶר זָאל מֵיינֶען אַז עֶר הָאט נִישְׁט רִיכְטִיג גֶע'פַּסְקְ'נְט), כְּדֵי עֶר זָאל מוּזְן אַהֶערְקוּמֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב.

פוּן דֶעמָאלְט אָן הָאבְּן דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט "שְׂדֵה לָבָן" אָנְגֶעהוֹיבְּן מְכַבֵּד צוּ זַיין דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, אוּן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּ זֵיי אַ צְוֵוייטֶע מָאל, הָאבְּן



# יאָרצייט פון ד' וואָך

זַיי אִים גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה אוּן דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד.

מִיר דַארְפְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר קְרִיגְן נִישְׁט אוֹיף צַדִיקִים, אוּן מִיר דַארְפְן אוֹיךְ בֶּעטְן אוֹיף וַוייטֶער אַז מִיר זָאלְן קֵיינְמָאל נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קְרִיגְן אוֹיף צַדִיקִים, נָאר נָאכְגֵיין דִי וֶועגְן פוּן דֶעם צַדִיק אַלֶע אוּנְזֶערֶע לֶעבְּנְס טֶעג.

**שָׁבוּעוֹת גֶעפַאלְט דִי יָארְצַייט פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ חַי וְקַיָּם אוּן אוֹיךְ פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.**

**לְכָבוֹד שָׁבוּעוֹת בְּרֶענְגֶען מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט בַּיי קֶבֶר דָוִד הַמֶּלֶךְ.**

אֶסְתֵּר אִיז גֶעוֶוען אַן אָרִימֶע אַלְמָנָה וָואס פְלֶעגְט וַואשְׁן וֶועשׁ אוּן דֶערְפוּן צִיעֶן אִיר פַּרְנָסָה. זִי פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין צוּ רַייכֶע הַייזֶער נֶעמֶען זֵייעֶרֶע וֶועשׁ צוּ זִיךְ אַהֵיים, וואוּ זִי פְלֶעגְט עֶס אוֹיסְוַואשְׁן אוּן צַאמְלֵייגְן. אֶסְתֵּר הָאט גֶעאַרְבֶּעט פוּן דִי פְרִיעֶ פַארְטָאגְס שָׁעָה'ן בִּיז שְׁפֶּעט אוֹיפְדֶערְנַאכְט.

צְוִוישְׁן אִירֶע קוֹנִים אִיז גֶעוֶוען אָן אַראבֶּער, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער שׁוֹמֵר פוּנֶעם קֶבֶר פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ. דִי אַראבֶּער הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאלְטְן דֶעם קֶבֶר פַאר זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן הָאבְּן עֶס גֶעהִיטְן. אִין יֶענֶע תְּקוּפָה הָאבְּן דִי אַראבֶּער גֶעהֶערְשְׁט אִיבֶּער יְרוּשָׁלַיִם אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט קַיין שׁוּם אִיד צוּם קֶבֶר.

אֵיין טָאג, וֶוען אֶסְתֵּר הָאט צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט דִי וֶועשׁ פַארְן אַראבֶּער, הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ וֵוייס אַז דוּ בִּיסְט אַ גוּטֶע פְרוֹי אוּן דוּ טוּסְט דַיין אַרְבֶּעט מִיט עֶרְלִיכְקֵייט. דֶערְפַאר וִויל אִיךְ דִיר בַּאלוֹינֶען. אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אַרַיינְצוּגֵיין צוּם קֶבֶר פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ אָן דֶעם וָואס אֵיינֶער זָאל וִויסְן, וַוייל אַ אִיד טָאר דָארְט נִישְׁט אַרַיינְגֵיין."

אֶסְתֵּר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט מִיטְ'ן אָנְבָּאט אוּן הָאט זִיךְ שְׁטַארְק בַּאדַאנְקְט פַארְן שׁוֹמֵר. דֶער וֶועכְטֶער הָאט גֶענוּמֶען זַיין בִּינְטְל שְׁלִיסְלֶעךְ אוּן גֶעזָאגְט צוּ אֶסְתֵּר: "קוּם נָאךְ מִיר." אִינְאֵיינֶעם הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁפַּאנְט מִיט שְׁטִילֶע טְרִיט בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן קֶבֶר.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי פְרִיעֶ פַארְנַאכְט שָׁעָה'ן אוּן אַ טוּנְקְלְקֵייט הָאט גֶעהֶערְשְׁט אִיבֶּערְן גַאנְצְן אַרוּם. דִי אַראבֶּער הָאבְּן שׁוֹין פַארְלָאזְט דָאס פְלַאץ אוּן אֶסְתֵּר אִיז גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פֶּערְזָאן וָואס הָאט זִיךְ דָארְט גֶעדְרֵייט.

מִיט אַ קְלַאפֶּעדִיג הַארְץ אוּן פוּל מִיט אִיבֶּערַאשׁוּנְג אִיז אֶסְתֵּר אַרַיינְגֶעטְרָאטְן צוּם גְרוֹיסְן קֶענִיג, אוּן מִיט אַ יָאמֶערְלִיךְ גֶעוֵויין הָאט זִי אוֹיסְגֶעגָאסְן אִיר צֶעבְּרָאכְן הַארְץ פַארְ'ן מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל.

אַ לַאנְגֶע צַייט אִיז אֶסְתֵּר דָארְט גֶעזֶעסְן אוּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען, גֶעזָאגְט תְּהִלִים אוּן שִׁירוֹת פַארְ'ן בּוֹרֵא, נִישְׁט וִויסְנְדִיג אִיבֶּער דִי סַכָּנָה וָואס שְׁוֶועבְּט אִיבֶּער אִיר קָאפּ.

דֶער אוּמְפַארְשֶׁעמְטֶער וֶועכְטֶער, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ וִויסְטֶער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל, אִיז אַרוֹיס אוּן אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אֶסְתֵּר אַלֵיין. עֶר הָאט פַארְשְׁלָאסְן דִי טִיר פוּן אִינְדְרוֹיסְן אוּן מִיט אַ רִשְׁעוּת'דִיגְן שְׁמֵייכְל הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעיָאגְט פוּן דָארְט.

דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דֶער וֶועכְטֶער שְׁנֶעל גֶעיָאגְט צוּם אַראבִישְׁן רִיכְטֶער פוּן שְׁטָאט. עֶר הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִידִישֶׁע פְרוֹי הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט אַרַיינְגֶעכַאפְּט צוּם קֶבֶר פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, אוּן וִוי נָאר עֶר הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט הָאט עֶר אִיר אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִינֶעם הֵייל כְּדֵי זִי זָאל נִישְׁט קֶענֶען אַנְטְלוֹיפְן.

דֶער רִיכְטֶער אִיז גֶעוָוארְן מָלֵא כַּעַס אוֹיף דִי חוּצְפָּה פוּן דֶער אִידִישֶׁער פְרוֹי אוּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ שְׁוֶוער אַז זִי וֶועט פַארְבְּרֶענְט וֶוערְן אִין פֵייעֶר!"

דֶערְוַוייל הָאט דִי אוּמְגְלִיקְלִיכֶע אַלְמָנָה גֶעעֶנְדִיגְט אִירֶע תְּפִילוֹת אוּן גֶערִיכְטֶעט אִירֶע טְרִיט צוּם אַרוֹיסְגַאנְג. צוּ אִיר שְׁרֶעק הָאט זִי בַּאמֶערְקְט אַז דָאס טוֹיעֶר אִיז פַארְשְׁלָאסְן. זִי הָאט גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ טָעוּת אוּן זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן קְלַאפְּן, זֶעצְן אוּן שְׁרֵייעֶן, אָבֶּער אוּמְזִיסְט; קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶערוּפְן. זִי הָאט דַאן פַארְשְׁטַאנֶען דִי כַּוָונָה פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטְן אַראבֶּער אוּן אַיינְגֶעזֶען אַז אִיר לֶעבְּן אִיז אִין אַ סַכָּנָה.

דִי פַארְבִּיטֶערְטֶע פְרוֹי אִיז אַנִידֶערְגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ פְרִישׁ גֶעוֵויין. זִי הָאט אוֹיסְגֶעגָאסְן אִיר הַארְץ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִיר הֶעלְפְן פוּן דֶעם גֶעפֶערְלִיכְן מַצָּב.

אִינְמִיטְן אִירֶע בְּכִיּוֹת הָאט זִי פְּלוּצְלִינְג דֶערְזֶען אַ גֶעשְׁטַאלְט נֶעבְּן אִיר. זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אִירֶע פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן.

זִי הָאט דֶערְזֶען אַן עֶלְטֶערְן אִיד מִיט אַ הַדְרַת פָּנִים, וָואס זַיין צוּרָה הָאט גֶעלָאכְטְן וִוי אַ מַלְאָךְ. מִיט אַ וֵוייכֶע שְׁטִימֶע הָאט עֶר צוּ אִיר גֶעזָאגְט: "שְׁרֶעק זִיךְ נִישְׁט מַיין טָאכְטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט דַיין קוֹל. קוּם נָאךְ מִיר אוּן אִיךְ וֶועל דִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דָא."

דִי פְרוֹי אִיז אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען טְרִיט נָאךְ טְרִיט מִיט גְרוֹיס בַּאגֵייסְטֶערוּנְג. דֶער אַלְטֶער אִיד הָאט אִיר גֶעפִירְט דוּרְךְ שְׁמָאלֶע אוּנְטֶערְעֶרְדִישֶׁע וֶועגְן, דוּרְךְ פִינְסְטֶערֶע הֵיילְן אוּן שְׁפַּאלְטְנְס, בִּיז זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אָן אַרוֹיסְגַאנְג עֶרְגֶעץ אִינְמִיטְן שְׁטָאט.

דָארְט הָאט אִיר דֶער אַלְטֶער אִיד גֶעזָאגְט: "אַייל זִיךְ צוּ אוּן לוֹיף אַהֵיים צוּ דִיר אִין הוֹיז. נֶעם זִיךְ גְלַייךְ וַואשְׁן וֶועשׁ אוּן

זָאלְסְט פַאר קֵיינֶעם נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט."

דִי פְּרוֹי הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט בַּאדַאנְקְן פַארְן רַאטֶעוֶוען אִיר לֶעבְּן, אָבֶּער דֶער אַלְטֶער אִיד אִיז אִין אַן אוֹיגְנְבְּלִיק פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן, כְּאִילוּ עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט דָא גֶעוֶוען.

דִי פְּרוֹי הָאט זִיךְ אַהֵיימְגֶעיָאגְט אוּן גֶעטוּן פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דֶער אַלְטֶער אִיד הָאט אִיר אָנְגֶעזָאגְט.

אִינְדֶערְצְוִוישְׁן אִיז דֶער אַרַאבִּישֶׁער רִיכְטֶער אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי וֶועכְטֶער אָנְגֶעקוּמֶען צוּם קֶבֶר פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, כְּדֵי צוּ כַאפְּן דִי אָרִימֶע פְּרוֹי אוּן אִיר פַארְבְּרֶענֶען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם פוּן צֶעהִיצְטֶע אַרַאבֶּער זֶענֶען מִיטְגֶעקוּמֶען צוּ זֶען דִי דְרָאמַאטִישֶׁע סְצֶענֶע אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי נְקָמָה אִין אַ אִידִישׁ קִינְד רח"ל.

אָנְקוּמֶענְדִיג צוּם קֶבֶר הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפְנְט דֶעם טוֹיעֶר, אוּן מִיט גְרוֹיסֶע לִיכְט הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן דִי פְּרוֹי, אָבֶּער צוּ זֵייעֶר גְרוֹיסֶער אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג הָאבְּן זֵיי אִיר נִישְׁט גֶעפוּנֶען.

וֶוען דֶער רִיכְטֶער הָאט דָאס גֶעזֶען, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז דֶער וֶועכְטֶער הָאט אִים פָּשׁוּט גֶעוָואלְט מַאכְן צוּ שְׁפָּאט. זַיין כַּעַס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בְּרֶענֶען אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "וִויאַזוֹי הָאסְטוּ זִיךְ דֶערְוַואגְט צוּ מַאכְן חוֹזֶק פוּן מִיר? וִויאַזוֹי טְרוֹיסְטוּ זִיךְ אַהֶערְצוּשְׁלֶעפְּן מִיר מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע פַארְזַאמְלוּנְג נָאר פַאר דַיין הֲנָאָה?!"

דֶער וֶועכְטֶער אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, פַארְשְׁטֵייעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אַ גְרוֹיסֶע צָרָה. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּאגְרֵייפְן וִויאַזוֹי אֶסְתֵּר אִיז פַארְשְׁווּאוּנְדְן גֶעוָוארְן פוּנֶעם קֶבֶר, אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁווֹאוֹירְן פַארְן רִיכְטֶער אַז דִי פְּרוֹי אִיז פְרִיעֶר דָא גֶעוֶוען אוּן זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אֱמֶת אוּן רִיכְטִיג.

כְּדֵי אוֹיפְצוּאוַוייזְן זַיין אוּמְשׁוּלְד, הָאט עֶר פּוּנְקְטְלִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וֶוער דִי פְּרוֹי אִיז אוּן וואוּ זִי וואוֹינְט.

דֶער רִיכְטֶער הָאט גֶעשִׁיקְט זַיינֶע בַּאדִינֶער צוּם אָנְגֶעגֶעבֶּענֶעם אַדְרֶעס צוּ זֶען וָואס דָארְט טוּט זִיךְ. דִי שְׁלוּחִים זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעטְרָאפְן אֶסְתֵּר פַארְנוּמֶען מִיט אִיר אַרְבֶּעט בִּיז אִיבֶּערְן קָאפּ; זִי הָאט מִיט גְרוֹיס כֹּחַ גֶערִיבְּן אִירֶע וֶועשׁ.

דִי בַּאדִינֶער זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן פַארְוואוּנְדֶערְט: אִיז דָאס טַאקֶע דִי פְּרוֹי, אָדֶער אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ טָעוּת? דִי פְּרוֹי דַארְף דָאךְ זַיין פַארְשְׁפַּארְט אִינֶעם קֶבֶר, אָדֶער כָאטְשׁ אִינְמִיטְן וֶועג אַהֵיים.

זֵיי זֶענֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּם רִיכְטֶער אוּן אִים דֶערְצֵיילְט וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען: דִי אִידִישֶׁע פְּרוֹי אִיז טִיף פַארְנוּמֶען מִיט אִיר אַרְבֶּעט, אוּן עֶס זֶעט בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וִוי זִי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְדֶערְהֵיים.

דֶער רִיכְטֶער אִיז זֵייעֶר בֵּייז גֶעוָוארְן אוֹיפְן וֶועכְטֶער, וֶועלְכֶער הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ פַאלְשֶׁע שׁוּלְד אוֹיף אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי אוּן אָפְּגֶענַארְט דִי חָשׁוּבְ'עֶ מֶענְטְשְׁן פוּן דִי אַרַאבִּישֶׁע קְהִילָה.

לוֹיטְן בַּאפֶעל פוּנֶעם רִיכְטֶער הָאט מֶען דֶעם וֶועכְטֶער אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין אַ טִינְקֶעלֶע גְרוּבּ. דֶער גוֹי וָואס הָאט גֶעוָואלְט גְרָאבְּן אַ גְרוּבּ פַאר אַ אִידִישֶׁע פְּרוֹי, אִיז צוּם סוֹף אַלֵיין אַרַיינְגֶעפַאלְן דֶערִין.

אַזוֹי אִיז דִי עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע אַלְמָנָה גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אִירֶע תְּפִילּוֹת בַּיים הֵיילִיגְן אָרְט, דֶעם קֶבֶר פוּן דָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חַי וְקַיָּם.

## לְכָבוֹד שָׁבוּעוֹת בְּרֶענְגֶען מִיר אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט דָוִד הַמֶּלֶךְ אוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

יֶעדֶער אִין שְׁטָאט הָאט גֶעקֶענְט ר' מֵאִירְ'ן. ר' מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְגֶערוּפֶענֶער עוֹשֶׁר, וֶועמֶענְס גֶעשֶׁעפְטְן אוּן הַצְלָחוֹת הָאבְּן זִיךְ כְּסֵדֶר גֶעמֶערְט.

אָבֶּער אַנְדֶערְשׁ וִוי רוֹב גְּבִירִים, אִיז ר' מֵאִיר גֶעוֶוען אַ גָאר עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פַארְבְּלֶענְדְט גֶעוָוארְן פוּן זַיין רַייכְקֵייט. פַארְקֶערְט, וָואס מֶער זַיין עֲשִׁירוּת הָאט זִיךְ גֶעמֶערְט, אַלְס מֶער חֶסֶד, צְדָקָה אוּן הַכְנָסַת אוֹרְחִים הָאט עֶר גֶעטוּן.

אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן זַיין לִימוּד הַתּוֹרָה. עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע קְבִיעוּתְ'דִיגֶע שִׁיעוּרִים יֶעדְן טָאג.

ר' מֵאִיר הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ מִיט עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. עֶר הָאט זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מִיט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אוּן עֶר אִיז גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעוָוארְן מִיט תּוֹרָה וּגְדוּלָּה.

אֵיין טָאג הָאט ר' מֵאִיר גֶעטְרַאכְט וֶועלְכֶע מִצְוָה עֶר קֶען מְקַיֵּים זַיין מִיט זַיין גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ שְׁרַייבְּן אַ סֵפֶר תּוֹרָה.

דִי הֲכָנוֹת דֶערְצוּ זֶענֶען אַרַיין אִין פוּלְן שְׁוואוּנְג. ר' מֵאִיר הָאט גֶעזוּכְט אוּן גֶענִישְׁטֶערְט נָאךְ אַן עֶרְלִיכְן אוּן פֵיינֶעם סוֹפֵר, וָואס וֶועט שְׁרַייבְּן זַיין סֵפֶר תּוֹרָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

עֶר הָאט אַלֵיין אַיינְגֶעקוֹיפְט דִי פֶּעלְן אוּן דִי אַנְדֶערֶע צוּגֶעהֶערְן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט דֶערְצוּ מִיט גְרוֹיס הִתְרַגְּשׁוּת.

דֶער סוֹפֵר הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶער אַרְבֶּעט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פָארְזִיכְטִיגְקֵייט אוּן עֶרְלִיכְקֵייט. צוּלִיב זַיין גְרוֹיס זְהִירוּת הָאט עֶס גֶעדוֹיעֶרְט גַאנְצֶע אַכְט יָאר צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם סֵפֶר תּוֹרָה. דָאס הָאט אָפְּגֶעקָאסְט פַאר ר' מֵאִיר אַ סַךְ גֶעלְט, אָבֶּער עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְלִיקְלִיךְ דֶערְמִיט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ פְּרַאוֶוען דִי הַכְנָסַת סֵפֶר תּוֹרָה, הָאט ר' מֵאִיר נִישְׁט גֶעשְׁפָּארְט קַיין גֶעלְט. עֶר הָאט גֶעלַאדְנְט דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט אוּן בַּאשְׁטֶעלְט דִי טַייעֶרְסְטֶע

# יאָרצייט פון די וואָך

סְעוּדָה.

דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הָאט שׁוֹין גֶעצֵיילְט דִי טֶעג בִּיזְן גְרוֹיסְן טָאג. אַ טָאג פַארְן מַעֲמָד הָאט דֶער גְבִיר אַרוּמְגֶעשִׁיקְט מֶענְטְשְׁן צוּ דִינְגֶען אַרְבֶּעטֶער, כְּדֵי אַלֶעס זָאל קְלַאפְּן וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין. פִיל אִידְן הָאבְּן אָנְגֶעבָּאטְן זַייעֶר הִילְף, וִויסְנְדִיג אַז ר׳ מֵאִיר בַּאצָאלְט מִיט אַ בְּרֵייטֶער הַאנְט.

אוֹיךְ פֵייטְל דֶער וַואסֶער-טְרֶעגֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעבָּאטְן צוּ הֶעלְפְן. פֵייטְל אִיז גֶעוֶוען אַ פֵיינֶער, עֶרְלִיכֶער אוּן תְּמִימוּת׳דִיגֶער אִידְל, וָואס הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צוּ בְּרֶענְגֶען אַ שְׁטִיקְל שְׁוַוארְץ בְּרוֹיט פַאר זַיין קִינְדֶער-גֶעבֶּענְטְשְׁט גֶעזִינְדְל; עֶר הָאט קוֹים גֶעהַאט גֶענוּג גֶעלְט דוּרְכְצוּקוּמֶען דֶעם טָאג-טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

פֵייטְל אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט זַיין צוּנָאמֶען ״פֵייטְל דֶער תְּהִלִים-זָאגֶער״, דָאס אִיז גֶעוֶוען צוּלִיבּ דֶעם וָואס מֶען הָאט אִים אַלֶעמָאל גֶעזֶען אִינְמִיטְן זָאגְן תְּהִלִים. סֵיי בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעשְׁלֶעפְּט וַואסֶער אוּן סֵיי בִּשְׁעַת עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין גַאס, הָאבְּן זַיינֶע לִיפְּן אַלֶעמָאל גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט מִזְמוֹרֵי תְּהִלִים, בִּיז דֶער צוּנָאמֶען הָאט זִיךְ צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ אִים.

וֶוען ר׳ פֵייטְל הָאט גֶעהֶערְט אַז ר׳ מֵאִיר זוּכְט מֶענְטְשְׁן צוּ הֶעלְפְן, הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט אוֹיף דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט צוּ פַארְדִינֶען אַפָּאר אִיבֶּעריגֶע גְרָאשְׁן. עֶר הָאט שׁוֹין גֶע׳חָלוֹמְ׳ט פוּן דֶעם שֵׁיינֶעם שַׁבָּת וָואס עֶר וֶועט זִיךְ דָאס מָאל קֶענֶען עֶרְלוֹיבְּן, מִיט פְרִישֶׁע חַלוֹת, וַויין אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילוּ פְלֵייש, אַנְשְׁטָאט דִי אָרִימֶע סְעוּדָה וָואס עֶר עֶסְט יֶעדֶע וָואךְ.

מֶען הָאט אִים גֶערְן אָנְגֶעבָּאטְן אַרְבֶּעט, אוּן טַאקֶע צוּ שְׁלֶעפְּן וַואסֶער. ״דוּ וֶועסְט בְּרֶענְגֶען דָאס וַואסֶער פַאר נְטִילַת יָדַיִם פַארְ׳ן אוֹיבְן-אָן, וִוי אוֹיךְ וֶועסְטוּ בְּרֶענְגֶען דִי מַיִם אַחֲרוֹנִים,״ הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט.

דֶער גֶעהוֹיבֶּענֶער טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אוּן דִי פִילֶע גֶעסְט הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁטְרָאמֶען צוּם זַאל. ר׳ מֵאִיר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעדְרֵייט מָלֵא שִׂמְחָה אוּן אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם עוֹלָם. פֵייטְל דֶער וַואסֶער-טְרֶעגֶער הָאט גֶעטוּן זַיין אַרְבֶּעט מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע פְלַייס אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט, אוּן כְּסֵדֶר גֶעבְּרֶענְגְט וַואסֶער פַארְ׳ן אוֹיבְן-אָן טִישׁ.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ בֶּענְטְשְׁן אוּן דֶער עוֹלָם הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן פֵייטְל. ״מַיִם אַחֲרוֹנִים!״ הָאט מֶען גֶעשְׁרִיגְן, אָבֶּער פֵייטְל אִיז נִישְׁטָא. דֶער הוֹיפְּט פַארְוַואלְטֶער אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן זוּכְן פֵייטְל אוּן הָאט אִים עֶנְדְלִיךְ גֶעטְרָאפְן אִין אַ זַייט, פַארְזִינְקֶען אִין אַ דְרִימְל. צוּלִיבּ זַיין שְׁוֶוערֶע פִיזִישֶׁע אַרְבֶּעט אִיז עֶר אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעט גֶעוָוארְן אוּן אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן. דֶער פַארְוַואלְטֶער הָאט אִים שְׁנֶעל דֶערְוֶועקְט, אוּן פֵייטְל הָאט זִיךְ פַארשְׁלָאפֶענְעְרְהֵייט גֶעיָאגְט אוֹיסְצוּפִירְן זַיין אַרְבֶּעט. דֶערְוַוייל אִיז ר׳ מֵאִיר גֶעוָוארְן אָנְגֶעצוֹיגְן; עֶר הָאט זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט וואוּ פֵייטְל אִיז אוּן פַארְוָואס עֶר שְׁטֶערְט דִי אָרְדֶענוּנְג פוּן דֶעם גְרוֹיסְן מַעֲמָד.

וֶוען עֶר הָאט עֶנְדְלִיךְ דֶערְזֶען פֵייטְל זִיךְ דֶערְשְׁלֶעפְּן מִיט פַארְקְלֶעפְּטֶע אוֹיגְן צוּם אוֹיבְן-אָן, הָאט זִיךְ זַיין כַּעַס אָנְגֶעצִינְדְן. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְהַאלְטְן אוּן אִים גֶעזָאגְט: ״גֵיי דִיר אַהֵיים לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם! אִיךְ דַארְף דִיר דָא נִישְׁט הָאבְּן. דוּ קֶענְסְט גֵיין אַהֵיים אוּן וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִים.״

פֵייטְל אִיז גֶעוָוארְן וַוייס אוּן רוֹיט אוּן אִיז שְׁנֶעל אַרוֹיס פוּן זַאל. מִיט טְרֶערְן אוּן בּוּשָׁה הָאט עֶר גֶעוָואנְדְן זַיינֶע טְרִיט אַהֵיים, טְרַאכְטְנְדִיג פוּנֶעם אוּמְרֶעכְט וָואס מֶען הָאט אִים בַּאגַאנְגֶען. צְוֵויי טֶעג אַרְבֶּעט עֶר שׁוֹין בִּיטֶער שְׁוֶוער, הָאפְנְדִיג צוּ בַּאקוּמֶען זַיין עֶרְלִיךְ פַארְדִינְטֶע גֶעהַאלְט, אוּן אַצִינְד הָאט מֶען אִים פַארְשִׁיקְט אוּן מֶען וֶועט אִים נִישְׁט בַּאצָאלְן. מִיט טְרֶערְן אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, אַרוֹיסְגֶענוּמֶען זַיין טֵייעֶר תְּהִלִים׳ל אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶעוֵויינְט דֶערִין.

אַזוֹי וִוי ר׳ מֵאִיר עֶנְדִיגְט בֶּענְטְשְׁן, הָאט זִיךְ בַּאוִויזְן אַ גַאסְט אִין זָאל. עֶר הָאט גֶעוִוינְקֶען פַאר ר׳ מֵאִיר אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ מִינוּט, וַוייל עֶר וִויל עֶפֶּעס אַדוּרְכְרֶעדְן מִיט אִים.

ר׳ מֵאִיר אִיז אַרוֹיס פוּן זַאל אוֹיף עֶטְלִיכֶע מִינוּט, אוּן פְלוּצְלִינְג הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט וִוי אַ שְׁטוּרֶעם-וִוינְט הֵייבְּט אִים אוֹיף אוּן פִירְט אִים אַוֶועק צוּ אַ וַוייטְן פְלַאץ. עֶר אִיז גֶעפְלוֹיגְן אַ שְׁטִיק צַייט, בִּיז עֶר הָאט פְלוּצְלִינְג גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר טְרַאסְקֶעט אַרָאפּ. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶפֶנְט דִי אוֹיגְן, הָאט עֶר זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אַ וַוייטְן, טִיפְן וַואלְד. עֶר הָאט פְרוּבִּירְט זִיךְ אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן גֶעזֶען אַז צוּ זַיין ווָאוּנְדֶער הָאט אִים גָארְנִישְׁט פַּאסִירְט.

וִוי נָאר עֶר הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף, הֶערְט עֶר אַ קוֹל: ״מַאכְט פְלַאץ, דָוִד מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל קוּמְט אַהֶער!״ אוּן דַאן הֶערְט עֶר וִוידֶער: ״בָּרוּךְ הַבָּא דָוִד הַמֶּלֶךְ!״

ר׳ מֵאִיר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר חָלוֹמְ׳ט, אָבֶּער עֶר הֶערְט וַוייטֶער: ״מַאכְט פְלַאץ, ר׳ יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב קוּמְט!״ אוּן דֶערְנָאךְ: ״בָּרוּךְ הַבָּא, ר׳ יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דָא!״

ר׳ מֵאִיר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּצוּגֵיין צוּם הַייזְקֶע פוּן וואוּ עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעם שַׁיין, אָבֶּער פְלוּצְלִינְג אִיז עֶר וִוי גֶעלֶעמְט גֶעוָוארְן וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְן:

״דָא אִינְדְרוֹיסְן שְׁטֵייט אַ אִיד, ר׳ מֵאִיר; אִיךְ הָאבּ אַ דִין תּוֹרָה מִיט אִים. אִיר וֵוייסְט דָאךְ אַלֶע וִויפִיל שְׁלָאפְלָאזֶע נֶעכְט, אוּן מִיט וִויפִיל הִתְבּוֹדְדוּת אוּן טְרֶערְן אִיךְ הָאבּ מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶעם סֵפֶר תְּהִלִים. דִי מִזְמוֹרִים זֶענֶען פַארְפַּאסְט גֶעוָוארְן מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ בִּיז עֶס אִיז בַּאוִוילִיגְט גֶעוָוארְן בַּיים רבוש״ע אַלְס אַ סְגוּלָה אָפְּצוּשַׁאפְן גְזֵירוֹת בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוען אֵיינֶער וֶועט זָאגְן דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים, וֶועט עֶס זַיין גֶערֶעכְנְט כְּאִילוּ עֶר וָואלְט גֶעלֶערְנְט מַסֶּכֶת נְגָעִים וְאָהֲלוֹת. אַצִינְד אִיז גֶעקוּמֶען דֶער אִיד ר׳ מֵאִיר, אוּן

אִינְמִיטְן אַ סְעוּדַת מִצְוָה צְווִישְׁן חָשׁוּבְ'עֶ פַארְזַאמְלְטֶע, הָאט עֶר גֶענוּמֶען אַ אִיד זָאגְט אַלֶעמָאל אַסַאךְ תְּהִלִים אוּן אִים פַארְשֶׁעמְט, רוּפְנְדִיג אִים 'תְּהִלִים זָאגֶער' מִיט שְׁפַּאס אוּן גְרִינְגְשֶׁעצוּנְג. אַצִינְד בֶּעט אִיךְ אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ פָּסַק אוֹיף דֶעם ר' מֵאִיר."

אַ טוֹיט שְׁרֶעק הָאט בַּאגָאסְן ר' מֵאִירְ'ן. דַאן הֶערְט עֶר ווִידֶער אַ קוֹל: "עֶס אִיז זִיכֶער אַז דֶער אִיד אִיז בַּאגַאנְגֶען אַ גְרוֹיסֶע עַוְלָה, אָבֶּער מִיר הָאבְּן דָא רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, ווֶעלְכֶער לֶעבְּט נָאךְ אוֹיף דֶער ווֶעלְט, אוּן עֶר בֶּעט צוּ מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף דֶעם אִיד."

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דָאס ווָארְט: "דָוִד הַמֶּלֶךְ אִיז גֶערֶעכְט. דֶער אִיד הָאט גֶעטוּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עֲבֵירָה, אָבֶּער אִיךְ ווִיל מְלַמֵד זְכוּת זַיין אוֹיף דֶעם תַּלְמִיד חָכָם. דֶער אִיד אִיז אַ בַּעַל צְדָקָה, אַ יְרֵא שָׁמַיִם אוּן אַ תַּלְמִיד חָכָם. עֶר אִיז אַ רִיכְטִיגֶער מְדַקְדֵק בְּמִצְווֹת אוּן עֶס קוּמְט זִיךְ אִים אַז מֶען זָאל זִיךְ פִירְן מִיט אִים 'לִפְנִים מִשּׁוּרַת הַדִין' (מֶער ווִי עֶס קוּמְט זִיךְ אִים).

דֶערִיבֶּער, מִיטְ'ן רְשׁוּת פוּן דָוִד הַמֶּלֶךְ, זָאל דֶער אִיד בַּאלְד צוּרִיקְגֵיין צוּם זָאל אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם פֵייטְל פַארְ'ן גַאנְצְן צִיבּוּר. עֶר זָאל פַאר אַלֶעמֶען דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה ווָאס הָאט מִיט אִים פַּאסִירְט, כְּדֵי אַנְדֶערֶע זָאלְן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען אוּן זֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער ווֶעלְט, דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן תְּהִלִים, אוּן דִי עוֹנֶשׁ פוּן פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵויטְן. אוֹיבּ דֶער אִיד ווֶעט זִיךְ דָאס אוּנְטֶערְנֶעמֶען, ווֶעט עֶר הָאבְּן אַ תְּשׁוּבָה אוֹיף זַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער זִינְד."

דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "זֵייעֶר רִיכְטִיג. אִיךְ בִּין מַסְכִּים, אָבֶּער אִיךְ ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער אִיד קוּמְט אַמָאל בַּאזוּכְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב."

דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז נֵיין, דֶער אִיד אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי אִים.

הָאט דָוִד הַמֶּלֶךְ גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ אַ אִיד וואוֹינְט אַזוֹי נָאנְט צוּ אַזַא גָדוֹל אוּן עֶר גֵייט נִישְׁט צוּ אִים, קֶען זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר אִים אוּן דֶער אִיד אִיז חַיָיב מִיתָה.

דָא הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב ווִידֶער אָנְגֶענוּמֶען פַאר ר' מֵאִירְ'ן אוּן גֶעטַעֲנָה'ט, אַז אוֹיבּ ר' מֵאִיר ווֶעט שְׁטַארְבְּן, ווֶעט קֵיינֶער נִישְׁט ווִיסְן דִי סִיבָּה דֶערְפוּן אוּן עֶס ווֶעט נִישְׁט אַרוֹיסְקוּמֶען קַיין קִידוּשׁ הַשֵׁם. דֶערְפַאר זָאל ר' מֵאִיר יָא צוּרִיקְגֵיין אִין זָאל אוּן זִיךְ מְקַבֵּל זַיין צוּ קוּמֶען צוּם צַדִיק.

דֶער שְׁלִיחַ אִיז אַרוֹיס אוּן גֶעפְרֶעגְט ר' מֵאִירְ'ן אוֹיבּ עֶר אִיז מַסְכִּים. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז ר' מֵאִיר הָאט צוּ אַלֶעס מַסְכִּים גֶעוֶוען מִיט צִיטֶערְדִיגֶע צֵיין. דוּרְךְ דֶעם שְׁפַּאלְט הָאט עֶר גֶעקֶענְט זֶען דִי צוּרָה פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב.

דֶער שְׁלִיחַ הָאט אִים גֶעגֶעבְּן אַ קְרִיגֶעלֶע ווַאסֶער אוּן אִים אַרוּמְגֶעווַאשְׁן. פְּלוּצְלִינְג אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ שְׁטוּרֶעם ווִינְט, אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן ר' מֵאִירְ'ן אוּן אִים צוּרִיקְגֶעטְרָאגְן אִין זַאל.

...

אִין דֶעם צְוֵויטְן עֶק שְׁטָאט אִיז פֵייטְל גֶעלֶעגְן פַארְווֵיינְט אִין בֶּעט מִיט זַיין תְּהִלִים'ל, ווֶען פְּלוּצְלִינְג הֶערְט זִיךְ אַ קְלַאפּ אִין טִיר. ר' מֵאִיר'ס זוּן אִיז אִים גֶעקוּמֶען בֶּעטְן עֶר זָאל צוּרִיקְקוּמֶען, ווַייל זַיין טַאטֶע ווִיל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן.

פֵייטְל הָאט מִיט אַ קוּשׁ אוּן אַ שְׁמֵייכְל פַארְמַאכְט זַיין תְּהִלִים'ל. עֶר הָאט גֶעווּאוּסְט אַז דוּרְךְ תְּהִלִים ווֶעט קוּמֶען זַיין יְשׁוּעָה.

ווִי נָאר פֵייטְל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין זַאל, הָאט אִים ר' מֵאִיר גֶעזֶעצְט אוֹיבְן-אָן נֶעבְּן זִיךְ. אִינְצְווִישְׁן הָאט ר' מֵאִיר גֶעשִׁיקְט זַיינֶע גֶעזוּנְטֶע פֶערְד צוּ פַארְן קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, ווָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווַייט, כְּדֵי צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם צַדִיק צוּ דִי סְעוּדָה. ווֶען דֶער ווָאגְן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, אִיז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שׁוֹין גֶעשְׁטַאנֶען גְרֵייט אוֹיפְצוּשְׁטֵייגְן; עֶר הָאט זֵיי אָפְּגֶעווַארְט, וואוּסֶענְדִיג אַז זֵיי ווֶעלְן קוּמֶען.

דִי פֶערְד זֶענֶען פְלִינְק גֶעלָאפְן אִיבֶּער דִי גַאסְן, אוּן נָאךְ אַ קוּרְצֶע ווַיילֶע זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּם זַאל. ווִי נָאר דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען, אִיז ר' מֵאִיר בְּלַאס גֶעווָארְן אוּן עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶען ווִי עֶר גֵייט חַלֶשְׁ'ן. עֶר הָאט גֶעזֶעצְט דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק אִינְמִיטְן דֶעם אוֹיבְן-אָן, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶענוּמֶען דָאס ווָארְט.

עֶר הָאט אוֹיסְפִירְלִיךְ דֶערְצֵיילְט פַארְן גַאנְצְן עוֹלָם ווָאס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִים אִין דִי גֶעצֵיילְטֶע מִינוּטְן ווָאס עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְדְרוֹיסְן. דִי פַארְזַאמְלְטֶע גֶעסְט הָאבְּן אוֹיסְגֶעהֶערְט דִי ווּאוּנְדֶערְלִיכֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אִיבֶּערְגֶענוּמֶענְקֵייט. דִי מַעֲשֶׂה הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעזֶען גְלוֹיבְּלִיךְ, אָבֶּער דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז דָארְט גֶעזֶעסְן אַלְס אַ לֶעבֶּעדִיגֶער עֵדוּת. דַאן הָאט זִיךְ ר' מֵאִיר גֶעווָאנְדְן צוּ ר' פֵייטְל אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן בָּרַבִּים.

ר' פֵייטְל הָאט אִים מוֹחֵל גֶעוֶוען מִיט אַ גַאנְץ הַארְץ. דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ ר' מֵאִיר בַּאדַאנְקְט פַארְן צַדִיק פַארְן אִים מְלַמֵד זְכוּת זַיין. ר' מֵאִיר הָאט טַאקֶע גֶעהַאלְטְן ווָארְט, אוּן זִינְט דַאן פְלֶעגְט עֶר אָפְט פָארְן צוּם צַדִיק אוּן זַיין בַּיי אִים. זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ.

מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה דְרֵיי מוֹרָא'דִיגֶע זַאכְן. צוּם עֶרְשְׁט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן זָאגְן תְּהִלִים, אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ אַלֵיינְס נֶעמְט זִיךְ אָן פַאר אֵיינֶעם ווָאס זָאגְט תְּהִלִים. אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנֶען מִיר זִיךְ דִי הַארְבְּקֵייט פוּן פַארְשֶׁעמֶען אַ צְוֵויטְן אִיד.

אוּן צוּם לֶעצְט זֶעעֶן מִיר דִי ווִיכְטִיגְקֵייט אוּן טוֹבָה ווָאס אַ מֶענְטְשׁ הָאט סֵיי אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן סֵיי אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט ווֶען עֶר אִיז מְקוּרָב צוּ אַ צַדִיק. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין סֵפֶר הַמִדוֹת: קִרְבַת הַצַּדִּיקִים טוֹב בָּעוֹלָם הַזֶה וּבָעוֹלָם הַבָּא. זַיין נָאנְט מִיט צַדִיקִים אִיז גוּט אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט.

# מענטשערליך

## אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ צַדִיק

מַאמֶע", הָאט נַחְמָן דֶערְצֵיילְט מִיט פְרֵייד, "עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַ וָואגְן פוּל מִיט מֶענְטְשְׁן, זֵיי זֶענֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי צִיוּן פוּן אוּנְזֶער זֵיידֶע, דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דָאס מוּז זַיין זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים, בַּאלְד וֶועלְן זֵיי קוּמֶען עֶפֶּעס עֶסְן אוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן אִין אוּנְזֶער הוֹיז", הָאט זַיין מַאמֶע גֶעעֶנְטְפֶערְט.

מַיין הֵיילִיגֶער עֶלְטֶער זֵיידֶע, דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, הָאט אַמָאל גֶעווָאוֹינְט אִין דִי הוֹיז, הָאט דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, הֶעלְפְנְדִיג זַיין מַאמֶע צוּגְרֵייטְן דִי טִישׁ פַאר דִי חָשׁוּבְ'עֶ גֶעסְט, וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אִיז דֶער הוֹיז אַרִיבֶּער צוּ זַיין טָאכְטֶער אָדְל דִי צַדֵיקוֹת, אוּן דֶערְנָאךְ צוּ אִיר טָאכְטֶער פֵייגָא דִי צַדֵיקוֹת, וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן'ס מַאמֶע.

זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דָא, נַחְמָן הָאט שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען דִי חָשׁוּבְ'עֶ גֶעסְט, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אִין דֶער זַייט, אִין שְׁטִילֶערְהֵייט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, דָארְט הָאט דֶער קְלֵיינֶער נַחְמָן דָאס עֶרְשְׁטֶע מָאל גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יִשְׂרָאלִיק.

***

"וָואס אִיז גֶעשֶׁען טַאטֶע", הָאט דֶער פִינְף יֶערִיגֶער יִשְׂרָאלִיק גֶעפְרֶעגְט בַּאזָארְגְט, "דוּ זֶעהְסְט אוֹיס זֵייעֶר שְׁוַואךְ". יִשְׂרָאלִיק הָאט גֶעווָאוֹינְט אַלֵיין מִיט זַיין עֶלְטֶערֶע טַאטֶע רֶבִּי אֱלִיעֶזֶר, וֶוען יִשְׂרָאלִיק אִיז גֶעבּוֹירְן אִיז זַיין טַאטֶע גֶעוֶוען הוּנְדֶערְט יָאר אַלְט, זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען בְּלוֹיז אֵיין טָאג אַלְט.

"קוּם נֶענְטֶער צוּ מִיר יִשְׂרָאלִיק", הָאט זַיין טַאטֶע







גֶעזָאגְט מִיט אַ שְׁוַואכֶע קוֹל, "אִיךְ וִויל דִיר זָאגְן אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ". יִשְׂרָאלִיק הָאט זִיךְ צוּגֶעבוֹיגְן צוּ זַיין טַאטֶע צוּ בֶּעסֶער הֶערְן.

"יִשְׂרָאלִיק, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען מַיין צַייט, אִיךְ גֵיי שׁוֹין נִפְטָר וֶוערְן". "נֵיין טַאטֶע", הָאט יִשְׂרָאלִיק גֶעוֵויינְט, "לָאז מִיךְ נִישְׁט אַלֵיין". "יִשְׂרָאלִיק", הָאט זַיין טַאטֶע אִים בַּארוּאִיגְט, "אִיךְ גֵיי דִיךְ טַאקֶע אִיבֶּערְלָאזְן, אָבֶּער דוּ וֶועסְט נִישְׁט זַיין אַלֵיין. זָאלְסְט אֵייבִּיג גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, עֶר אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר, אוּן נֶעבְן דִיר. הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אוּן לֶערְן זִיךְ אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּ אִים אוֹיף דַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ, אוּן אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְּסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר פוּן אִים, וַוייל עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא נָאר אֵיין אֵיינְצִיגֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער".

מִיט דִי לִיבְּלִיכֶע וֶוערְטֶער אִיז יִשְׂרָאלִיק'ס טַאטֶע נִפְטָר גֶעוָוארְן.

***

יִשְׂרָאלִיק אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַ יָתוֹם אָן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע, אָבֶּער עֶר הָאט גוּט גֶעדֶענְקְט זַיין טַאטֶע'ס לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער, "דוּ בִּיסְט נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם, אוּן וָואס דוּ דַארְפְּסְט זָאלְסְטוּ בֶּעטְן נָאר פוּן אִים." וֶוען יִשְׂרָאלִיק אִיז גֶעוָוארְן הוּנְגֶעריג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַ טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע וָואס קֶען מִיר גֶעבְן צוּ עֶסְן, אָבֶּער אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הֶערְסְט מִיךְ אוֹיס, הֶעלְף מִיךְ הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער." יִשְׂרָאלִיק הָאט זַיין שָׁכֵנְ'טֶע אַרוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן פוּן פֶּענְסְטֶער, "אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ אַבִּיסְל זוּפּ?" "יְיַשֶׁר כֹּחַ," הָאט זִיךְ יִשְׂרָאלִיק בַּאדַאנְקְט, "יְיַשֶׁר כֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דוּ הֶערְסְט וָואס אִיךְ רֶעד צוּ דִיר, אוּן דוּ הֶעלְפְסְט מִיר שְׁטֶענְדִיג." אַזוֹי הָאט יִשְׂרָאלִיק אַלְץ גֶעטוּן, עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט זַיין טֶעג אִין וַואלְד, אוּן גֶערֶעדְט צוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין אִידִישׁ, עֶר הָאט אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְט אוּן אִים גֶעדַאנְקְט פַאר אַלֶעס וָואס עֶר הָאט, אוּן אִים גֶעבֶּעטְן אַלֶעס וָואס עֶס הָאט אִים גֶעפֶעלְט.

***

אֵיינְמָאל הָאט יִשְׂרָאלִיק שְׁפַּאצִירְט אִין וַואלְד אוּן גֶעזִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. "וָואס טוּסְטוּ דָא יוּנְגֶעלֶע אַלֵיין וַוייל אוּן צוּ וֶועם רֶעדְסְטוּ?" יִשְׂרָאלִיק דְרֵייט זִיךְ אוֹיס אוּן זֶעהְט אַ אִיד שְׁטֵייט נֶעבְן אִים. יִשְׂרָאלִיק הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אוּן אִיז אִים גֶעקוּמֶען שְׁטֶערְן פוּן רֶעדְן צוּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. "אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין," הָאט יִשְׂרָאלִיק גֶענְטְפֶערְט, "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר אוּן אִיךְ רֶעד צוּ אִים." דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ אִיבֶּערְצֵייגְן יִשְׂרָאלִיק מֶער נִישְׁט





צו רעדן צו דער אייבערשטער. דער אייבערשטער איז זייער הויך! מען קען נישט סתם אזוי רעדן צו דער אייבערשטער! דער אייבערשטער איז ווייט ווייט אויבן אין הימל.

דער מענטש האט ווייטער גערעדט צו ישראליק אנטקעגן די אמונה. ישראליק האט גלייך פארשטאנען אז דער מענטש איז נישט ערליך, ער האט געכאפט א צווייג און אים אנגעהויבן צו שלאגן, פלוצלינג איז דער מענטש פארשוואונדן געווארן, יעצט האט ישראליק פארשטאנען אז דאס איז געווען די יצר הרע וואס האט נישט ליב ווען א איד רעדט צו דער אייבערשטער, ווייל דורך רעדן צו דער אייבערשטער ווערט מען א גרויסער צדיק.

***

ישראליק האט זיך יעצט נאך מער געשטארקט מיט זיין אמונה אין דעם הייליגן באשעפער, און נאך מער גערעדט צו אים. אזוי איז ער אויסגעוואקסן, דער גרויסער צדיק, דער הייליגער בעל שם טוב,
זכותו יגן עלינו.

ווען דער קליינער נחמן האט געהערט די מעשה, האט ער געטראכט צו זיך, געוואלד! איך וויל אויך זיין א צדיק! אפשר אז איך וועל טון וואס דער הייליגער בעל שם טוב האט געטון, איך וועל אויך אנהייבן צו רעדן צום אייבערשטן, וועל איך אויך ווערן א צדיק? פון יענעם טאג האט נחמן שטענדיג גערעדט צו דער אייבערשטער אויף אידיש, אזוי ווי מען רעדט צו א חבר. ער האט אויפגעזוכט א שטילע פלאץ ווי מענטשן זעען נישט. ער פלעגט גיין אין די צימער ווי עס ליגט די היי. ער האט אלעס דערציילט פארן הייליגן באשעפער, און געבעטן אז ער וויל זיין אן ערליכער איד און א גרויסער צדיק.

פיל מאל האט דער קליינער נחמן געשפירט אז קיינער הערט אים נישט אויס, אבער ער האט זיך געשטארקט און ווייטער גערעדט צו דער אייבערשטער.

אויך פלעגט ער גיין צו די ציון פון דער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו, און דארט האט ער געוויינט צום אייבערשטן, רבונו של עולם, איך וויל זיין א צדיק, איך וויל זיין אן ערליכער איד.

***

מיט די עצה פון רעדן צו די אייבערשטער אויף די אייגענע שפראך, איז ער אויסגעוואקסן דער גרויסער צדיק, דער הייליגער רבי, רבינו נחמן פון ברסלב, זכותו יגן עלינו. און ווער עס וועט טון די עצה פון די הייליגע צדיקים, ער וועט גיין אויף א פלאץ ווי קיינער זעט נישט, און ער וועט רעדן צו די הייליגער באשעפער אויף זיין אייגענע שפראך, און נישט אויפגעבן, אפילו ער שפירט אז קיינער הערט אים נישט אויס, וועט אויך אויסוואקסן א גרויסער צדיק און אן ערליכער איד.



## טרעף די חילוקים

### טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער







בית מדרש היכל הקודש וויליאמסבורג - ערב שבועות תשע"ג

# טרעפליך

טרעפף די
פאלגענדע
בילדער











**לאמיר זיך זעצן עסן די**
**פיינע מילכיגע סעודה**


בס״ד
שבועות

# קליין און שיין


בית פיגא ערשטע קלאס - בארג סיני


משפחת פינטער


הערשי יאקאבאוויטש


יואליש שמן


יוטי שרי שטיינבערג - בארג סיני


יוסי ראטה


יושע היימליך


סילקי ראטענבערג


משפחת היילפרין


מרים גליקמאן און רחי זינגער


סילקי ראטענבערג


נחמן שמעון און דוד פריעדמאן


פיגא גאנצפריעד


פייגא פרידריך


פייגי לאנדא און שרי אינדיג


שרי פריינד


שרי שטיינבערג – לוחות


יואלי בירנבוים


לאה ברוין


שרי פריינד


רחל פעסיל גאנצפריד


משפחת יאקאבאוויטש – ווילעדזש

# שבועות געשמועסט

# שבועות גערעדט

קינדער היים

## וואס איז דיין בעסטע זאך פון יום טוב שבועות?

**די מילכיג**
**סעודה און**
**בלומען**
שרי אינדיג, ק
ברסלב

**די מצוות**
מרדכי בנציון לעווי, מאנסי

**מילכיגע אייסקרים**
נחמן נתן טייטלבוים, קרית ברסלב

**בלומען**
פייגי עקשטיין, קרית ברסלב

**לערנען א גאנצע נאכט**
וואלווי און משה מינצבערג, בית שמש

**טשיס באלס מיט טשאקאלאד**
יחזקאל היילפרין, קרית ברסלב

**באביס טשיס קעיק**
אלי שעכטער, לאנדאן

**די מצוות**
מרדכי בנציון לעווי, מאנסי

**טשיז קעיק**
אליעזר שלמה און נחמן נתן שניצלער, יחזקאל וועבערמאן, משה שמעון פעלבערבוים

**די מיליכיגע סעודה, און לערנען אסאך משניות**
ישראל בלום, בית שמש

**צו גיין אין שול**
פייגי אינדיג קרית ברסלב

**די מילכיגע סעודה**
אהרלע מינצבערג, בית שמש

**אויסזאגן גאנץ תהילים**
מרדכי הורוויץ, לאנדאן



**די פליישיגע סעודה**
לאה שטרויס, קרית ברסלב

**מיין באבע קומט צו אונזער הויז אויף יום טוב**
גיטי ראטה, קרית ברסלב

**אויפזיין שבועות ביינאכט**
אהרן און הערש מיילעך קאהן, קרית ברסלב

**תיקון ליל שבועות, און מאכן א סיום**
יצחק און משולם פייש אינדיג, מאנטריאל

**מאנגאו בלומען**
שלמה סאלז קרית ברסלב

**תיקון ליל שבועות**
אברהם שלמה מיטלמאן, מאנסי

**די מילכיגע סעודה**
אליעזר שלמה טייטלבוים, קרית יואל

**זיין ביים ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל**
סאבי טייטלבוים, קרית יואל

**טשיז קעיק**
שלום עזריאל קליין, מאנטריאל

**צו פארן קיין אמעריקע צו באבים הויז**
רחי שעכטער, לאנדאן

**אקדמות**
שלום יצחק זיאט קרית יואל

**מילכיגע דאנאטס**
סענדי שווארץ קרית ברסלב

**די בלומען אויפן ארון קודש און בלעמער**
שמעון דאנציגער, קרית טאהש

**אדמות און די מילכיגע סעודה**
שלום יוסף אביש, קרית יואל

**די מילכיגע סעודה**
שמעון זינגער

**טשיז קעיק**
סימי לאנדא, וויליאמסבורג

**עולה רגל זיין אין בית המקדש בקרוב**
שלמה זלמן אביש, קרית יואל

**די מילכיגע סעודה**
נתנאל אביש קרית יואל

**די מילכיגע סעודה**
נתנאל אביש, קרית יואל

**די טשיס קעיק**
יוסי פריעד, מאנסי

**די הייליגע תורה**
אלי זיאט, קרית יואל

**בלומען**
חני סראלאוויטש, קרית ברסלב

**מען הענגט אויף די בלומען און די מילכיגע סעודה**
ישראל שלום קויפמאן קרית יואל

**די מילכיגע קידוש אין שול**
יוסף פאראקאש קרית יואל

**בארג סיני קעיק**
מרים און רחי קליין, בארא פארק

**טשיז קעיק וואו ריגע טשאקאלאד**
אהרן הכהן קאהן

**די מילכיגע סעודה**
יושע היימליך, קרית ברסלב

**די מילכיגע סעודה**
לאה סראלאוויטש, קרית ברסלב

**די טשיס קעיק**
חיים ברוין מאנסי

**די מילכיגע סעודה**
אלי ברוין, מאנסי

**די בלומען**
צפורי בירנבוים, קרית ברסלב

**די טשיס קעיק**
שרי אינדיג, קרית ברסלב

**די שיינע בלומען**
מאטי סורקוס, מאנסי

**דער אייבערשטער האט אונז אויסגעוועלט און געגעבן די תורה**
יצחק הורוויץ, לאנדאן

# שרייב טישל

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו **מקבל זיין די תורה פונדאסניי!**





## טרעף די ווערטער

| | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| פ | מ | י | ט | ג | ז | א | ל | א | ב |
| ו | נ | ג | צ | כ | ר | ב | ס | ס | ט |
| נ | ח | ט | נ | א | כ | ע | צ | כ | נ |
| ד | ר | נ | ז | ל | כ | ס | ס | י | י |
| א | ק | ה | כ | ש | א | כ | מ | ע | נ |
| ס | צ | ו | ס | ז | מ | מ | ב | נ | ר |
| נ | ת | ד | ל | ס | נ | ח | ו | ד | ח |
| י | א | א | ו | ב | ה | א | ה | ס | צ |
| י | ז | ק | כ | נ | ר | י | א | ר | ה |
| ו | מ | א | ו | ע | ד | ש | ר | ד | פ |
| ג | ו | ת | ס | מ | ת | ה | כ | ו | ז |
| ו | ח | ע | ג | ק | ט | ו | י | ד | ו |
| ב | ר | ר | ר | כ | ל | כ | ר | ז | נ |
| ג | כ | ז | י | ט | ו | צ | ל | ה | ע |
| ל | ל | ט | י | ל | ק | ג | נ | ס | ג |
| ר | ב | ע | כ | י | כ | ש | י | ק | י |
| ט | ק | א | ש | ח | נ | ו | י | ד | י |
| מ | מ | ז | ת | ג | ר | ז | ז | נ | ט |
| פ | ת | מ | ס | ג | ע | כ | ה | פ | ג |

עס קומט א גרויסע חתונה די וואך, די שמחה ווערט גרעסער און גרעסער, מען גייט זוכה זיין צו מקבל זיין די תורה פונדאסניי.

*(עצתו אמונה נשא תשפ"ג)*

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

## ברסלב'ע חידות

**דער רבי' האט געזאגט: די ניגון פון אקדמות**

א. העלפט אינזין האבן די ווערטער
ב. מאכט בענקען צום אייבערשטן
ג. איז מורא'דיג מוזיקאליש
ד. האט מען געזינגען אין בית המקדש

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

חז"ל זאגן: ווען א מענטש איז מקבל אויף זיך דעם עול תורה זאגט דער אייבערשטער: רעכן איך כאילו דער מענטש האט קיינמאל נישט געזינדיגט

## געב א שמייכל

**וועלכע זאך האט זעקס פיס, צוויי הענט, א בארד און א ווידל?**

א מענטש וואס רייט אויף א פערד

געברענגט צו אייך דורך: הרב אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט



## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק ראשון

**נ. עַל יְדֵי אַחְדוּת שֶׁיִּהְיֶה בְּיִשְׂרָאֵל, יָבוֹא מָשִׁיחַ.**

דוּרְךְ דִי אַחְדוּת וָואס וֶועט זַיין צְוִוישְׁן אִידְן, וֶועט מָשִׁיחַ קוּמֶען.

# דא האט איר א שיינע קארטל

די פילע הפצה קארטלעך וואס וועט ברענגען נאך א איד נענטער צום אייבערשטן, ספעציעל יעצט זומער ווען די קארטלעך זענען גאר פאפולער.




צו באקומען ביי קרן הדפסה 718-387-2691 #104 אדער אין ביהמ"ד האשקי ביי די הפצה לאקער

קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל ותלמידיו הקדושים בעולם

פאר סיי וועלכע הערות ביטע רופט אריין קרן הדפסה

*sruliHeskel